STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04088

OYF KIDESH HASHEM

Jacob Pat

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פאט

אויף קדוש השם

צווייטער באַנד

בונדיסטן

פארלאג „די וועלט" ווארשע, 1928

J. PAT
Ojf kidusz haszem
Wyd. „Di Welt", Warszawa, 1928
Druk. „Di Welt", Nowolipie 7

אַ פּאָר ווערטער:

אין דעם בוך האָב איך נישט געשריבן קיין היסטאָריע. די געשילדערטע געשעענישן זענען נישט קיין זכרונות אָדער אויטאָביאָגראַפיעס. די פּאָרטרעטן זענען אויך נישט קיינע ביאָגראַפיעס.

פון היסטאָרישע מאַטעריאַלן, פון דערציילונגען און געבליבענע אָנדענקונגען, פון נאָטיצן, בריוו און באַשרייבונגען אין אַלטע אומלעגאַלע אויסגאַבן האָב איך געקליבן מאָטיוון. איך האָב געשריבן די געשיכטן צומאָל האַלטנדיק זיך נאָענט צו די דאָקומענטן און צומאָל אָוועקגייענדיק אַ זייט.

אונטער דעם נאָמען „בונדיסטן", האָב איך נישט פאַרשטאַנען דווקא די, וואָס האָבן געהאַט אַ פּאַרטייפּאַס. ביי מיר איז עס אַ שם־כּולל פאַר דעם יידישן רעוואָלוציאָנער, פאַר דעם יידישן סאָציאַליסט.

הגם דאָס אַליין איז אַליין פאַרשטענדלעך פאַר יעדן לייענער, דאַך שרייב איך די פּאָר ווערטער, כּדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדנישן.

דער מחבר.

אין גרעסטן טייל זענען עס מענטשן פּשוטע, מענטשן פּראָסטאַקעס — בערשטער, שוסטער, שניידער, געוועזענע קנעכט, אָרימע און הונגע־ריקע, וועלכע האָבן אָפּגעבראַכט אויף דער ערד אַ קידוש־השם, וואָס זיין גלייכן איז נישט געווען.

יעקב פּאַט

גאָלדע וועט אויסגיין.

I

די אָרעסטירטע האָבן „שפּאַצירט“ זייערע צען מינוט אויף דעם אדעסער טורמע־הויף. עמיך האָט צוגעוואָרפן צום הויכן און דאַרן חבר מוניע מיט די פּענסנע:

— די חברטע גאָלדע איז געפּערלעך...

איז מוניע געבליבן שטיין אויף מיטן הויף צערודערט און פאַרגאַפּעט, אַזוי ווי עס ווערט אַ שטוב, ווען מען וואַרפט אַריין אַ שטיין אין שויב.

די חברטע גאָלדע זיצט שוין דאָ מיט איר שווינדזוכט דעם זעקסטן חדש. אירע קראַנק־געוואָרענע יונגע ביינער און יונג בלוט בראַנדיקט. ברענט זי דאָ אַליין שטיל, אָן רויך, ווי אַ ליכט איבער אַ בעט פון אַ איינגעשלאָפענעם.

איר ווייסער פּנים אונטער די שוואַרצע האָר און אויגן רויטלט זיך, ווי ער וואָלט אויפבליצן אין זויבערן אומעט. אַז גאָלדעס שוועסטער קומט אויף אַ „סווידאַניע“, ברענגט זי שטענדיק בלומען, רויטע נעגעלעך, וועלכע נעמען זיך צונויף שפּעטער ביי גאָלדען אין טורמע־קאַמער מיט די בשמים פון אירע שלאַנקע, ווייסע, שטיל־ברענענדיקע צוויי־און־צוואַנציק יאָר.

האָט חברטע גאָלדע אָנגעהויבן אין טורמע־קאַמער צו שפּייען מיט בלוט. נאָכן ערשטן מאָל, אַז דאָס איז פאָרגעקומען, האָט זי זיך אָפּגערופן מיט אַ שמייכל צו די צוויי חברטעס אין קאַמער:

— ביילע, פע, דאָס איז אַזוי נישט שיין..

היינט האָט מען שוין איבערגעגעבן אויפן שפּאַציר, אַז באַלדע איז געפערלעך — זיי שטייערט זיך מיט דעם טויט.

עס איז געווען אַ אָנהויב־פרילינגדיקער טאָג אויפן טורמע־הויף. מוניע איז געבליבן שטיין אויפן מיטן שפּאַציר און אין אים האָט עס אַריינגעשלאָגן טיף מיט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין די ביינער, ווי מען קלאַפּט אין אַ בוים אין שטילן וואַלד:

— וועט שטאַרבן... וועט שטאַרבן... וועט שטאַרבן...

דער טורמע־נאַדזיראַטעל האָט זיך דערווייל צעשריען, אַז מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן אויפן שפּאַציר.

— נישט שטיין!.. גיין ווייטער!

אָבער מוניע איז ווייטער געשטאַנען. זאָל ער דאָרט שרייען אויף זיינע ציין.

— יאָ, מ׳כן מוז אָנהייבן דעם שטרייק... — איז פון וויטן טיף געקומען צוגיין צו אים אַ געדאַנק מיט אַ שאַרף אין האַנט.

אייגנטלעך זענען שוין באַלד אַריבער דריי וואָכן, ווי מען רעדט אין די קאַמערן פון די ״רייצן פּאָליטישע וועגן אַ הונגער־שטרייק. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלסט, ווען מען האָט איינגעפּירט די נייעס, אַז מען זאָל האָבן די „סווידאַניעס״ דורך די קראַטעס. ווען די אַרעסטירטע זענען אַראָפּגעקומען און דערזען אין קאַנטאָר די „רעשאָטקע״ און פון יענער זייט שטייען די קרובים, האָבן זיי מיט די הענט אַ טאַפּ געטון די ניי־אויסגעפּלאַכטענע דראָטן, דערפילט זיך אין דער דאָזיקער שטייג, און עמיץ האָט זיך אָפּגערופן:

— צוריק...

האָבן זיי שוין דעמאָלסט, גייענדיק צוריק אויף די טרעפּ, נישט זעענדיק זיך מיט די אייגענע, גערעדט וועגן דעם:

— לאָמיר פּראָטעסטירן דורך אַ שטרייק...

די קראַטעס ביי די „סווידאַניעס״ דאָס איז געווען דער אויפטו פון דעם נייעם קיילעכדיקן טורמע־נאַטשאַלניק, וועלכער איז אַהער אָנגעקומען דער טייוול ווייסט פון וואַנען.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט דער זעלבער נאַטשאַלניק איינ־

געפירט, אַז די שפּאַצירן זאָלן דויערן נאָר צען מינוט, אַנשטאָט די פריערדיקע צוואַנציק, און נאָר איינמאָל אַ טאָג, און מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן — מען מוז כסדר גיין, זיך דרייען אַרום און אַרום הויף איינער נאָכן אַנדערן.

— מען „איזדעקעוועט” זיך איבער אונז, שווייגעריי...

— האָט מוניע געקאַכט זיך — מען מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף.

זיינע אויגן האָבן הייס געבלעזלט, ווי עס בלעזלט דער גרויסער, שוואַרצער „לאַק” מיט טיי ביי זיין מאַמן אין אויוון.

און אַ סוף האָט געהייסן — אַרויסגיין אין אַ הונגער־שטרייק.

און גלייך מיט דעם איז עפּעס אַריינגעקומען אַ נישט־גוטקייט אין דעם געקעכטס. מען האָט געגעבן אַזאַ עסן, אַז ווי מען פלעגט עס נאָר דערלאַנגען אין קאַמער אַריין, פלעגט אונטערקומען אונטערן האַרצן אַ נודקייט און עפּעס אַזאַ פאַרע פון אַ וואַרימער, פרייענדיקער פאַרפוילעניש.

— היי, בראַט, נעם צו דעם שמעטניק!.. — פלעגט שרייען איינער פון די קרימינעלע אַרעסטאַנטן.

דער זעלביקער איז איינמאָל אַזוי אַרויס פון די כּלים, אַז ער האָט דאָס שיסל מיט געקעכטס אָנגעטאָן דעם „קלוטש־ניק” אויפן קאָפּ:

— נאַ, גיס אין דיין פּאַסקודנעם בויך אַריין...

— טראָג דעם צילינדער צום נאַטשאַלניק...

דערפאַר איז ער טאַקע אָפּגעזעסן פינף טעג אין קאַרצער. — אַ דאגה האָט ער.

און אָט דאָס, וואָס מען האָט דערציילט היינט אויפן שפּאַציר, איז געווען דער לעצטער שטויס: עס גייט אויס אַ מענטש אין קאַמער.

גאָלדע.

— מען מוז גאָלדען באַפרייען... — דאָס האָט היינט גע־רעדט די טורמע גייענדיק אויף די טרעפּ נאָכן שפּאַציר צו די קאַמערן.

און אזוי גייענדיק צו די קאמערן האט זיך עס אויפגע־קוילערט אין אזא שווארצן, שארפן שטיין, וועלכער האט זיך אנגעהאנגען אויף יעדערענס געמיט:

— א הונגעריקער שטרייק... א הונגער...

דער הויכער און דארער מוניע מיט די ארויסגעהאנגענע האר איבער זיין משופעדיקן, ווייסן שטערן איז געבליבן שטיין א רגע פארן טיר פון קאמער איידער ער איז אהין אריינגעקומען. נאכדעם האט ער זיך הויך אפגערופן צו די איבעריקע איבערן קארידאר:

— איך הויב שוין אן...

II

זיי זענען געווען דרייצן פאליטיש־ארעסטירטע באנסביילן. אלע דרייצן האבן פארשטרייקט. דער סטארשינא איז געווען מוניע.

ער האט געפאדערט ביי די נאדזיראטעליעס, אז מען זאל אים ארויספירן צום נאטשאלניק. ער וועט אים איבערגעבן די פאדערונגען. אויסנווייניק איז גארנישט. ער וועט אים איבערגעבן די פאדערונגען אויפן פאפיר.

האט מען אים געבראכט צום קיילעכדיקן נאטשאלניק, וועלכער האט געהאט אזא מראה אקוראט, ווי דער בויך האלט זיך אים צעוואקסן אויפן פנים.

מוניע האט געפאדערט:

גאלדע לעמבערסקא דארף תיכף באפרייט ווערן. שפאצירן דארף מען צוויי מאל א טאג צו צוואנציק מינוט און מען מעג זיך אויך אפשטעלן אויפן הויף. דאס עסן דארף פארבעסערט ווערן.

— און אז נישט?... — האט געפרעגט דער נאטשאלניק מיט א פאסקודנעם שמייכעלע. און אין דעם שמייכעלע איז געלעגן געפוילטערייד שווייסיקער ברוד און כאבאר, — אזא פארזשאווערט, שטעכעדיק, שטינקענדיק קעפל האט געהאט דאס דאזיקע שמייכעלע ביי דעם דיקן, טרייפענעם נאז. א נאז, ווי א מכה.

— י טרייקן מיר... — האָט מוניע געענטפערט און עס האָט זיך געטרייסלט דער דיקער, שוואַרצער שגירל פון זיינע מעשענע פענסנע.

— עס שאַדט נישט, אַז מען הונגערט צו אַ ביסל, מען קריגט אַ בעסערן אַפּעטיט... — האָט דער נאַטשאַלניק געענט־פערט.

ער האָט צוגענומען דעם פּאַפּיר, האָט אים פּאַמעלעך איינ־געלעגט, צוגעקנייטשט, נאָכדעם אים צוריק געעפנט און — אים צעפּיצלט אויף קליינע, קליינע, דראָבנע ברעקלעך. ער האָט עס געמאַכט מיט אַ פאַרשטעלטע ערנסטקייט.

— אָפּטראָגן זיך אין קאַמער!... — האָט ער אַ קאָמאַנ־דעווע געטאָן צו מוניען.

— איך גיי נישט... — האָט מוניע געזאָגט — איר זייט באַגאַנגען אַ געמיינהייט, אַ אומגעזעצלעכקייט, מיין פּאַפּיר מוז אַריבערגיין צום פּראָקוראָר...

— מאָלטשאַט!... — האָט געקלאַפּט אין טיש דער נאַטשאַל־ניק — און ניקאַקיך... אין קאַרצער וועט איר גיין...

— נאָר נישט געשראָקן... עס מוז דאָס פּאַפּיר איבערגע־געבן ווערן דעם פּראָקוראָר... איר האָט קיין רעכט נישט גע־האַט... קעגן זאַקאָן..

די ווערטער: פּראָקוראָר, רעכט, זאַקאָן... — די דאָזיקע ווערטער האָבן אַ ביסל צעטומלט דעם נייעם טורמע־נאַטשאַלניק, ער האָט זיך עפּעס דערשראָקן. ווער ווייס, וואָס דאָ קאָן אַרויס־קומען? — ער האָט צום ערשטן מאָל צו טאָן מיט אַזעלכע זאַכן. האָט ער צוריק געענטפערט:

— איך ווייס שוין, געלייענט... ווילסט פּראָקוראָר — שרייבט נאָכאַמאָל...

האָט זיך מוניע אַוועקגעזעצט ביים טיש און אָנגעהויבן שרייבן צום פּראָקוראָר. ער האָט אויסגעווישט די גלעזלעך פון זיינע פענסנע און זיי אַוועקגעלעגט אויפן טיש. שרייבן שרייבט ער אָן פענסנע. ער האָט נאָכגעטראַכט נאָך יעדעס וואָרט און אים איבערגעוואָגן, און אַזוי ווי אָפּגעשאַצט אין די הענט:

„צום הער פראָקוראָר. הגם דער הער נאַטשאַלניק פון טורמע האָט אונזער ערשטע מעלדונג אומגעזעצלעך און אויף אַ ציניש אופן צעריסן, דאָך שרייבן מיר צו אייך נאָכאַמאָל: מיר, דרייצן פּאָליטיש אַרעסטירטע, האָבן פון נעכטן אָן דערקלערט אַ הונגער־שטרייק. מיר פאַרלאַנגען, אַז עס זאָלן אויסגעפירט ווערן אונזערע מינימאַלע, מענטשלעכע פאָדערונגען. ליגט אַ מענטש אין דער פּרויען־אָפּטיילונג, גאָלדע לעמבערסקאַ, און שפּייט מיט בלוט, אין שווערן צושטאַנד פון שווינדזוכט, און גייט אויס. מיר פאַרלאַנגען, אַז זי זאָל תיכף באַפרייט ווערן, אויב נישט, וועט עס זיין אַ בפירושער מאָרד אין מיטן העלן טאָג. מיר פאַר־לאַנגען צוואַנציק־מינוטיקע שפּאַצירן. מעגן דאָך אפילו אַרעסט־טירטע זען דעם הימל צוואַנציק מינוט אַ טאָג. מיר פאַרלאַנגען, אַז בעת די סווידאַניעס זאָל מען אונז נישט האַלטן אין שטייגן. מיר זענען נישט קיין ווילדע חיות, די ריינע פּשוטע מענטש־לעכקייט איז אין אונז דורך דעם באַשפּיגן געוואָרן"...

יאָ, וועגן אויסבעסערן דאָס געקעכטס האָט ער פאַרגעסן לכתחילה שרייבן. נאָר באַלד ביים טיר האָט ער זיך געכאַפּט און ער האָט זיך אומגעקערט, און נאָך אַלעמען עס אַריינגעשריבן.

— איך האָף, הער נאַטשאַלניק, אַז דאָס וועט איבערגע־שיקט ווערן צום פּראָקוראָר... — האָט מוניע געזאָגט אַנטוענדיק זיינע פּענסנע און אַרויפלייגנדיק דעם שוואַרצן שניר איבערן אויער.

פאַר די קרימינעלע אַרעסטאַנטן איז געווען אויסטערליש די גאַנצע מעשה. זיי האָבן געגערדעט צו די פּאָליטישע.

— נו, דו שפּאַסט, ברודער, וואָס הייסט, וועסט דאָך שטאַרבן...

— אַזוי, ברודערל, מיר שטאַרבן פאַר פרייהייט...

— אָך, איך פאַרשטיי, זאָ „וואָליו"... איך פאַרשטיי... — האָט דער אַרעסטאַנט געענטפערט און דאָך נישט באַנומען.

— נאַ, איך וועל דיר געבן מיין ברויט...— האָט געזאָגט דער געלער ליאָווקע, וועלכער האָט געוואַרט אויף זיין עטאַפּ נאָך קאַטאָרגע, דערפאַר, וואָס ער האָט אין כעס אָן דערמאָרדעט זיין אייגענעם שוואָגער.

— גיין, ברידער, מיר שטרייקן...

— אַט משוגעים...

שוין אויפן צווייטן טאָג פון שטרייק, זענען עס געוואָר געוואָרן די דריי פרויען פון דעם פרויען־פליגל און זיי האָבן תיכף אויך פאַרשטרייקט. עס האָט זיי פאַרדראָסן, פאַרוואָס מען האָט זיי באַלד נישט צוגעבן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער הונגער.

די טורמע־נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך גאָרנישט וויסנדיק גע־מאַכט. ווילן זיי נישט עסן, איז נישט. נישקשה, זיי וועלן בעסער ווערן. די הונגערנדיקע האָבן אויפגעהערט אַרויסצוקומען פון די קאַמערן. מען איז גאַנצענע טעג און נעכט אָפּגעזעסן אויף די ערטער.

מען האָט זיך געפּייניקט די ערשטע פּאָר טעג. נאָכדעם איז געקומען אין זיך אַזאַ טשאַד און אַזאַ פאַרטומלטקייט. עס האט זיך נאר געוואלט טרינקען. עס האט אין זיך געטריקנט און געצויגן. דאס גאנצע לעבן אין זיך איז געווארן טרוקן און איינגעשרומפּן, ווי עפּעס אַ פויגעלע אין זיך וואלט חלשן.

מען האט געפאדערט דעם פּראקוראר און ער איז נישט געקומען.

עס האָבן זיך זייער לאַנג געצויגן די טעג. עס איז גע־ווען אַזאַ מאָדנער, פאַרשכורנדיקער קאָשמאַר. אויפן זעקסטן טאָג זענען דריי פון די חברים, אָפּגעשוואַכטע און אויסגעפּייניקטע, געפאַלן אין חלשות.

— זיי שטאַרבן נאָך נישט... — האָט געזאָגט דער נידע־ריקער און קיילעכדיקער נאַטשאַלניק.

III

גאָלדע האָט אויך געשטרייקט. עס האָבן נישט געהאָלפן די בקשות פון די חברטעס און די טענות:

— גאָלדע, אַלע באַפרייען דיך פון הונגערן...

זי האָט זיי נאָר אָנגעקוקט מיט פאַרדרוס.

— צוליב דיר ווילן מיר אַלע מוזן איבעררייסן דעם הונ־גער־שטרייק...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן.

אַט אויפֿן זעקסטן טאָג פֿון הונגער־שטרייק האָט גאָלדע אַרויס־שיקט אַ בריוו צו איר איינענער שוועסטער:

שוועסטערקע! איך האָב דיר שוין נישט געזען צוויי וואָכן. און איך בין זיך מודה: איך וואָלט דיר זייער געוואָלט זען. ווער ווייס...

עס איז היינט אַ פֿרילינג הימל און אַ קלאָרע לופֿט. פֿון פֿענסטער זע איך אונזערע געמויערטע ווייסע געביידעס און די קראַטעס אויף די פֿענסטער. אַט זע איך בסדר די אומבאַ־וועגלעכע פֿיגור פֿון וועכטער. אַרום און אַרום איז שטיל. עס איז שטיל אין אונזער טורמע. טרויעריק שווייגן די קאָרידאָרן. עס איז אַ שוידערלעכע שטילקייט.

פֿאַרדעקט מיט דער דאָזיקער שטילקייט איז אונזער לאַגע, פֿאַרביטערטע מלחמה. שוועסטערקע, מיר שטייערן זיך דאָ אונטערן איינהיל פֿון דער שווייגעניש, פֿון איין זייט — אַ בלינדע, אַכזריותדיקע קראַפֿט פֿון פֿויסט באַוואָפֿנט מיט קייטן און מיט ריטער, פֿון דער צווייטער זייט — די שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון אַן אויסגעפּייניקטער נשמה.

זעקס טעג ציט זיך שוין דער הונגער־שטרייק. די חבר־טעס זאָגן, אַז זיי זענען אין אַ קאָשמאַר. זייערע קערפּערס זענען פֿאַרמאַטערט, זייערע פּנימער האָבן אַן ערד־קאָליר, זייערע האָר זענען אינגאַנצן צעשויבערט. זיי זאָגן, אַז אין דער מענער־אָפּטיילונג געפֿינט מען זיך אין אַ חלשות־צושטאַנד. נאָר איך פֿיל נישט דעם קאָשמאַר. מיר הונגערט זיך לייכט. מיר גלוסט זיך גאָר נישט עסן. איך האָב אַ קוק געטאָן אין שפּיגעלע, בין איך זיך געפֿעלן געוואָרן. די חברטעס זאָגן, אַז מיינע אויגן גלאַנצן זייער. קאָן זיין. איך האָב עס נישט געזען. נאָר אין הארצן באַריעט עפּעס אַזוי, ציט עפּעס אַזוי, שוועסטערקע.

איך וואָלט זייער וועלן וויסן, וואָס מאַכט מוניע. מיר הערן פֿון זיי גאָרנישט. אָדער זיי ווילן מיר נישט דערציילן. ער מוז זיין צווישן די פֿאַרחלשטע.

גאָלדע.

דער הונגער-שטרייק האָט זיך געצויגן, עס זענען שוין אַריבער אַכט לאַנגע מעת-לעתן.

איינמאָל ביינאַכט, אַז זיי זענען אַלע דריי נישט געשלאָפן, האָט זיך גאָלדע אָפּגערופן:

ביילע, דו שלאָפסט...

— ניין, וואָס איז? — האָט ביילע געענטפערט.

— ווייסט, ביילע, — האָט גאָלדע געזאָגט — עס דערמאָנט זיך מיר איצט אַ זאַך, וואָס איך האָב מיין גאַנץ לעבן פאַרגעסן... אַז איך בין אַלט געווען אַ יאָר זעקס־זיבן איז דאָס געווען... ביי אונז אין שטוב איז געווען אַ געל פייגעלע אין אַ שטייג... עס איז געווען פאַרנאַכט... קיינער איז ביי אונז אין שטוב נישט געווען, נאָר איך מיטן פויגל... אַלע זענען אַוועק... איך האָב געוויינט, ווייל מען האָט מיר אַליין געלאָזן... איך בין געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע... אין מיטן האָב איך געזען דעם פויגל אין שטייג און עס פּישטשעט עפּעס, פּישטשעט... האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט... איז געוואָרן אַזוי שטיל און — דער פויגל האָט געפּישטשעט... האָב איך אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער ערד און איך האָב אויך געפּישטשעט.., מיר ביידע — איך און דער פויגל... און עס איז מיר געוואָרן אַזוי גוט פון דעם, אַז איך בין אַווי געלעגן ביז די מאַמע איז געקומען...

דער הונגער־שטרייק האָט זיך געצויגן. עס זענען אַריבער אַכט לאַנגע מעת־לעתן.

IV

אויף דעם ניינטן טאָג האָט אַזוי ווי פון זיך אַליין אויסגעבראָכן אַן אמתער שטורים אונטער די ווענט פון אָדעסער טורמע.

פון די קאַמערן האָבן זיך אָנגעהויבן צו טראָגן געשרייען פון די הונגערנדיקע. עס איז נישט געווען קיין אָפּגערעדטע זאַך. עס איז איינגעפאַלן מוניען, וועלכער איז אַליין געזעסן אין אַ קאַמער, האָט ער אָנגעהויבן צושרייען:

— ־־ים פּראָקוראָר אַהער!... אַהער!... אַהער!... ער האָט

געשריען גאָר נישט מיט זיין קול. עס האָט דומפּ אָפּגעקלונגען איבער דער טורמע, אַ געשריי פון אַ הונגערנדיקן, פאַרוווּנ־דעטן מענטשן. נאָך אים האָבן אָנגעהויבן צו שרייען אַנדערע־נאָכדעם — אַנדערע. באַלד האָבן שוין אַלע געשריען. און אין דעם דאָזיקן שרייען האָט מען אַרויסגעשריען זיך אײַנגאַנצן — מען האָט געוואָרפן פון זיך אַזעלכע שטיקער אײַנגעווייד. און עס האָבן זיך אַוועקגעקוילערט אַזעלכע פולע, קיילעכדיקע, גרויסע רייפן איבער אַלע קאָרידאָרן, איבער אַלע ווענט:

— גאָ — גאָ — גאָ — לאָ — לאַ — לאָ — דאַ — אַ — אַ — עם — עם !...

דא — ע — ע — עם !... —

די קרימענעלע אָרעסטאַנטן איז עס געפעלן געוואָרן. דער נאַקעט און הויל, וואָס אין זיי, האָט זיך צעיאָכמעט, האָבן זיי אָנגעהויבן באַראַבאַנעווען, ברעכן די טירן. מען האָט מיט טישן, מיט טובאַרעטקעס געקנאַקט אין די ווענט אַריין, מען האָט גע־בראָזגעט אין די פענסטער, אין די שויבן, מען האָט געשריען אין גאַס אַרויס:

— ראַ — טוי — טע !.. ראַ — טוי — טע !...

נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן פייפן, סוויסטשען און פון איין קאַמער איז געלונגען די אַרעסטאַנטן טאָן אַ פּראַל אַרויס אויף דרויסן, און דעמאָלסט איז שוין געווען פאַרפאַלן — דע־מאָלסט האָט שוין געמוזט עפּעס געשען.

דעמאָלסט איז אָנגעקומען דער גראַדאָנאַטשאַלניק ס ט אַ ר־ק אָ ו. שפּעטער איז טעלעפאָניש אַרויסגערופן געוואָרן דער פּראָקוראָר פ אַ ל ל אַ ן.

מען האָט גערופן מוניען.

דערווייל האָט מען אַרייגעפירט דרייסיק „קאָנאָוואָיִנע־“ אין די קאָרידאָרן. מען האָט צוריק פאַרשפּאַרט די אַרעסטירטע אין די קאַמערן. איינציקווייז האָט מען געשלעפּט די הונגערנדיקע אין די קאַרצערס. עס איז געווען צווישן די דרייצן אַ יינגער, זיבנצעניאָריקער יינגל, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, מיט אַ פויגלשן פּנים, און אַז מען האָט אים געשלעפּט איבער דער פאָדלאָגע אַ פאַרהונגערטן, געשלעפּט אַזוי פאַרן קאַרק, האָבן

זייגע דאַרע, ווייסע הענט, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט פון זייגע אַרויפגעצויגענע אַרבל, אויסגעזען, ווי די הינערישע דרייבעס, וואָס הענגען אין יידישן שעכט־הויז אויף די אייזערנע האַטשי־קעס.

דער פּראָקוראָר און דער גראַדאַנאַטשאַלניק האָבן געשריען אויף מוניען, געטופּעט מיט די פיס. מען וועט אים אין סוביר פאַרשיקן. ער איז געשטאַנען אין זיין שוואַרצן אויסגעריבענעם רעקל אַנט־קעגן זיי ביידע, זיינע אויגן, אונטער די פענסנע, האָבן זיך גע־ריסן פון די דינע אויגן־הייטלעך, די גאַנצע אויסגעמאַטערטע הויט פון זיין געזיכט האָט געהאַט אַ בלייכער פאַרמעט־מראה און ער האָט בלויז געזאָגט:

— איך האָב שוין דעם פּראָקוראָר אַלץ געשריבן...

— קענט איר הונגערן... — האָט דער גראַדאַנאַטשאַלניק געזאָגט:

מוניע האָט נישט געוואַרט אויפן סוף פון שמועס. ער איז צוריק געגאַנגען אין קאַמער אַריין. הינטער זיינע פּלייצעס האָט דער פּראָקוראָר מיטן בלאָנדן בערדל געוויזן דעם נאַטשאַלניק, אַז מען זאָל מוניען אין קאַרצער נישט פירן.

אָבער די, וואָס מען האָט אַרויסגעשלעפּט אין קאַרצער, האָט מען צוריק נישט געבראַכט. קיינער האָט נישט געוואוסט וואו זיי זענען אַהינגעקומען.

דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, אָבער דער הונגער האָט זיך ווייטער געצויגן.

V

עס איז שוין געווען אויפן עלפטן טאָג.

פון דער פרויען־אָפּטיילונג איז געלונגען אַריבערצושיקן אַ צעטעלע צו די מענער — צו מוניען. אין צעטעלע איז גע־ווען אַזוי געשריבן:

„איר מוזט איבעררייסן דעם הונגער-שטרייק. גאָלדע וועט היינט־מאָרגן אויסגיין".

דאָס צעטעלע האָט געברענגט אין די פאַרהונגערטע.

דול-געוואָרענע, פאַרעקשנטע הענט, וועלכע האַלטן אין מיטן שטייערן זיך.

ווי אַזוי קען מען איצט איבעררייסן?

— אָבער זי וועט אויסגיין...

און פון די דרייצן איז מען שוין אין די קאַמערן געבליבן נאָר זאַלבע פירט. זיבן האָט מען אַראָפּגעשלעפּט אין די קאַר־צערס און ערגיץ צעשיקט, פאַרוואָרפן. דריי ליגן אין שפּיטאָל פאַרחלשטע און מען קאָרמעט זיי מיט געוואַלט.

וואָס זאָל מען דאָ טאָן זאַלבע פערט?

איבעררייסן?

דאָס קען מען נישט. דאָס וועט מען נישט.

— אָבער דערווייל וועט גאָלדע אויסגיין...

מוניע האָט באַשיינפּערלעך געזען מיט זיינע אויגן, ווי די האַרציקע גאָלדע מיט דעם דינעם האַלז גייט אויס דאָרט אין קאַמער. —

און פון צוועלף־טאָגיקן הונגער שווינדלט אַזוי אין פאַר־פייניקטן גוף, עס דרייען זיך די ווייסע ווענט, דער טיש און—עס ווילט זיך אַנידער פאַלן.

וואָס־זשע טוט מען?

און דאָס איז געווען דער לעצטער שריט אין דעם דאָזיקן שטייערן זיך אין דער אָדעסער טורמע.

אויף דעם דרייצנטן טאָג האָבן די פיר באַשלאָסן, אַז זיי רייסן איבער דעם הונגער־שטרייק. זיי האָבן דאָס באַלד צוויסן געגעבן אין דער פּרויען־אָפּטיילונג:

— פון היינט צוויי בייטאָג רייסן מיר איבער...

נאָר דערביי האָבן זיי זאַלבע פירט באַשלאָסן, ווי אַזוי זיי פאַר זיך — זיי פיר פאַר זיך, פּראָטעסטירן קעגן דעם אומרעכט.

— מיר וועלן אויסדריקן אונזער פּראָטעסט דורך אונזער טויט...

געשטאַמט האָט עס פון מוניען. בעת ער האָט גערעדט וועגן דעם מיט די איבעריקע דריי, האָט שוין די דאָזיקע עקשנות

געלויכטן אונטער די גלעזער פון זייגע ברילן, ווי אָנגעצונדענע בוימאייל אין אַ בלעכענע לאַמטערנע. ביי די איבעריקע איז עס רעכט געווען, גלייכער, ווי זיך פייניקן ווייטער.

אַזאַ בריוו האָט מען אָנגעשריבן צום פּראָקוראָר:

„הער פּראָקוראָר!

„מיר שיקן אייך איבער אונזער טיפע פאַראַכטונג. נישט געפינענדיק קיין אַנדער מיטל און שווינענדיק דאָס לעבן פון אַ קראַנקער חברטע, באַגייען מיר זעלבסטמאָרד...“

געלונגען איז עס אָבער בלויז מוניען. ער האָט ביינאַכט פאַרלאָשן דעם נאַפט־לאָמפּ פון זיין קאַמער און ער האָט אַריינגעגאָסן אין זיין פון הונגער־פאַרברענטן קערפּער דעם פולן לאָמפּ מיט נאַפט. און אַזוי איז ער אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד.

די פענסטע מיט דעם שוואַרצן בענדל האָבן זיך אַוועקגערוקט אַן אַ זייט אויף דער ערד, אונטער דעם אייזערנעם בעטל האָט זיך אַוועקגערוקט איין פוס מיט אַ שיך, אין וועלכן די שוואַרצע גומע איז געווען אויסגעריבן און צעלעכערט.

איינער פון די איבעריקע, דער חבר מאָטל, האָט אַליין, איינער אַליין אַוועקגעהונגערט ביז דעם זעכצנטן טאָג — ביז מען האָט אים אַ פאַרחלשטן, מיט שוים אויפן מויל, אָפּגעפירט אין שטאָטישן שפּיטאָל.

טאָמער גיב איך ארויס

.I

שלמה דער בראנזשניק איז אַ בערשטער פון ווילקאָמיר נאָר איצט אין דער דעצעמבער־נאַכט געפינט ער זיך נישט ביי זיך אין שטאָט. ער גייט איצט צופוס אין דאָרף יוכאוויצע.

שלמה איז נאָך כמעט אַ יינגל, ער איז אַלט קאָרגע צוואנציק יאָר. אָבער ער איז שוין אין דער אַרבעט מער ווי צוויי יאָר. נאָך דעמאָלט, ווען די בערשטער האָבן עלף וואָכן געשטרייקט פאַרן צוועלפשעהדיקן אַרבעטסטאָג, האָט ער שוין באַנאכט אָפּגעוואַרט די שטרייק־ברעכער אויפן שאָסיי. —

זיין וועג איז געווען אַ געוויינלעכער: פון תּלמוד־תּורה צו די שפּיציקע אייזנס, וועלכע קאָמען די חזיר־האָר. אַ בער־שטער, ווי אַלע בערשטער פון ווילקאָמיר.

ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ דאַרער -- אָבער אַ שרפהלע אַזאַ איז געווען אין אים. ווי עס ברענט אַ שטרויע־נער דאַך אין מיטן זומערדיקן טאָג.

זיין נידעריקער טאַטע מיטן שיטערן גרויליכן בערדל פלעגט אַלע טאָג אפשר דריי שעה האלטן אין איין דאַוונען אין דער מתנגדישער שול. זיין טאַטע פלעגט דאַוונען מיט אוּם־געהויערע גרויסע תפילין אויף זיין נידעריקן און שמאָלן גרוי־ליכן קאָפּ. זיין טאַטע, הירש בער דער מעקלער פון חזיר־האָר, האָט געהאַט די גרעסטע פּאָר תפילין אין ווילקאָמיר, ער איז

אָבער, נעבעך, אַן אָרימאַן אַ ייד, האָט געוואוסט, אַז זיין זון איז שוין אַ פאַרפאַלענער:

— שלמה, וועסט גיין פון דער וועלט...

— וועל איך...

נאָר איצט גייט ער נישט פון דער וועלט. ער גייט צוזאַמען מיט נפתלי דעם „איבערפירער". עס איז צום ערשטן מאָל, אַז ער טוט אַזאַ גרויסע, אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט.

דערווייל איז נאָך אויף י ע נ ע ר זייט, אויף דער דייטשער זייט, און ער גייט צום דאָרף יוכאַוויצע — יוכאַוויצע איז שוין אויף ד ע ר זייט. זאָל ער נאָר בשלום אַריבערקומען קיין יוכאַוויצע.

ער טראָגט אַזוי פראָסט פראַנק און פריי אויפן פלייצע אַ טשעמאָדאַן מיט סחורה. עס איז אַ פולער טשעמאָדאַן מיט ליטעראַטור. דער „איבערפירער" האָט געזאָגט, אַז די גרענעץ איז „אָפּגעסמט". נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

— געדענק, נפתלי, וועסט דיין לינקן אויער נישט אָנקוקן...

— געגאַנגען, נישט געבעבעט...

גייט ער איצט אין דער דעצעמבער־נאַכט. יענער, וועלכער האָט עס געבראַכט קיין סיוועסדאָרף, צו דער דייטשער זייט, יענער, מיט דעם שוואַרצן בערדל, וועמענס נאָמען שלמה דער בראַנזשניק ווייסט אַליין אפילו נישט, האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך ישובן, צי מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן, ער האָט מיט אים גאָר קנאַפּ גערעדט, מער גישט אָפּגענומען דאָס בריוועלע פון חבר בעני און צוויי ווערטער געזאָגט:

— ווייסט פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

יאָ, שלמה ווייסט. ער וועט עס ברענגען און איבערגעבן אַזוי, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט מיט בעניען. אין ווילקאָמי־ וועט ער אַריינפאָרן מיט דער פור. קיין בן־אדם וועט נישט וויסן, אַ פויגל וועט קיין פּיפּס נישט געבן.

דערווייל גייט מען. פון גיין און פון דער משא פילט מען נישט דעם פראָסט און מען זעט נישט די נאַכט. עס איז אפילו הייס געוואָרן, נאָר, יאָ, — דאָס איז פון טשעמאָדאַן. דאָס

איינציקע, וואס מען זעט אין דער נאכט, איז נאָר דער אַרויפצו — אַט דאָרטן, וואו עס דארף ליגן דאס דאָרף יוכאוויצע.

פונדעסטוועגן דארף מען דאָ ביי די פייערלעך גיין שטי־לער, פאָרזיכטיקער. דא איז די ליניע פון די גרענעץ־סעקרעטן. — שטיל. מען זאָל גאָרנישט דערהערן.

היינט גיי ווייס, אַז דעם גרעניץ־סטראַזשניק יעוודאָקים באקאטשיק איז נאָך מיט צוויי טעג צוריק געוועזן באַקאַנט, דאָס אין דער נאַכט פון צווייטן דעצעמבער אַרום צוועלף אַ זייגער וועט גיין אַ מענטש מיט „צארסקע סחורה" און אַז ער דאַרף אים וואַרטן דאָ ביי די סעקרעטן. און שוין באַלד אַ שעה, ווי יעוודאָקים קוקט פון באַהעלטעניש אין פעלד אַריין, אין פאַר־שנייטן, ליידיקן און קאַלטן פעלד. און שוין אפשר אַ פערטל שעה, ווי ער האָט געזען די שאָטנס פון די צוויי מענטשן — און איינער מיט אַ טשעמאָדאַן — דערנענטערן זיך צו דער ליניע

פון נפתליקע דעם איבעו פירער איז גאָרנישט געוואָרן. ער האָט געמאַכט ויברח. געבליבן איז שלמה אַליין. נאָר צו אים איז צוגעקומען דער סטראַזשניק יעוודאקים. שפעטער האָבן שוין נישט געפעלט אויך אַנדערע.

— אַך, טי, בונטאָווטשיק, קאָנטראַבאַנדיסט...

II.

אין ווילקאָמיר האָט מען שלמהן אַריינגעפירט אויף אַ שענדלעכן אופן. זיינע הענט זענען געווען געבונדן אויף הינטן מיט שטריק. פון ביידע זייטן זענען געגאַנגען פּאָליציייסקעס און האָבן געהאַלטן ביי די עקן פון שטריק.

עס איז שוואַרץ געוואָרן די גאַס. קינד און קייט איז געלאָפן עס אָנקוקן.

— דאָס איז דאָך שלמה...

— שלמהקע בראַנזשניק...

צום ערשטן מאָל אין ווילקאָמיר פירט מען אַ מענטש מיט געבונדענע הענט אויף הינטן און אויף אַ שטריק.

— אַז ער איז פון יענע...

— אחדותניקעס...

און גלייך האָט מען אויף דער שוואַרץ־געוואָרענער גאַס געוואוסט פאַרשיידנס צו דערציילן:

— יאַמבעס געפּאַקט...

— אַ וואָגן מיט געווער...

— פּראָקלאַמאַציעס...

און שלמה איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ניט מחמת ער שעמט זיך. וואָס און פאַר וועמען האָט ער זיך דאָס צו שעמען? — ער האָט עס געטאָן דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט ווייזן זיין צעיושעטן פּנים.

מען האָט אים געשלאָגן, צעהרגעט, ווי אַ ביטערן עפּל. גייענדיק אַזוי מיט די שטריק פון ביידע זייטן נאָגט עפּעס אין האַרצן און עס שטיקט, עס ווערגט אין האלז. האַלט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, כדי עס זאָלן נישט אַרויפקומען טרערן אין די אויגן.

די פּאָליציייסקעס גייען זייער וויכטיק און האָבן הנאה פון דער גאַנצער זאַך. אַנטאָן גאַווריליוק ווישט כסדר מיט זיין פּאָליצייסקן אַרבל די פאַרפרוירענע וואָנסעס, כדי ער זאָל נאָך סטאַטעטשנער אויסזען אין די אויגן פון גאַנץ ווילקאָמיר.

אין די בערשטערייען האָט מען באַלד געלייגט די אַר־בעט. די בערשטער זענען אַרויסגעקומען אין גאַס. „אָפּשלאָגן“ — דאָס איז געווען דער ערשטער אימפּעט, אָבער עס איז געווען די גאַנצע זאַך אַזוי פּלוצלימדיק, אַז אָט איז שוין שלמהקע געווען אויף די טרעפּ פון „פּאָליצייסקע אופּראַוולעניע“.

סאַמע אין דער מינוט איז אָנגעלאָפן שלמהס טאַטע, הירשל־בער דער מעקלער, ער האָט נאָר באַוויזן צו זען די פּלייצע פון זיין זון, אַן עק פון שטריק, בעת מען האָט אים אַריינגעפירט אין טיר פון דער פּאָליציי. הירשל־בער איז צו־געלאָפן צו די הילצערנע בריקלעך, צום סאַמע טיר:

— מאַי שלמהקע... לאָזט אַריין... לאָזט...

אָבער מען האָט אים אַראָפּגעשליידערט פון בריקל:

— סטופּיי... טראָג זיך אָפּ... מעגסט זיך מיט דיין זינדל שוין געזעגענען...

איז ער, דער קליינער און דאַרער טאַטע, געבליבן שטיין אַזוי אויף מיטן גאַס, נישט ווי־סנדיק, אויף וועלכער ער איז.

עס איז געוועזן שוואַרץ די גאַס. מען האָט זיך נישט געצ־רירט. מען איז געשטאַנען, געחדושט זיך, געגאַפּט. עפּעס אויס־טערליש איז אַוועקגעגאַנגען איבער די חושים: אָ, וואַ... אָ, וואַ... געזען אַן אָקאַזיע... געהערט אַ מעשה... אָ, וואַ...

ביז עס זענען אַרויסגעקומען צוויי פּאָליציייסקעס מיט די בלויזע שווערדן און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין עולם:

— ראַסכאָדיס... ראַס... — — טופּיי... — —

.III

אויף מאָרגן איז דער זשאַנדאַרמערסקער פּאָלקאָווניק פון קאָוונע געקומען צופאָרן קיין ווילקאָמיר צו שלמהקן. עס זענען אויך געקומען ציוויל־אַנגעטאַנענע —

— „אָכראַניקעס"...

אָט צוליב דעם שלמה באַראַנזשניק.

פּאָר שטאָט זענען נישטאָ קיין סודות. דאָס האָט באַלד געוואוסט גאַנץ ווילקאָמיר און עס האָט אַריינגעוואָרפן אַ וויכ־טיקייט, אַ געהיימקייט און — אַ פּחד.

מען האָט אויך געגנוי געוווסט, אַז מען האט אים די נאַכט צעשלאָגן, ווי גאַווריליוק קען שלאָגן. —

פאַרגעקומען איז עס אַזוי: מען האט אים אַרויסגענומען פון דער „רעשאָטקע", אַריינגעבראַכט אין קאַנצעלאַריע — געווען איז דאָס שפּעט אין דער נאַכט. מען האָט צו אים געהאַט איין טענה:

— גיב אַרויס ווער האט דיר געשיקט.

— וועמען האסטו געדארפט די פּאסקודסטווע דיינע אוועק־געבן — אט דעם פארפּאַסקודזשעטן טשעמאָדאן?...

— וועט מען דיר לאזן פריי...

נאך איידער מען האט אים געשלאגן האט שלמהקע דער בראנזשניק געענטפערט:

— קיינעם נישט...

וואָס הייסט קיינעם נישט?

— איך וועל נישט ענטפערן די זשאנדארמעריע...

— וואס הייסט דאס?

— גארנישט...

נאר ווי מען האט אים דערלאנגט דעם ערשטן פאר אריין אין די ציין, אין דער ברייט, האט ער געשוויגן, געשטומט. מער קיין ווארט נישט גערעדט. —

און דאס האט דעם זשאנדארמערסקן פּאלקאווניק מיט די צוויי אכראניקעס ארויסגעבראַכט פון די כּלים.

— מ׳וועט דיר שוין דערציילן א מעשה...

— וועסט שוין ביי אונז רעדן...

ער האָט נישט געענטפערט. און דאס פארקנוילט, פאר־הארטעוועט שווייגן זיינס איז געלעגן, ווי א קאַלטער, שפּיצי־קער שטיין, אין מיטן נאכט, אין דער פּאליציי־קאנצעלאריע.

האָט מען אים אָפּגעפירט פון ווילקאָמיר קיין קאָוונע. אין דער גרויסער קאָוונער טורמע אריין.

דאָס האָט דער זשאַנדאַרמערסקער פּאָלקאָווניק געהייסן צו־ליב צוויי זאַכן: דאָרטן אין קאָוונע וועט מען שוין ביי אים ניכער ארויספּרעסן. דאָס איז ראשית. און צווייטנס האָט מען גערעדט, אַז די בערשטער קלויבן זיך איבערקערן די שטאָט. אָט האָט מען נאָך אין דעמזעלביקן פאַרנאַכט געפּאַקט אין דעם מאַרק־געסל גאַווריליוקן און מען האָט אים געמאַכט פאַר א למדן... — ער האָט שפּעטער געדאַרפט ברעכן דעם קאָפּ וועגן דעם, ווער זאָל עס אים האָבן אַזוי צורעכט געמאכט? —

האָט מען דעריבער שלמהקן נאָך אין דער זעלביקער נאַכט

אָפּגעפירט צום באַן און מיט דער באַן — קיין קאָוונע אין טורמע אַריין.

אַ צוויי טעג האָט מען אים געלאָזט צו רו. נישט מען האָט אים געפרעגט, נישט מען האָט אים גערופן — מען האָט אים געלאָזן זיצן אין דעם איינצל־קאַמער איינער אַליין.

אָבער נאָכדעם האָט מען זיך צו אים גענומען. דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין ווילקאמיר איז געווען אַ געלעכטער אַקעגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָוונע — אין דער קאַנ־צעלאַריע פון קאָוונער טורמע, ביים טיש מיט דער שוואַרצער צעראַטע, מיט דעם ווייסן שיין איבער דעם בייכיקן נאַפט־לאַמפּ.

דער ערשטער ברוך הבא איז געווען: אַ שלעפּ פאַר די פּיס און מיטן קאָפּ אַראָפּ איבער צוויי שטאָק טרעפּ. האָט מען שוין אים אין טורמע־קאַנצעלאַריע אַריינגעבראַכט אַ צומראַטשעטן.

און נאָכדעם די פליאַסקענדיקע פּעטש, וועלכע זענען גע־פלויגן איינס נאָך דאָס אַנדערס אין צורה אַריין. האָבן עפּעס פון זין אַראָפּגעשלאָגן.

— שלאָגט נישט... — האָט ער בלויז באַוויזן אַרויסצוזאָגן.

און גלייך זענען ווידער געפלויגן, ווי די קנאַלענדיקע משחיתים, איינע נאָך די אַנדערע די פּעטש.

— אַזאַ מאַלקאָסאס, אַזאַ סמאַרקאַטש, זאָל נישט געבן לשון...

האָט ער שוין נישט געוווסט, אויף וועלכער וועלט ער איז, ער האָט זיך נאָר דערשפּירט אַ רגע פולשטענדיק ביים זי־נען, ווען ער איז געלעגן אויף דער פאָדלאָגע און עמיץ האָט אים געדעפּטשעט מיט אַ שטיוול. דעמאָלסט האָט ער אַזוי מיט זיינע אונטערגעשלאָגענע אויגן אַ קוק געטאָן צום לאַמפּ, וועל־כער איז געשטאַנען אין מיטן דער נאַכט אויפן טיש, און ער האָט אַ זאָג געטון:

— שלאָגט נישט...

עס איז אים געווען נאַס אין די בגדים, נאַס פון בלוט, וואָס האָט פון אים געיוּשעט. דער גאַנצער דאַרער גוף פון דעם שלמהקע באראנזשניק האָט עפּעס איצט געלעבט בלויז אין זיין אייגן בלוט, וואָס איז געווען אַרום אים אַרומגעגאָסן, און די־

קליידער האָבן זיך פון דעם געקלעפּט צום לייב.

— מ'האָט שוין אַזאַ איינעם, ווי דו, אָוועקגעלייגט אויך...

— טאָ לייג...

נאָר עס ווילט זיך לעבן. שלמה איז דאָך נאָך ערשט אַלט גישט מער, ווי קאָרגע צוואַנציק יאָר. און אָט גייען די כּחות אויס.

— זאָג וועט מען דיר אַרויסלאָזן...

האָט ער זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ צו דער וואַנט און געשוויגן. און אָט אַזוי — דער ליגנדיקער, צושלאָגענער, צו־בלוטיקטער און פאַרשטומטער יינגל האָט געדאַרפט מלחמה האַלטן מיט אַזאַ טיטאַנישע זאַך, מיט אַזאַ מאַוימדיק־שוידערלעכע זאַך;

— ראָססיאַ... סאמאע דערזשאַוויע...

און אינעווייניק אין אים האָבן אָן אַ קול געוויינט זיינע יינגע ביינער.

און דער דאָזיקער שטומער געוויין האָט זיך שפּעטער אַ ווײַלע, ווען מען האָט אים בגוואַלד איבערגעקערט צוריק מיטן פּנים און מען האָט אָנגעהויבן מיט אַזאַ שרפהדיקן לעדער צעפּאַסטוועון,

— האָט זיך עס אויסגעדריקקט אין אַזאַ צעפּליקט געשריי.

גוואַלד !...

און ער איז פאַרחלשט געוואָרן. —

מען האָט אויף אים געגאָסן קאַלט וואַסער. נאָכדעם האָט מען אים געפירט, ווי אַן אונטערגעשניטענעם, אונטער די הענט אויף די טרעפּ אין איינצל־קאַמער אַריין. אַרום און אַרום האָט אַלץ געשלאָפן. אַז מען האָט שוין אַריינגעוואָרפן אין קאַמעל אַריין, האָט מען אים אָנגעזאָגט:

— מאָרגן באַגינען האָסטו די צווייטע פּאָרציע...

.IV

אויף דעם אייזערנעם געלעגער איז ער געשלאָפן זייער ווייניק. אים האָט זיך כּסדר געדאַכט, אַז מען וועקט אים ווידער צו שלאָגן. און עס האָט אים דעריבער כּסדר אַרומגעכאַפּט אַ ביז איצט אומבאַקאַנטע אימה. —

עס האָט רק געשווינדלט, געשווינדלט פאַר די אויגן. אַזוי ווי ער וואָלט נישט זיין ביי די קלאָרע געדאַנקען.

אַז ער איז אַנדרימלט געוואָרן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער גייט מיטן טשעמאַדאַן אויפן וועג צום פּאַס פון די גרעניץ־סעקרעטן, צום דאָרף יוכאָוויצע. און עס איז געווען אַזוי גרינג פון דעמדאָזיקן גאַנג.

האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און באַלד צוריק צוגעמאַכט די אויגן.

איצט איז ער אין סיוועסדאָרף, דאָרטן, וואו ער האָט איבערגענומען אויף זיך דעם טשעמאָדאַן פון דעם חבר מיט דער שוואַרצער באָרד, וועמענס נאָמען ער ווייס אַפילו נישט, און יענער זאָגט צו אים צוויי ווערטער:

— געדענקט — פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

האָט ער עס געדאַרפט אין ווילקאָמיר אָפּגעבן דעם חבר בעניע דעם לערער. אים האָט ער געדאַרפט אָפּגעבן אין האַנט אריין — דעם חבר בעניע.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ מאָדנע שרעק, אַזוי ווי עמיצער וואָלט אים עפּעס אַ כאַפּ געטאָן. יאָ, ער האָט געהאַט דעם געפיל, ווי ער וואָלט אַרויסגעגעבן יענעם נאָמען, דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן אַזוי שטייף און זיך פאַרשטשימעט אונטער דעם לעדערנעם פּאַס, בשעת מען האָט אים געפּאַסעוועט. ער האָט אויסגעגעבן. באַלד וועט מען בעניען מיט די ברילען אַריינפירן אַהערצו אין קאַמער.

נאָר ניין. קיינער איז נישטאָ. עס איז געווען אַן אומזיסטע שרעק. האָט ער ווידער צוגעמאַכט די אויגן. לאַנג איז ער נישט געשלאָפן. ער האָט אַן עפּן געטאָן די וויעס און עס האָט אים אַ ריס־געטאָן אַ קוק צו טאָן צו דעם פאַרקראַטעוועטן פענסטער. —

ער האָט נישט געקאָנט אַליין איינהאַלטן זיינע פיס. זיי האָבן קענן זיין ווילן אָנגעהויבן צו ציטערן. ער האָט זיי געוואָלט צוהאַלטן מיט די הענט. ער האָט געזען פון צווישן די קראַטעס, אַז עס קומט שוין אַריין טאָג. הגם עס איז נאָך אין מיטן נאַכט געתען.

טאָגט שוין — וועט מען אים באַלד ווידער אַראָפּשלעפּן

מיטן קאָפּ אַראָפּ איבער די טרעפּ און מען וועט ווידער אָנ־הויבן שניידן מיטן לעדערנעם פּאַס און די פּרעסק אין פּנים אַריין.

גיב אַרויס !... גיב אַרויס !...

— ברר. ברר.

ניין. ער וועט נישט אויסהאַלטן. ער וועט מער נישט אויסהאַלטן. וואָס וועט זיין, אַז ער וועט גאָר אָנהויבן ריידן ?—

בשעת מען פּאַסעוועט, קומט אַזאַ שוואַכקייט אין קאָפּ, עפּעס צוגיסט זיך אינעווייניק אַזאַ מאַטערדיק זאַך.

— „בעניע. . . דער חבר בעניע וואוינט אויף דער פּאָנע־וועזשער גאַס"... — שטיפּן אַרויס די ליפּן איינצלנע ווערטער צו דעם אייזן, אויף וועלכן ער ליגט, און עס חערן גאָרנישט די אַנדערע אברים, וואָס די ליפּן טוען.

און מען וועט ברענגען אַהער דעם חבר בעניע אין קאַ־מער אַריין, אויג אויף אויג.

שוידערט ער, צאַפּלען זיך די פיס, אַז ער קען זיי נישט איינהאַלטן מיט די אייגענע הענט.

— טריט.

ער הערט טריט. אָט קלאַפּן אָפּ טריט איבער דעם קאָ־רידאָר. אָט סקריפּן אָפּ די ווענט. מען גייט שוין אים נעמען צו שלאָגן :

— גיב אַרויס... גיב אַרויס...

משוגענער־העזיות איז ער אַראָפּגעשפּרינגען פון בעטל מיט באָרוויסע פיס אויף דער ערד.

— וואָס טוט מען ?

אין קאַמער איז געווען פינסטער. זיין צעבייזלט און צע־בלוטיקטער קאָפּ מיט די אַרויסגעלאָפענע קליינע אויגן — אויגן, אַזוי ווי צוויי נאַקעטע, צעשראָקענע קינדער — האָט נאָר געזען דעם אייזן פון די קראַטעס, אין וועלכער דער געדוכטער באַגי־נען איז צעטיילט געוואָרן אויף אַ דרייצענדליק פינסטערע שטיקלעך.

און ער, שלמה בּאַראַנזשניק, איז געשטאַנען אויף מיטן
און געברענט אין אַ העלישן פייער:

— טאָמער גיב איך אַרויס?...

V

ער האָט נישט אַרויסגעגעבן.

אַז דער קאָרידאָריוועכטער האָט אין דער פרי אָפּגערוקט דאָס ברעטל פון טיר פון שלמהקעס קאַמער, האָט ער עס מיט שרעק גלייך געטאָן צוריק אַ קלאַפּ צו. דער גוי האָט זיך אי־בערגעצלמט.

ער איז געבליבן שטיין און זיך נישט געקענט אַ ריר טאָן פון אָרט. דאָרט איבערן וואַנט האָט ער געזען, ווי אַזוי דער מענטש פון דעם קאַמער הענגט אויף דער קראַטע פון פענסטער — אַט פּונקט וואַנען דער טאָג איז אַריינגעקומען.

דער „קלוטשניק" איוואַן סאַמאַילאָוו האָט זיך איינגע־שטעלט און ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן. אין קאָרידאָר איז מער, ווי ער, קיינער נישט געווען, האָט ער מורא געהאַט, זעט ער שוין איצטער גענוי, ווי אַזוי דער מענטש פון קאַמער הענגט, נישט אַ ריר צוטאָן.

ער, דער „קלוטשניק" איוואַן סאַמאַילאָוו, האָט זיך זייער איבערגעשראָקן. ער האָט אפילו נישט אויפגעשלאָסן די טיר. ער איז אַראָפּגעלאָפן מיט אַ בהלה פון די טרעפּ, אַריינגעלאָפן אין קאַנטאָר אונטן. ער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין נאַטשאַלניקס צימער מיט דעם בונט שליסלען אין די הענט.

— גולם, סקאַטינאַ, וואָס האָסטו נישט אויסגעטאָן דאָס היטל?... — האָט דער נאַטשאַלניק אַ געשריי געטאָן.

איוואַן סאַמאַילאָוו האָט זיך איצט געכאַפּט, וואָס ער האָט דאָ געטאָן — וואָס ער האט דאָס היטל נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיין חזירישן קאָפּ. ער האָט עס גלייך געטאָן. נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט נאָך וואָס ער איז אין קאַנטאָר אַראָפּגעקומען סאָמע אין דער פרי, נישט אין דער רעכטער צייט:

— וואַשע וויסאָקאָראָדיע... האָב איך דעם כבוד דאָקלאַ־

דעוועז... וואַשע וויסאָקאָראַדיע... איינער פון זייערע... אויף דער קראַטע... הענגט ער דאָרטן... יעצט באַגו... הענגט ער...

אַז מען איז פון קאָנטאָר אַרויסגעקומען עפּענען שלמהקעס טיר, האָבן שוין אַרויסגעשאָטן עטלעכע קרימינעלע אַרעסטאַנטן פון זייער אַלגעמיינעם צימער און קליינער האָט זיי אויף דער הייסער מינוט נישט געשטערט. אַז מען האָט אָן עפן געטאָן די טיר פון קאַמער, האָבן זיי אַלע אַריינגעשטעקט אַהין די קעפּ:

— ער הענגט... טויט...

און די קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן געלאָזט פאַלן סתם אין דער וועלט עטלעכע שווער־וואָגיקע, האַמעטנע קולות.

פון דעם שלמה באַראַנזשניק זענען אין קאַמער געוועזן בלויז פיר ווערטער:

— „טאַמער גיב איך אַרויס...”

VI

נאָכדעם האָט אין טורמע־בוך אריינגעשריבן דער נאַטשאַל־ניק אַזוי:

„דער פּאָליטיש־אַרעסטירטער שלמה ראַגוט, דער זעלבער באַראַנזשניק, איז אין טורמע פון שרעק משוגע געוואָרן. מען האָט אים געפונען אָן אויפגעהאָנגענעם אכט אַ זייגער מיט פיר און פערציק מינוט אינדערפרי — דעם 19־טן דעצעמבער פון 1902 יאָר”. אַלס עדות האָבן אונטערגעשריבן: דער קלוטשניק איוואַן סאַמאָילאָוו און דער נאַדזיראַטעל פּיאָטער גוואָזדיוק. דערביי איז צוגעלייגט געוואָרן אַ שיין פון טורמע־דאָקטאָר וולאַדימיר אָסיפּאָוויטש מיכאַילאָווסקי.

אין עטלעכע וואָכן אַרום זענען זיך צונויפגעקומען דריי הונדערט יידישע אַרבעטער אויפן בית־עולם ביי דעם קבר פון שלמה באַראַנזשניק.

אַ ביסל שפּעטער איז געוועזן דער געבורטס־טאָג פון דער קייזערין־אלמנה מאַריאַ. דער פּאָ, יצמייסטער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דעם טאָג מוזן ברענען ליכט אין די פענסטער. —

פוןביידע זייטן צו צוויי ליכט. אויף דרויסן דאַרף מען ביי די ברעגן פון די טראָטוואַרן אָנצינדן אילומינאַציע־לעמפּלעך, וועלכע זאָלן ברענען מיט אייל. —

האָט מען מקים געווען דעם באַפעל פון פּאָליצמייסטער לכבוד דער קייזערין מאַריאַ.

זענען אַרויסגעגאַנגען זעכציק יידישע אַרבעטער איבער אַלע גאַסן און מען האָט מיט די פּיס איבערגעקערט אַלע אייל־לעמפּלעך, און אין די שויבן, וואו עס האָבן געברענט די ליכט, האָט מען געשיקט שטיינער.

דער פּריסטאַוו איז אַרומגעלאָפן אַ משוגענער, אויסער זיך, אַ צעדולטער. ער האָט געשריען:

— וואָס וועט עס זיין?.. וואָס וועט עס זיין?..

— דער סטאַרשי גאָראָדאָוואָי האָט אים אָפּגעגעבן „טשעסט" און געענטפערט:

— אַ „רעוואָלוציע"... מען זאָגט, אַז אַ „רעוואָלוציע" וועט זיין... אַזוי זאָגט מען... וואַשע וויסאָקאָראָדיע...

חיים איז אוועק צו דער תליה

היימען האָט קיינער נישט געשיקט שיסן דעם פּריסטאַוו. דאָס האָט ער אַליין געטאָן. ער האָט אַפילו שיסן נישט געקענט.

הגם עס זענען אַוועק בלויז צוויי חדשים, דאָך זעט אים אויס איצט אין טורמע-קאַמער די גאַנצע געשיכטע, ווי זי וואָלט שוין לאַנג פאַרגעקומען—און עס זעט עפּעס אויס אַזוי מטושטש, אַזוי צעשוואומען, ווי אַ לאַנגער טונקעלער פּליט אויפן היימישן טייך.

אַוועקגעשוואומען ביינאַכט און איין קלאָץ האָט זיך אָפּגע־טשעפּעט און פּלאָנטערט זיך אין וואַסער...

קומט פּאַר זיינע אויגן דאָס צעפּליקטע, לענגליכע, קוי־פּערנע שעלכל, אויף וועלכער זיין מאַמע פּלעגט דעם סאַמאָוואַר שטעלן — אַזוי האָט אויסגעזען דער פּנים פון פּריסטאַוו, ווען די קויל האָט קוים געטראָפן און ער איז געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר מיט זיין גלאָטער, געגאָלטער צורה, אַ פאַר־גאַפטער, אָנכאַפּנדיק זיך אָן דער גרויסער, מעשענער קאָפּ פון זיין קורצן שווערדל.

חיים האָט דאָס אַליין געטאָן און מיט קיינעם זיך נישט מיישב געווען, ער האָט נאָר יענעם טאָג אַנדערש, ווי אַלעמאָל איבערגעקוקט די ליידיקע שטוב פון זיין מאמען, ווו נאָר זיי ביידע זענען געווען — ער מיט זיין מאַמען: דער טאַטע, דער שרייבער פון האָלץ־געשעפט, איז נאָך מיט צוויי יאָר צוריק אַוועקגעפאַלן, דער עלטערער ברודער מאיר איז שוין דאָס דריי־

טע יאָר אין סיביר, און די מאמע גייט אַרום, ווי אַן עלטערע שוואַכע הון איבער דער שטוב.

און ער, חיים, איז אַלט ניינצן יאָר. און פאַר דער צייט איז ער שוין צוויי חדשים געזעסן אין טורמע, און אין שטוב זענען שוין געווען צוויי „אָביסקעס“, און ער ווייס, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, אַז זיין לעבן איז אַן אָפּגעהיטמעט: — פאַר פרייהייט...

ער איז אין דאָרף כמעט קיינמאָל רעכט נישט געווען, נאָר ער ווייס, אַז ער איז פאַר ניינציק מיליאָן פויערים, אַז ער, חיים, איז פאַר הונדערטפופציק מיליאָן מענטשן, און אין זיין יונגן בלוט קלינגט עס אויס, מיט אַזאַ לאַנגן־ציטערדיקן חידערקול:

— הונגער... גוואַלד... טויט...

היינט גייט נישט חיים אין האַלץ־הויף, ווו עס האָט געדינט זיין טאַטע. היינט גייט ער אַרויס פון טיר און ער וועט ענדלעך אָפּזוכן דעם פּריסטאַוו פּעטער.

ער האָט שטייפער צונויפגעצויגן מיט דעם לעדערנעם פּאַסיק די הויזן. דעם אָפּגעריבענעם, שוואַרצן קאַפּעלושל מיט דער אָפּגעטשעפּעטער סטענגע האָט ער לייכט אַרויפגעוואָרפן אויפן קאָפּ, קאַפּעלושל איז עפּעס געווען אַן איבעריקס, ווי אַן אַרויפגעלאָפן פויגל. אין קעשענע האָט שווער אַראָפּגעריסן דער רעוואָלווער, וועלכן ער האָט געקויפט פאַר אייגענע עלף רובל.

אויף דער אַרנאָוטסקע גאַס, ביי דעם אוטשאַסטאָק, האָט ער אויסגעטשאַטעוועט דעם פּריסטאַוו. נעבן דער לאַמטערנע מיט דער אויסגעבראָכענע שויב.

יאָ, — דאָס זעט אויס איצט אין טורמע־קאַמער, ווי אַ טונקעלער ק׳אַז, וועלכער שווימט אַליין, אָפּגעריסן פון פליט, אין אַ זומערדיקע נאַכט.

* *
*

דער פּריסטאַוו הייסט פּעטער.

ער איז דאָ אַ נייער אין שטאָט. מען האָט אים אַהער

איבערגעפירט פון דער ווייט, פון אַן אַנדער שטאָט. דאָרט האָט ער מער נישט געקאָנט פאַרבלייבן. דאָרט אין יענער שטאָט, וווּ אין יענע שבת זענען אויף די גאַסן אוועקגעלייגט געוואָרן איין און פערציק טויטע מענטשן. דאָרט האָט געצישעט די נקמה.

אָט האָט דער פּריסטאַוו פּעטער געהייסן שיסן אין אַ פענסטער, און עס איז געפאַלן אַ טויטע די יידענע חיה. איז אויף אַ הויף געפאַלן צו זיינע פיס אַ צווייטע יידענע ביילע און אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט זיינע אויסגעפּוצטע שטיוול:

— פּאַטערל, האָב רחמנות...

האָט ער זיך אויסגעלאַכט. אָפּגעגלעט זיינע שטיוול און געהייסן אין איר דערלאַנגען אַ קויל — און עס האָט זיך איבערגעקערט מיטן בויך אַראָפּ און מיטן בארג קליידער־שמאַטעס אַרויף אַ יידענע ביילע.

אַז דער שוסטער אברהם לייב איז געזעסן אין דער פּאַרשלאָסענער שטוב קעגן פענסטער און געזאָגט תהילים, האָט אים אַ קויל געטראָפן אין קאָפּ אַריין און ער האָט זיין צעלעכערטן און פאַרבלוטיקטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אויפן תהילים, און אַ ריטש־קעלע בלוט האָט גערונען פון שטערן אויפן סדור אַרויף.

דער קליינער לייזערקע איז אַלט געווען נאָר צוועלף יאָר. ער איז אָבער אַליין געבליבן אין שטוב מיט די קלענערע קינדער, בשעת פּעטער איז אומגעגאַנגען מיט זעלנער איבער די גאַסן און „געשאָסן אין דער רעוואָלוציע אַריין", האָט ער זיך געשטעלט איבערן וויגל, וווּ עס איז געלעגן זיין איין יאָריקער ברודער און ער האָט אים מיט זיין צוועלף־יאָריקן קערפּער פאַרשטעלט. איז אָבער די טיר אויף דרויסן־אַרויס געווען מיט שויבן. איז פאַרבייגעגאַנגען דער זאַפּאַסנער סאָלדאַט פון פּער־מער גובערניע פּאַוול, אַריינגעקוקט אין שויב אַריין, מיט זיין געלן פּנים צוגעווונקען צום פּריסטאַוו פּעטער, און אַריינגעשאָסן אין שטיבל אַריין.

איז נישט געוואָרן לייזערקע אויף דער וועלט.

דער פּריסטאַוו פּעטער און דער זאַפּאַסנער זעלנער פּאַוול— צוויי הייליקע, פּעטער און פּאַוול — זענען געגאַנגען צעהולטעטע

איבער די גאַסן פון דער שטאָט, טרעפן זיי דעם שרייבער ביים טעסאַר און ווילן אים נישט אַנדערש שיסן.

— דו ביסט א בונטאָווטשיק, אַ זשיד...

— איך בין אַ קריסט...

— היי, זאָג דעם אמת, ביסטו אַ זשיד צי אַ קריסט...

— א קריסט...

— סאָ, נעם און צלם זיך איבער...

— גוט....

— יאָ, דו קענסט... סאָ זאָג „פאָטער אונזער"...

— מעגסטו גיין... באהאַלט דיין צורה, ער איז אַ זשי־דאָווסקער...

און פעטער און פאַוועל זענען ווייטער געגאַנגען איבער די גאַסן.

ביינאַכט האָט פעטער געפרעגט:

— נו, וויפל ליגן זייערע?

— איין און פערציק, וואַשע וויסאָקאָראָדיע... — האָט געזאָגט דער צעטומלטער סטאַרשי גאָראָדאָווי. מיט אַ פנים פון אַ רעשעטע.

— היי, ווייניק, געמיינט, אַז מער... האָט פעטער געזאָגט...

* *
*

האָט פעטער מער נישט געקענט פאַרבלייבן אין יענער שטאָט און ער האָט זיך פאַרקליבן ווייט:

— דער פריסטאַוו פון אורנאַאוטסקער צירקל...

אין יענער שטאָט, ווו חיים איז געווען. חיים וואָס איז אַלט ניינצן יאָר, וואָס האָט אַ ברודער אין סיביר, וואָס ער אַליין איז שוין צוויי יאָר פאַרשוואָרן אין דער אַרבעט.

האָט חיים געלייענט ערגיץ אויף אַ דין-זיידענעם פּאַפּיר מיט דראָבנע אותיות אַזוי:

— צעגייט זיך!... — האָט דער פריסטאַוו פעטער גע־שריען אין בלוטיקן שבת, איך בין אייך אַלעמען מתרה, אַז איך וועל שיסן...

— שיס, און זיי נישט מתרה, — האָט מען אַ געשריי געטאָן פון דער אַרבעטער־גרופּע. און חברטע הינדע איז געפאַלן אַ טויטע.

— אַ טויטע... אַ טויטע... אַ טויטע...

און אין יונגן האַרץ לייגט זיך אויס אַזאַ טויטע הינדע און אין זיך טראָגסטו דעם אָרון פון אַזאַ אומגעקומענער אויף קידוש השם, און ווי עס גייט אַוועק אַ קעמל וויגנדיק זיך צווישן בערג, אַזוי גייט אַוועק דאָס אייגן יונג לעבן —

— מען דאַרף עס מקריב זיין... אַוועקגעבן...

איז אַוועק חיים נקמה נעמען פון פעטערן. ער האָט אַפילו שיסן נישט געקענט. און דער ניי־געקויפטער רעוואָלווער האָט שווער אַראָפּגעריסן די קעשענע צו דער ערד. ווי דען אַנדערש האָט חיים געקענט מאַכן?

— זיי געזונד, מאַמע מיינע...

* *
*

מיט צוויי חדשים צוריק האָט מען אים נאָכן פאַרוואונדן דעם פּריסטאַוו מיט אַ קויל אין אַקסל אַריינגעזעצט אין תפיסה.

און מיט צוויי וואָכן צוריק האָט דאָס פעלד־געריכט פאַר־משפּט חיימן צום טויט דורך הענגען.

וואָלט שוין חיים געלעגן אין קבר. מער נישט דער אַד־וואָקאַט האָט אים נאָך געוואָלט ראַטעווען, האָט ער אָנגעגעבן אַ קאַסאַציע אין מיליטערישן קרייז־געריכט. אגב האָט ער זיך פאַררופן אויף דעם, וואָס חיים איז קוים אַלט ניינצן יאָר און צווייטנס איז דאָך דער פּריסטאַוו געזונט געוואָרן.

זיצט דערווייל חיים אין תפיסה.

ער האָפט אָבער נישט אויף אַן ענדערונג אין פּסק. פאַר־פאַלן, טויט איז טויט. דאָס וועט שוין קומען. ער האָט נאָך אָבער צו טאָן צוויי זאַכן. ער וועט נאָך שרייבן צוויי בריוו. איין בריוו וועט זיין אָט צו יענע אַלע — יענע פּנימלאָזע, וואָס האָבן נישט קיין נאָמען, וואָס הייסן:

— ברידער און שוועסטער:

און אַ צווייטן בריוו וועט ער שרייבן צו דער מאַמע זיינער. מער קיין משפחה האָט ער דאָך נישט. דער טאַטע איז געשטאָרבן, דער ברודער איז אין סיביר. יאָ, אַ ברודער איז איצט אין סיביר און ער ווייסט גאָרנישט. —

און קיין כּלה האָט ער נישט געהאַט.

— וועט ער שרייבן צו זיין מאַמען...

* *
*

חברים!

בעת איך בין נאָך געווען אויף דער פריי האָב איך געלייענט, אַז די מוטער פון דערמאָרדעטן קינד האָט געבראָכן די הענט און געוויינט: „גאָט וואָס זענען די אומגליקלעכע שולדיק?" זייט וויסן, חברים, אַז איך גיי נישט אומקומען ווי אַן אומגליקלעכער. עס איז גוט אַוועקצוגיין אויף דער וועלט, ווען מען פאַרלאָזט איר נישט מיט קיין ליידיקע הענט. איך וויל אַוועקגיין מיט אַ שטריק אויפן האַלז.

דער פּריסטאַוו פעטער האָט אומגעבראַכט אײנאונפערציק מענטשן. צומאָל דוכט זיך מיר דאָ אין קאַמער, אַז די איינאונפערציק פרעגן ביי אונז „פאַרוואָס?... טאַקע, פאַרוואָס? — אומשולדיקע אַלטע לייט און קינדער. איך טרייסט מיך: נישט זיי אַלע זענען די קרבנות. זענען דאָך אויך קרבנות די, וועלכע גייען פרייוויליק אויף תּליות.

זייט מוחל, אומשולדיקע אַלטע יידן און יונגע קינדער! קרבנות מוזן פאַלן. און קיינער איז נישט שולדיק. ווען די פרייהייט וועט קומען, וועט דער טעם פון אונז זיין אין דעם בעסטן בוים.

איך בעט אייך, חברים, שרעקט אייך נישט, מאַכט אַ סוף מיט דער מאַכט פון רציחה און אַבסאָלוטיזם.

ח יי ם.

* *
*

טייערע מאַמעלע!

איך האָב דיר שוין איינמאָל געשריבן פאַרן משפט, איך ווייס נישט צי האָסטו דערהאַלטן מיין בריוו. ער איז, מסתמא, געגאַנגען דורכן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און דאָס איז זייער אַ לאַנגע געשיכטע. אויב דו האָסט אים באַקומען, ווייסטו שוין וועגן מיר, וועגן משפט און פּסק־דין. דער פּסק־דין איז געווען אַזאַ, ווי איך האָב עס געוואַרט. און צי האָט מען געקענט וואָס נישט איז אַנדערש וואַרטן פון זיי? דו פאַרשטייסט, וועמ דאָס איז די „זיי". דו קאָנסט זיי שוין נישט ווייניק. דו ביסט נישט ווייניק אויסגעשטאַנען, האָסט נישט ווייניק יסורים געהאַט איבער „זיי". נאָר לאָמיר איצטער בעסער נישט רעדן וועגן אונזערע פיינט. זיי זענען באַקאַנט דעם גאַנצן רוסישן פאָלק און נישט ווייניק האָט מען שוין וועגן זיי איבערגערעדט. איך שרייב דיר אפשר דאָסס לעצטע מאָל, און דעריבער דאַרף מען אויסנוצן ווי געהעריק איז, ד. ה. רעדן וועגן דעם, וואָס איז וויכטיק, וואָס עס פייניקט און באַאומרויקט מיך, וואָס עס ווילט זיך און וואָס עס איז נויטיק צו זאָגן. דאָס איז די פראַגע וועגן מיין טויט און דיין באַציונג צו אים. כאָטש מיין אַד־וואָקאַט האָט דערלאַנגט אַ קאַסאַציע, כאָטש מאָטיוון צו דער קאַסאַציע זענען דאָ מער, איידער מען דאַרף, כאָטש דער פּסק־דין איז נאָך נישט באַשטעטיקט געוואָרן פון גענעראַל־גובער־נאַטאָר ד. ה. פון טרעפּאָוון, — נאָר דאָך בין איך פונדעסט־וועגן זיכער אין מיין טויט, סיידן די רעוואָלוציע אָדער אַנדע־רע וויכטיקע פּאָליטישע פּאַסירונגען קענען מיך ראַטעווען. אַלץ איז מעגלעך. יעדערער ווייסט, אַז צו דער רוסישער רעוואָלו־ציע איז נישט ווייט, אַז קיינע תליות און הריגות וועלן איר נישט אָפּשטעלן. איך גלויב דערינען. איך וועל דערינען גלויבן אַפילו אין מיין לעצטער מינוט, ווען דער תליון וועט שוין אָנטאָן דעם שטריק אויפן האַלז. מיט דעם גלויבן וועל איך אויך שטאַרבן, און מיין טויט וועט זיין אַ גרינגער. איך וואָלט גע־זאָגט אַ זיסער, אויב מען וואָלט עס קענען זאָגן וועגן טויט. גלויב מיר, טייערע! איך בין גאָר רויק! נו, וואָס פאַר אַ בא־

רופֿט האָט מײַן טויט, מײַן לעבן אין פֿאַרגלײַך מיט יענער גרויסער צוקונפֿט, װעלכע עס איז איצטער נאָנט, פֿאַר װעלכע מען האָט אָװעקגעגעבן אַזױ פֿיל טויזנט, הונדערטער טויזנט, עס קען זײַן ײַנגערע און בעסערע לעבנס, אײדער מײַנע. דו קענסט זיך נישט פֿאָרשטעלן, װאָס פֿאַר אַ גליק עס קען ברענגען דער טויט. דאָס איז נישט דערפֿאַר, װײַל איך האָב נישט האָלט דאָס לעבן, װײַל עס איז מיר שרעקלעך, העסלעך און איך װיל פֿון אים אויסגעלײזט װערן. נײן, פֿאַרקערט, איך האָב האָלט דאָס לעבן. איך האָב אים האָלט אַזױ, װי עס קען אים האָלט האָבן אַ יונגער מענטש פֿון 19 יאָר, מיט ענערגיע, גלויבן, קרעפֿטן. אויב עס װאָלט נאָר זײַן מעגליך, װאָלט איך מיט דעם גרעסטן פֿאַרגעניגן געבליבן לעבן. נאָר אַזױ װי עס איז דערװײַל קײן מעגלעכקײט נישטאָ, װעלן מיר בעסער װעגן דעם נישט רעדן. איך זאָג, אַז דער טויט קאָן ברענגען און ברענגט אַ גרויסן נחת. דאָס איז, װי זאָל איך זאָגן, װאָס מען הויבט אָן פֿילן די אײגענע מאָראַלישע קרעפֿטן. אין דער אמתן פֿאַר־שטײ, פֿאַרװאָס שטאַרב איך? פֿאַר דער הײליקער זאַך פֿון דער באַפֿרײַונג, פֿאַר דער באַפֿרײַונג נישט נאָר פֿון רוסישן פֿאָלק, נאָר פֿון דער גאַנצער מענטשהײט. איך שטאַרב דערפֿאַר, װײַל איך האָב נישט געװאָלט זײַן אַ קנעכט, אײביק טראָגן דעם יאָך און זען, װי אין אײנעם מיט מיר טראָגן אים אויף זיך מיליאָנען מענטשן, מיליאָנען, װעלכע האָבן געקענט זײַן פֿרײַ, װעלכע האָבן דאָס רעכט אויף פֿרײַהײט און אויף אַלץ, װאָס איז אַרום זײ, פּונקט אַזױ װי יעדער לעבעדיקער מענטש האָט דאָס רעכט דערויף. בײַ מיר זענען געװען אַזױפֿיל קרעפֿטן, אַז איך האָב נישט געשראָקן זיך פֿאַרן טויט, אַז איך האָב צװײ מאָל איבערגעטראָגן געפֿענגעניש און פֿאַרשיקונג, אַז איך האָב געקענט קומען צום משפּט און שטײן פֿאַר מײַנע תּליָנים רויק, און שטאָלץ װעל איך גײן צום עשאַפֿאָט. גיט דען װײניק גליק דער נחת? איך האָב זיך אַלעמאָל אויסגעצײכנט מיט אַ האַרטן כאַראַקטער און פֿונדעסטװעגן פֿלעגט מיך אַ גוטער ניגון, אַ האַרציקע מוזיק אָפֿט דערנעמען צו טרערן. נאָר איצט

טער, טייערע, ווען מיר קומט אויס צו שיידן זיך אויף אייביק מיט אַלעם, וואָס מיר איז ליב און טייער, איז ביי מיר קיין איין אייבציקער קליינמוטיקער געפיל, אַפילו אויף איין רגע נישט. דאָס איז אַן אמת, טייערע! דער ריי־נער אמת!

איך זאָג דאָס אַלץ נישט, כדי אויסצובאַרימען זיך, נאָר כדי דו זאָלסט זען, אַז איך בין גאָר רויק און אַפילו גליקלעך, איך וואָלט וועלן, אַז דו זאָלסט אַ קוק טאָן אויף מיין טויט מיט מיינע אויגן. דו וואָלסט דעמאָלסט נישט אַזוי געוויינט און געליטן. איך ווייס, מיין טויט וועט זיין שווער פאַר דיר. איך, ווייס, אַז עס וועט דיך אָפּקוילענען. נאָר, טייערע, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי עס טוען מיר וויי דיינע טרערן און ליידן, ווי שרעקלעך ביטער עס איז מיר צו דערמאָנען זיך וועגן זיי, דו וואָלסט דאַן נישט אַזוי איבערגעפירט זיך און געקלאָגט. און אין דער אמתן, צו וואָס זענען דיינע טרערן? דו וועסט דען מיך ראַטעווען מיט זיי? צוליב וואָס זאָלסטו קלאָגן, אַז דו, שוין אַן עלטערער מענטש, וועסט נאָך קענען זען עטוואָס גרויסעס, גליקלעכעס און פריילעכעס — דאָס איז אַ מער אָדער ווייניקער פריי פאָטערלאַנד. עס איז דאָס פאַרוואָס דיינע קינדער זענען געזעסן אין געפענגעניש, זענען גע־וועןן פאַרטריבן און האָבן געלעבט זייער לעבן. טייערע מיינע, איך בעט זיך ביי דיר — נישט וויין, נישט קלאָג! און זיי מיר מוחל אַלע דיינע צרות און ליידן, וואָס דו שטייסט אויס איבער מיר. דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב דיך ליב. דו ווייסט, אַז אויב איך האָב דיר גורם געווען, וועלכן נישט איז שלעכטס, איז עס אומבאַוואוסטערהייט אָדער נישט ווילנדיק. ווי וואָלט איך וועלן צודריקן דיך שטאַרק, שטאַרק צו מיין האַרצן...

נו, זיי געזונט. — דיין חיים.

* * *

דעם 28־טן יולי האָט דאָס קרייז־מיליטער־געריכט די קאַסאַציע פון חיימס אַדוואָקאַט אָפּגעוואָרפן.

— פאַרפאַלן.

און חיים איז אַוועק צו דער תליה.

זיי זענען געגאַנגען צום גובערנאַטאָר

I

אין ווייטן און ווילדן צפון־סיביר, אין ווערכאָיאַנסק, זענען זיי דריי געווען פאַרשיקט. איינער האָט געהייסן ארטשול גורגונאַדזשע, אַ גרוזינער אַרבעטער, אַ טשעסלער. צוליב דעם, וואָס ער איז געווען פאַרמישט אין דעם בונט פון גרוזינער פויערים, האט מען אים פארשיקט אויף זעקס יאָר קיין סיביר. דער צווייטער איז געווען זלמן לעווין, אַ בערשטער־אַרבעטער, אַ בונדיסט, אַ טוער פון בערשטער־בונד. מען האָט אים אַרעסטירט אויפן גאַס אין מינסק מיט פראָקלאַמאַציעס און פאַרשיקט אויף פינף יאָר סיביר. דער דריטער איז דער זעלנער אָווסייוויניק. ער האָט געדינט אין די זעלנער אין קורסק און זיי אַגיטירט קעגן קייסער און פאַר דער רעוואָלוציע... האט מען אים פאַרשיקט אויף צען יאָר סיביר.

אימהדיק און טרויעריק איז אַרום ווערכאָיאַנסק. אַ פאַסמע בערג רינגלט אַרום דעם ווילדן און וויסטן טאָל. דאָ שטייען צעוואָרפן אַ פופציק „יורטעס", האַלבע קברים און האַלבע הייזער — דאָס איז דאָס דאָרף. זייער אַ לאַנגער איז דאָ דער ווינטער. דער שניי הויבט אָן צוגיין ערשט אין חודש יוני און ביז יענער צייט ציט זיך דער סיבירער ווינטער. די פרעסט דערגרייכן ביז 70 גראַד. אין אַזעלכע פרעסט איז אוממעגלעך אַרויסצוגיין פון „יורטע". אַז מ'כאַפּט זיך אַרויס אויף צוויי מינוט אויפן גאַס, פלאַצט באַלד די גאַנצע הויט פון שוידער־

לעבן פראָסט. ליגן אַלע אין „יורטע", ווי אין אַ קבר. אין דרויסן איז ליידיק און וויסט, מען זעט נישט קיין לעבעדיק באַשעפעניש. פון צייט צו צייט ווערט נאָר געשטערט די שטיל־קייט פון אויפרייסן, ווי פון הארמאטן־שאָסן. דאָס גיט די ערד צו וויסן, אַז זי פּלאַצט פון פראָסט.

צוויי חדשים אין יאָר זענען אינגאנצן פינסטערע — איין לאַנגע נאַכט פון טויזנט פיר הונדערט פערציק שעה. די זון באַווייזט זיך נישט פאַר דער גאַנצער צייט. מען לייגט זיך שלאָפן און מען שטייט אויף אין דער פינסטער. מען ליגט איינ־געגנורעטע, איינגעטוליעטע אין חושך, ווי די חיות.

פון די 15 רובל אַ חודש, וואָס מען באַקומט אויף דער־נערונג, קען מען קוים דורכשטופּן צוויי וואָכן. קומט אויס אונ־טערהונגערן. קלויבט זיך דאָס אַלץ צונויף צוזאַמען: ווילדער מדבר, שרעקלעכע פרעסט, שוידערלעכע פינסטערניש, מאַטערני־דיקער הונגער... און מען ווייסט, אַז אַזוי וועלן זיך מוזן אוועק־ציען יאָרן נאָך יאָרן.

מען וואַרט לאַנגע חדשים, פינסטערע טעג און נעכט, אויפן פרילינג. עס געדענקט זיך דער פרילינג פון דער היים. עס דערמאָנען זיך די אַקאַציעס, וואָס צעבליען זיך, דער בעז, וואָס וואַקסט איבער די פּלויטן... קומט דער פרילינג — אומזיסט האָט מען געוואַרט. דער „פרילינג" איז נישט בעסער פון דעם ווינטער.

דער שניי צוגייט, ווערט פון וואַסער־פארפלייצונג אָפּגע־שניטן דער וועג אויף גאַנצע דריי חדשים. עס קומט נישט אָן קיין בריוו, קיין צייטונג, קיין גרוס, קיין וואָרט. מען איז אָפּ־געזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. דער טאָג איז זייער אַ לאַנגער — ער ציט זיך גאַנצע אָנדערטהאַלבן חדשים. אין משך פון 45 מעת־לעת ווערט קיין איין מאָל נישט נאַכט. און אַזוי דרייט מען זיך ארום צווישן ווילדע יאַקוטן, פאַלט אָן אַ מרה־שחורה און מען פילט זיך אַן איבעריקער אויף דער וועלט.

מען טראַכט נאָר וועגן דער פּאָסט. ווען מען דוכט זיך, אַז ער זעט, ווי די פּאָסט קומט אָן. שטייט מען לאַנג און מען

קוקט אין דער ווייטקייט: אפשר טאקע... נאָר אומזיסט. עס איז געווען נאָר א חלום.

און ביינאַכט רעדט מען טאַקע פון שלאָף וועגן דער פּאָסט. אַז מען שטייט אויף אינדערפרי, פאַלט איין דער ערשטער געדאַנק, אַז די פאָסט איז געוויס דערטרונקען געוואָרן אויפן וועג. און נישט ווייניק מאָל איז מען שוין טאַקע אומגעקומען אויף דידאָזיקע וועגן. טאָמער קערט זיך נישט אַמאָל ווער אום פון וועג, גייט מען זעלטן אים זוכן, ווייל יעדער ווייסט, אַז דער וועג איז געפערלעך און מען האָט מורא. נישט ווייניק זענען שוין אויף די וועגן אומגעקומען פון הונגער, דערטרונקען געווארן אויף די שטורמישע טייכן צווישן די בערג.

אָט אין דעם ווערכאַיאַנסק זענען פאַרטריבן געוואָרן די דריי חברים.

II

עס איז געווען סוף חודש יוני.

— מיר וועלן דאָ דאָס לעבן נישט אריבערטראָגן... — האָט געזאָגט זלמן — מיר וועלן דאָ אומקומען... מיר מוזן זיך ראַטעווען...

— ווי אַזוי?... — האָבןביידע, דער גרוזין מיט דעם יידן געפרעגט זלמנען.

— אַנטלויפן פון דאַנען... — האָט זלמן געזאָגט.

יאָ, דאָס וואָלט זיין אַ שכל, נאָר ווייניק ווייסט צו דערציילן אַ מאָדנע מעשה:

— מיט אַ צייט צוריק האָט איינער אַ חבר צוזאַמען מיט אַ קאָזאַק געוואַלגערט זיך פערציק טעג אויף דעם טייך נערא, זיי האָבן געמוזט עסן דאָס פלייש פון די דערטרינקענע פערד... און מיט די חברים סטראַזשעצקי און צימערמאַן איז אויך אַזוי געווען...

דאָס שרעקט אָבער נישט אָפּ זלמנען. דער גרוזינישער חבר אָרטשיל איז אויך מיט אים:

— ליבער אַ גיכער טויט אויפן וועג, איידער אַ לאַנג מאַטערן זיך דאָ... — זאָגט אַרטשיל.

— אַנטלויפן אינגאַנצן וועט אונז נישט געלינגען... — פּלאַנט זלמן דער בערשטער — און צו דעם האָבן מיר נישט גענוג מיטלען. מיר וועלן לויפן ביז יאַקוטסק...

— און דאָרטן?... — פרעגט גורגונאַדזשע.

— דאָרטן וועלן מיר קומען צום גובערנאַטאָר...

— משוגע ביסטו... — זאָגט וויניק.

— נישט משוגע, מיר וועלן קומען צום גובערנאַטאָר און אים זאָגן, אַז אין ווערכאָיאַנסק וועלן מיר מער נישט פאַרבלייבן. מען זאָל אונז געבן אַן אַנדער דאָרף און ערגעץ נעענטער צו שטאָט...

— וועט ער שיקן צוריק...

— וועלן מיר נישט גיין...

האָט מען גענומען זיך אַרומטראָגן מיט דעמדאָזיקן פּלאַן, גאַנצע טעג וועגן אים ריידן. דאָס איז געוואָרן דאָס ליבסטע אינזל אין דעם עלענדן לעבן פון די דריי מענטשן.

וואָס מער מען האָט געטראַכט וועגן דעם, איז עס אַלץ איינפאַכער און פאַרשטענדלעכער געוואָרן:

— אוודאי דאַרף מען זיך לאָזן קיין יאַקוטסק...

דעם פּלאַן, ווי צו אַנטלויפן מאַכט דער גרוזין. אויף פערד רייטנדיק וועט מען אַנטלויפן. מען וועט זיך איינשאַפן דריי פערד און זיך אויף זיי אַוועקטראָגן.

— אַז דער רוח זאָל עס נעמען...

יאָ, מען וועט לויפן ביז יאַקוטסק. דאָרט וועט מען אַוועקגיין צום גובערנאַטאָר און מען וועט אים מעלדן, אַז צוריק אין ווערכאָיאַנסק גייט מען נישט. מען קען אָבער אויך פאַרבלאָנדזשען, איינער קען פאַרלירן דעם צווייטן, מ׳קען זיך פאַרלירן אין די וועלדער, אויף די טייכן.

— זאָל זיין אחדות, איינער מיטן צווייטן, אַלע דריי צוזאַמען... — אַזוי איז געווען אָפּגעמאַכט.

III

אַלע דריי האָבן זיך שוין געהאַט איינגעשאַפט דריי פערד. מען האָט נישט גענומען מיט זיך קיינע באַגאַזשן, קיינע איבע־ריקע קליידער — זאָל זיין לייכטער די שווערע און געפער־לעכע נסיעה. עס האָט נאָר מיטגענומען יעדער איינער מיט זיי צוואַנציק פונט ברויט, עטלעכע פונט צוקער, טאַבאַק און אַ כּלי אויף צו מאַכן אין איר טיי. זייער שטימונג איז געווען אַ הייטערע, אַ פריילעכע.

אין דאָרף האָט קיינער נישט געטאָרט וויסן. עס האָט געהייסן, אַז זיי האָבן זיך סתּם געקויפט פערד אויף אַרומצו־רייזן, אַרומשפּאַצירן. אַז זיי האָבן זיך אַלע געזעצט אויף די פערד, אָן באַגאַזש, אָן וואַרימע קליידער, אָן באַזונדערע הכנות, איז עס דאָך געווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז עס געשעט קיין זאַך נישט. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז די מענטשן גנבענען זיך אַרויס.

זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון דאָרף. זיי האָבן געטריבן די פערד גאַנץ גיך. מען האָט געמוזט זיך אַריינכאַפּן אין יאַקוטסק אײדער עס קומט אָן אַהין די ידיעה וועגן זייער אַנטלויפן. מען האָט זיך דעריבער נישט געטאָרט אָפּשטעלן אויף רו.

צוויי מעת־לעת, אָן אַן אָפּשטעל, האָבן זיי געטריבן די פערד. דער בעסטער און געשיקטסטער רייטער איז געווען דער גרוזין מיט דעם שוואַרצן קאָפּ און ברענענדיקן פּנים. ער איז געשמיידיק געפלויגן אויף זיין פערד פאָרויס. עס האָבן מיט אים מיטגעהאַלטן חבר זלמן און חבר וויניק. וואָס מער מען האָט זיך דערווייטער, אַלץ זיכערער איז מען געוואָרן. עס זענען געפלויגן, ווי די רוחות, די וויאָרסטן איינער נאָכן אַנדערן.

אויפן דריטן טאָג איז געוואָרן קעלטער. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז געווען אין אָנהייב פון חודש יולי, איז דאָך אַרויסגעפאַלן אַ שניי. אָנגעטאָן איז מען געווען גאַנץ לייכט. עס איז געקומען די דריטע נאַכט. דער שניי און די קעלט האָבן זיך גאַנץ גוט געלאָזט פילן. מען איז אָבער פון

דעם נישט נתפעל געוואָרן. מען איז געווען גרייט אויף אַלץ אַבי זיך אַרויסצורייסן פון ווערכאָיאַנסקער קבר.

IV

עס איז שוין געווען דער פערטער טאָג. דערווייל גייט אַלץ בשלום.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען. די דריי חברים האָבן מיט שטריק געפּענטעט די פיס פון זייערע פערד און געלאָזט זיי אויף פּאַשע. אַליין האָט מען זיך אויך צוגעזעצט, מאַכן אַ ביסל פייער, עפּעס אָפּעסן.

פּלוצלונג זעען זיי, ווי זייערע פערד הויבן אָן צו לויפן. עס איז די פערד געלונגען איבערצורייסן די שטריק, מיט וועלכע זיי זענען געווען געפּענטעט, און זיי האָבן זיך געלאָזן גאַלאָפּ.

אָן פערד איז מען פאַרפאַלענע. די פערד פליען, ווי פייל אויסן בויגן, אין פאַרשיידענע זייטן.

וואָס צו טראַכטן איז נישט געווען. די פערד מוז מען כאַפּן. אַלע דריי האָבן זיך געלאָזט לויפן אין דריי פאַרשיידענע ריכטונגען, כדי די פערד צו געפינען. מען זעט אָבער נישט קיין שפּור פון זיי, קיין זכר — גיי זוך און געפין זיי אין אַזאַ מדבר!

נאָכדעם איז אָבער איינעם פון די דריי, דעם חבר זלמן, געלונגען אַרויפצופאַלן אויפן שפּור פון פערד. איז ער געלאָפן נאָכן שפּור, ער האָט אָבער אפילו איינעם פון די פערד נישט געכאַפּט. די פערד זענען אַוועק אַלץ טיפער אין וואַלד. איבער זומפּן, צווישן די בערגלעך, וואָס שטעקן אַרויס פון וואַסער.

עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן פון זלמנען טרייבן לצנות — אָט באַווייזן זיי סמנים, טריט — און ווידער זעט ער גאָרנישט.

עס איז געוואָרן פינסטער. ער האָט שוין געוואָלט גיין צוריק מיט ליידיקע הענט — אָבער וווהין גייט מען?

ער איז געשטאַנען איינער אַליין. אַרום איז סיבירער וואַלד, בערג און בערג־טייכלעך אָן אַ צאָל. ער ווייסט נישט קיין ריכטונג, וואו איז גלייכער, רעכטס צו לינקס?

שטייען אויף אַן אָרט האָט דאָך אויך קיין זין נישט. האָט ער זיך סתּם געלאָזן אָן אַ ציל.

ער איז געווען אינגאַנצן דורכגעווייקט פון די בלאָטעס און טייכן. ער האָט אינגאַנצן געציטערט, געפיבערט. פון די בגדים האָט גערינען וואַסער. די זוילן פון די שטיוול זענען אָפּגעשפּרונגען.

האָט זלמן אויסגעטאָן די שטיוול, גענומען זיי אויף דער פּלייצע און געגאַנגען אַזוי אין דער נאַכט אַ באָרוויסער.

גייט זלמן דער בערשטער אין סיביר איינער אַליין. גע־טראַכט האָט ער, אַז ער גייט מיטן וועג, וואָס פירט אין יאַקוטסק, און אפשר וועט ער ווען עס איז אַזוי דערגיין אַהין צופיס. וואָס זענען די חברים? — נישט ער הערט, נישט ער ווייסט, ווי אַזוי קען ער דאָ געפינען חברים אין דער פינסטער, אין וואַלד, אין בלאָטע, צווישן טייכן?... און אפשר זוכן זיי אים אַרום, און אפשר האָבן זיי גאָר די פערד געכאַפּט...

V

אָגנדיק און זוכנדיק די פערד האָבן די צוויי חברים, דער גרוזין גורגונאַדזשע און ווינ יק באַגעגנט אַ יאַקוט, זיי האָבן אים דערציילט וועגן זייער אומגליק, צוגעזאָגט אים צו באַלוינען, אויב ער וועט זיי העלפן געפינען די פערד.

דער יאַקוט האָט זיך פאַר דער זאַך גענומען. און עס איז אים געלונגען. ער האָט אין עטלעכע שעה אַרום געבראַכט אַלע דריי פערד צוזאַמען, נאָר אָן די זאָטלען.

זיי האָבן אָבער געזען, אַז זלמן איז נישטאָ.

— אָן אים גייט מען נישט... — האָט גורגונאַדזשע גע־זאָגט.

און שוין האָבנדיק די פערד, האָט מען זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין זוכן זלמנען. מען האָט געשריען, גערופן, געפייפט. ער מוז דאָך דאָ אין ערגעץ, אין די ערטער זיין. זלמן רופט זיך נישט אָפּ. אַז מען געפינט אים נישט, איז מיט אים געווים עפּעס אַן אומגליק געשען.

— נאָך איין טאָג וועלן מיר אים אַרומזוכן... — האָט גור־גונאַדזשע געזאָגט — און אויב ער וועט זיך נישט געפינען, מוז מיר זיך לאָזן קיין ווערכאָיאַנסק צוריק, אָן אים אַנטלויפן מיר נישט... אפשר קערט ער זיך אויך אום קיין ווערכאָיאַנסק?... וועלן מיר גיין נאָך אַ מאָל.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אָבער לֶמנען אָפּגעזוכט. ער האָט געהאַט אַ שרעקלעכן אויסזען. זיין פּנים איז געווען פאַר־לאָפן מיט בלוט, די אויגן האָבן אומרויק, צעטומלט געבלאָנדזשעט.

די פרייד איז געווען אין לשער: אַלץ איז דאָ צוריק!... עס זענען דאָ אַלע חברים. עס זענען אויך דאָ די פערד.

מען האָט געמאַכט אַ סעודה. מען האָט אין וואַלד טאַ־נאַדערגעלייגט אַ פייער, מען האָט זיך ביים פייער אָפּגעטריקנט, איבערגעביסן. — אָבער קיינע לאַנגע שהיות האָט מען נישט גע־טאָרט מאַכן. ווערכאָיאַנסק איז נישט ווייט. מען מוז זיי שוין געוויס אַרומזוכן. אויפן יאַקוט, וואָס האָט זיי די פערד גע־פונען, קען מען זיך אויך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן. מען מוז זיך ווייטער לאָזן אין וועג.

צום גליק האָט מען נאָך געקענט קויפן ביים יאַקוט זאָטלען אויף די פערד.

דאָס זענען אָבער געווען טאַקע די זאָטלען פון זייערע פערד, וועלכע ער האָט אַראָפּגעגנבעט.

פאַרפאַלן, מען האָט געמוזט שווייגן און באַצאָלן.

עס האָבן זיך נאָר שאַרף אָנגעקוקט אין די אויגן אַריין דער גרוזין, חבר גורגונאַדזשע מיטן ווילדן יאַקוט.

VI

זיי זענען אָנגעקומען צו דער סטאַציע ווילירסקאַיאַ. זיי האָבן נישט געוואָלט אַריינפאָרן אין דער סטאַציע, ווייל עס איז געווען אַ סכנה זיך צו באַגעגענען דאָרט מיט דער פערד־פאָסט — מיט דער פאָסט, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון יאַקוטסק אין חדש אַפּריל און איז נאָך אין יולי נישט געווען... זענען

זיי אַראָפּגעפֿאָרן פֿון טראַקט און אַריין אין וואַלד, זיי האָבן זיך אָבער אַזוי שלימזלדיק געקירעוועט, אַז זיי זענען ווידער אַרויסגעקומען ריכטיק אין ווילירסק, דער פּאָסט אַנטקעגן.

עס איז אָבער פֿון דעם קיין בייז נישט אַרויסגעקומען, זיי זענען געפֿאָרן ווייטער, אַגב זענען זיי טאַקע דאָרטן געוואָר געוואָרן, אַז זיי וועט אויסקומען מיט די פֿערד אַריבערצושווי־מען ניין טייכן — פֿינף קלענערע טייכלעך און פֿיר גרויסע...

דערפֿון איז נישט פֿריילעכער געוואָרן, אָבער עס איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן. מען מוז זיך לאָזן ווייטער. מען איז בשלום אַריבער אַ פּאָר בערג־טייכלעך ביז מען איז צוגעקומען צו אַ גרויסן טייך. דאָס וואַסער איז געפֿלאָסן שרעקלעך געשווינד און שטורמיש. אויפֿן טייך זענען געשוווּמען ביימער מיט די וואָרצלען, וואָס דאָס וואַסער האָט אַרויסגעריסן פֿאַלנדיק פֿון באַרג. אַ געדיכטער, אויפֿגעבלאָזענער שוים האָט באַדעקט דעם טייך. אַלץ איז אויף דעם שטורמישן טייך געפֿלויגן מיט אַן אומגע־ווײנלעכער שנעלקייט, געשווינד און רעשעדיק.

זיי זענען זאַלבעדריט צוגעקומען און שטיין געבליבן. אָט דעם טייך דאַרף מען עס אַריבער־שווימען מיט די פֿערד. עס איז אַזאַ געפּילדער און כוואַליעס־געשריי, אַז מען הערט קיין וואָרט נישט, וואָס איינער רעדט צום אַנדערן. מען מוז הויך שרייען.

זלמן האָט געקוקט הינטער זיך, פֿון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עפּעס זוכן, אַן עצה — אפֿשר וועט ער עפּעס דערזען, אפֿשר איז דאָ אַן אַנדער וועג?... ניין. קיין אַנדער וועג איז נישטאָ. מען מוז זיך לאָזן אין טייך אַריין. —

זענען זיי זאַלבעדריט אומגעפֿאָרן מיטן ברעג פֿון טייך, כּדי אויסצוגעפֿינען דעם בעסטן אָרט אַריבערצושווימען. זיי האָבן אויף דער ערד געזוכט שפּורן, אַז עס זענען מענטשן געווען, וועלכע האָבן אויך דעם טייך אַריבערגעשוואומען. דאָס וואָלט צו־געגעבן מוט, אָבער קיין שפּור איז נישטאָ.

— דאָ וועסטו קיין שפּור נישט געפֿינען — האָט גורגו־

נאַדזע געזאָגט — דער ברעג איז אַ שטיינערדיקער, אוממעגלעך די שפּורן צו דערקענען.

וויניק האָט געקוקט הינטער זיך, אויפן וועג, וואָס מען האָט שוין דורכגעמאַכט. אפשר האָט ער געטראַכט אומצוקערן זיך צוריק? — ער האָט געשוויגן. הינטער זיך איז געווען דאָס קלענערע טייכל, וועלכעס מען איז נישט לאַנג אַריבער, האָט ער זיך אָפּגערופן, ווי ער וואָלט אַנטדעקט אַ נייעס:

— יענץ טייכל איז אַ סך קלענער...

— אַ שיינעם דאַנק דיר... — האָט זלמן געענטפערט.

זיי זענען געווען אַרומגערינגלט אַרום און אַרום מיט וואַסער. און דאָס וואַסער שרייט, ליאַרעמט.

— פּיסקעווער, ווי אַ סטאַיע רוחות... — האָט דער גרוזין געזאָגט און זיך אַ ציִ געטאָן מיטן פערד צום וואַסער.

אַז דאָס פערד איז שוין אַריין אין וואַסער, איז ער אַראָפּ פון זיין פערד און זיך אָנגערופן צו וויניקן:

— לאָמיר זיך בייטן מיט די פערד, זעץ זיך דו אויף מיינעם, מיין פערד איז אַ גרעסערער בריה, איך וועל אויף דיינעם אויך אַריבערקומען...

מען איז אַריין אין ווילדן טייך. פאָרויס איז געגאַנגען וויניק מיט גורגונאַדזעס פערד. דאָס דאָזיקע פערד פלעגט שטענדיק אַריבערשווימען דאָס ערשטע. זלמן מיט גורגונאַדזן זענען אָפּגעשטאַנען. דאָס ערשטע פערד איז שנעל געגאַנגען פאָרויס. באַלד האָט אים דאָס אויג נישט געזען... —

די הינטערשטע צוויי פערד האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן קונצן: זיי האָבן אָנגעהויבן זיך טרינקען און לאָזן בלעזעלעך אין וואַסער... גורגונאַדזע און נאָך אים זלמן זענען גיך אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד און זיך געלאָזן שווימען. —

די באַפרייטע פערד, אַז זיי איז גרינגער געוואָרן, האָבן, פירקענדיק אין וואַסער און אָנשטרענגענדיק אַלע זייערע פערדישע כוחות, זיך אַרויסגעריסן פון דער טיפעניש, און זייערע רוקנס האָבן זיך ווידער געזען איבערן וואַסער. זיי שווימען. די אומגליקלעכע צוויי פערד האָבן זיך, זעט אויס, אַרומגעקוקט, ווו זע-

נען זיי דאָס זאַלבעצווייט אויף דער וועלט. זיי האָבן דערשפּירט, אַז די סכּנה קומט אָט פון אַרויפצו, פון דער ווייטקייט פון טייך, פון וואַסער. אין זייערע פערדישע מוחות איז גיך עפּעס פאַרטיק געוואָרן, זיי האָבן זיך ביידע געטאָן אַ קירעווע אויס צוריק, צוריק צום ברעג, פון וועלכן זיי זענען צוריק אַריין אין טייך... —

זלמן און גורגונאַדזע זענען געווען אין וואַסער, שווימען איז זיי שווער געווען אין די בגדים און אין דעם שטורעם אויפן טייך. אריבערשווימען צום צווייטן ברעג וועט מען סיי ווי סיי נישט. זיי האָבן אויך דערזען, אַז די פערד אַנטלויפן.

— טאָוואַרישטש, נאַזאַד... — צוריק... — האָט דער גרוזין געשריען צו זלמנען אין כּחאַליעס אַריין.

באַלד זענען זיי ביידע מיט די לעצטע כּחות נאָכגעשווימען צוריק זייערע פערד. מען איז אַרויפגעוואָמען צוריק אויפן האַלבטויטע — צוריק צום אַלטן אָרט. זיי האָבן דאָס ערשטע פונאַנדערגעלייגט אַ פייער און האָבן געטריקנט זייערע קליידער. אַלץ, וואָס ביי זיי איז געווען מיט זיך — ברויט, טאַבאַק, שוועבעלעך, איז צעווייקט געוואָרן און צונויפגעמישט אין איין קאַשע.

גורגונאַדזע האָט דערזען דעם דריטן — וויניקן, אויף יענער זייט טייך. ער איז צו צום ברעג און אָנגעהויבן אים צו רופן, צו שרייען מיט אַלע כּחות:

— געפין דאָרט ערגעץ אַ יאַקוט!...

— אַ יאַקוט זוך אויף!..

וויניק האָט עפּעס געענטפערט, נאָר אויף דער זייט האָבן זיי ביידע נישט געהערט, וואָס וויניק שרייט. ער האָט עפּעס געמאַכט מיט די הענט, געוויזן, נאָכדעם איז ער אָפּגעגאַנגען און מען האָט אים מער נישט געזען.

אַזוי איז מען ביים ברעג איבערגעקומען די נאַכט. אַז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן האָט זלמן דער בערשטער און גורגונאַדזע דער גרוזין, ביידע האָבן באַמערקט, ווי עס הויבט אָן דאָס וואַסער צו שטייגן און עס ווערט אַלץ מער פאַרגאַסן דער ברעג. —

— זאַטלען די פערד און זיך לאָזן אין טייך אַריין!... האָט גורגונאַדזע געזאָגט

דאָס איז געווען אַ געפּערלעכע טאָט. זיי האָבן זיך געלאָזן אין טייך אַריין, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך פאַרשידענע אינזלען, שטיקלעך ערד. די קליינע אינזלען האָבן קוים אַרויסגעשטאַרטשעט פון וואַסער. מען איז געשווומען פון אינזל צו אינזל. אַרום און אַרום וואַסער. דאָס וואַסער קומט אַלץ מער צו. עס איז אַן אמתע פאַרפלייצונג. עס איז נישטאָ קיין צוריק און קיין פאָרויס. מען ווערט געטריבן פון וואַסער, מען ווערט געטריבן פון אימפּעט ראַטעווען זיך, ראַטעווען זיך...

אַזוי האָט מען זיך געראַנגלט מיטן טויט אַנדערטהאַלבן מעת-לעת. איינמאָל האָט גורגונאַדזע געווענדעט זיך, שוין זייענדיק צווישן וואַסער און אומקום צו זלמנען:

— זלמן, מיר שטעלן דאָך איין דאָס לעבן צוליב אַ „נוי־טיקע" זאַך...

— וואָס עפּעס?...

— אוודאי אַ נויטיקע — ווי דען?... קומען קיין יאַקוטסק און זאָגן דעם גובערנאַטאָר, אַז ווערכאָיאַנסק איז אַן אומגליקלע־כער קבר...

זלמן האָט אויף דעם נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אָבער אין זיך געפילט, אַז איצט איז עס דאָס וויכטיקסטע פון דער גאַנצער וועלט.

— וואָס דען האָסטו געמיינט, גורגונאַדזע? — האָט זלמן דער בערשטער מיט דעם צעשויבערטן קאָפּ געפרעגט דעם גרוזין.

— איך האָב געמיינט,—צו פריי... אָט דאָס וואָלט לוינען... די גאַנצע פריי...

— לאָמיר נאָר דערווייל אַרויסקומען פון טייך...

מען איז ענדלעך עפּעס צוגעקומען צו אַ ברעג. דער ברעג איז געווען זייער אַ הויכער.

— נאָך דעם באַרג איז שוין געוויס דער וועג... — האָט געזאָגט זלמן.

האָבן זיי געריטן באַרג-אַרויף; עס האָט זיך לכתחילה גע־דוכט, אַז אָט קומט מען אַרויף אויף דעם שפּיץ פון באַרג. מען איז אָפּגעפאָרן אַ גאַנצן טאָג און אַפילו נישט דורכגעמאַכט קיין צענטל וועג.

— יאָ, איך קען זיי, די הויכע בערג, די שפּיצן... — זיי זענען גוטע אָפּנאַרער... — האָט דער גרוזין געזאָגט.

VII

זייער ברויט איז אינגאַנצן שוין צעפּוילט געוואָרן און אָנגעהויבן צו אוירן. אויף צו עסן האָט עס שוין נישט געטויגט. זענען זיי געגאַנגען הונגעריקע. עס איז צוגעקומען אַ נייע צרה: אַרום איז געווען אַ סטאַיע פון קאָמאַרעס, גיפטיקע פליגן, גרויסע, טונקעלע, און זיי האָבן געביסן אָן רחמנות. די פּנימער זענען באַדעקט געוואָרן מיט וואונדן. יעדער ביס איז געווען, ווי אַ שטאָך מיט אַ נאָדל. וואָס ווייטער, זענען זיי געוואָרן אַלץ מער און גיפטיקער. לסוף זענען זיי געוואָרן אַזוי פיל, אַז עס איז פון זיי געוואָרן טונקל, ווי פון אַ וואָלקן. זיי זענען געקראָכן אין מויל אַריין ביי יעדער אָטעמען, זיי זענען פאַרקראָכן אין אַלע טיילן קערפּער אונטער די קליידער...

זלמן האָט שוין אָן אַלץ פאַרגעסן. ער האָט פאַר זיך געזען נאָר די מוקן, די קאָמאַרעס. ער האָט מיט זיי מלחמה געהאַלטן, געווערט זיך, געמאַכט העויות ביי יעדן גיפטיקן ביס, געחזן אויפגערייצט.

און עס איז געווען מאָדנע, ווען ער האָט געהערט פון טונקעלען קאָמאַרעס-וואָלקן די געשרייען און שילטערייען פון גורגונאַדזע:

— די פערד פרעסן זיי דאָך אויף... די פערד פּטרן זיי...

פון די פערדישע קערפּער האָבן זיך געצויגן רינגעלעך-שנירעלעך בלוט. די פערד זענען געוואָרן ווילד, זיי האָבן געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, געשאָקלט מיט די קעפּ אויף אַלע זייטן: —

עס איז געווען מאָדנע מיט די צוויי פערד. ווען זלמן און גורגונאַדזע פלעגן אויף אַ ווײַלע אָפּטרייבן פון זיי די גיפטיקע פליגן און קאָמאַרעס, פלעגן די פערד זיי אונטערשטעלן די צעביסענע, פאַרבלוטיקטע מאָרדעס, און געקוקט מיט תחנונים, מיט גרויסע פערדישע. פאַרוויינטע אויגן. זיי פלעגן זיך טוליען צו די

צווי מענטשן, פלעגן באהאלטן זייערע מאָרדעס אונטער זייערע רעק.

אַז מ׳איז אַזוי לאַנג אָפּגעגאַנגען, האָט זיך ארומגעקוקט גורגונאַדזע, האָט עפּעס אַרומגעשמעקט אין דער לופטן, און ער האָט זיך אָפּגערופן:

— זלמן, מיר בלאָנדזשען...

און ערשט איצט האָבן זיי דערזען, אַז מיט זיי, נאָך זיי, גייט נאָך עמיצער. עס איז צוגעשטאַנען אַ שוואַרץ הינטל מיט לאַנגע, האַרטע, גלאַנציקע האָר, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן. ווען מען האָט געמאַכט פייער און זלמן האָט אים געוואָלט עפּעס געבן צו עסן און פּרובירט אַ גלעט טאָן, האָט ער אים געטאָן אַ ווייטאָקדיקן ביס. ער איז ווילד געווען.

ער האָט זיך אָבער פון זיי נישט אָפּגעטאָן.

— דאָס איז אַ היענע... האָט גורגונאַדזע געזאָגט.

— וואָס הייסט עס?

— דאָס איז אַ וואַנדער־הונט פון דער סיביר, וואָס שלעפּט זיך נאָך די, אויף וועמען עס וואַרט אַ זיכערער טויט... ער וואַרט אויף אַ זיכערן מאָלצייט... זלמן, דיין פלייש איז זיס?...

דער הונט איז נישט אָפּגעשטאַנען. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס אָוועקיאָגן אים. ער איז נאָכגעגאַנגען כסדר.

— ער איז שוואַרץ, ווי דער טויט... — האָט זלמן געזאָגט.

אַז מען פלעגט זיך אָפּשטעלן, פלעגט דער הונט אָנפאַלן אויף דער פּראָוויזיע, ער פלעגט מער קאַליע מאַכן איידער אויפפרעסן, ווי ער וואָלט געמיינט צו לאָזן זיי אָן עסן און מיט דעם פאַרגיכערן דעם סוף.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען — צווי מענטשן, צווי פערד און אַ הונט.

אָן אַן אויפהער — פאָרן ווייטער באַרג אַרויף האָבן זיי נישט געקענט. פאַהרען צוריק איז נישט געווען קיין פּלאַן, זענען זיי סתם געגאַנגען. זיי האָבן געהאַלטן די פערד פאַר די צוימען און געגאַנגען צופוס.

זיי האָבן זיך אַזוי געדרייט ביז זיי זענען אומגעריכט און צו זייער אַנטוישונג צוגעקומען צו אַ באַקאַנט אָרט: זיי זענען צוריק געקומען צום ערשטן פּלאַץ, צום ברעג, פון וועלכן זיי האָבן זיך אַלע דריי געלאָזן אין טייך אַריין, מיט די דריי פערד.

ווידער זענען געשוואומען אויפן טייך קלעצער, בוימער, וואַסער־גרעזער מיט אַ געלבלעכער שוים... —

עס איז געוואָרן אָוונט. עס האָט אַ שלאָג געטאָן מיט אַ גוס רעגן. זיי זענען געוואָרן נאַס, נאָך דאָך זענען זיי ביידע מידע, אונטער דעם שלאַקס־רעגן אַנטשלאָפן געוואָרן.

VIII

זיי זענען אָפּגעשלאָפן ביז רעכטן טאָג. זיי וואָלטן נאָך ווייטער געשלאָפן, ווען ס׳וואָלטן זיי נישט אויפגעוועקט נאָענטע טריט. פערד פאָרן גאַלאָפּ. ווער זאָל דאָ איצט זיין? — פאַרפאַלן, וואָס אויסצובאַהאַלטן איז נישטאָ. וואָס ס׳וועט שוין זיין וועט זיין.

עס האָבן זיך אוועקגעצויגן עטלעכע מינוטן. די קלער פון די פערדישע פיס זענען הילכיקער און נאָענטער געוואָרן איצט האָט מען שוין געזען פערד מיט רייטער. דאָס פאָן, יאַקוטן. אַז זיי זענען נאָענטער צוגעקומען, איז איצט געקומען די גרעסטע איבערראַשונג.

— עס איז געפאָרן — דער חבר וויניק מיט אַ חברה יאַקוטן...

די יאַקוטן האָבן דערזען דעם צעווייקטן ברויט, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט אַ געשריי:

„קאַם אַג אַן״... „קאַם אַג אַן!...״

ביי זיי איז ברויט אַ זעלטנה׳יט.

די דריי חברים זענען שכור געוואָרן פון פרייד.

— וואָס? ווען? ווי אַזוי? —

נישט צו גלויבן אויף דעם ווינ יק, נאָר אַזוי איז דאָך געשען. אַז ער איז אַליין אַריבערגעשווימען דעם טייך און

זיך דערפילט אויפן צווייטן ברעג, האָט ער זיך געזעצט אויף זיין פערד און געפאָרן זוכן יאַקוטן. ער האט פאַרשטאַנען, אַז אָן יאַקוטן־וועגווייזער, זענען זיי אַלע פאַרלוירענע. דרייהונ־דערט וויאָרסט איז ער אויסגעפאָרן, ביז ער האט געפונען די גרופּע יאַקוטן.

זיבן רובל זענען מיר מושווה געוואָרן... — האָט וויניק מודיע געווען די חברים.

מען האָט זיך אָפּגערוט און ווידער געלאָזן.

איצט איז מען שוין געפאָרן זיכערער. מיט די יאקוטן וועט מען שוין נישט פאַרפאַלן ווערן.

מען איז אַריבער דעם ניערא. נאָך דעם ניערא איז מען אַריבער דעם טייך אלדאן. נאָך דעם אלדאן, וועלכער איז זעכצן וויאָרסט ברייט, איז מען געקומען צום טייך טומארי — אויך דעם טייך איז מען אַריבער.

ביים לעצטן טייך האָבן די יאַקוטן פאַרהאַלטן אויף זייער ברעג די פערד, די דריי חברים אַריבערגעפירט אויף שיפלעך און — אַוועק צוריק מיט די פערד...

דער גרוזין האָט צו צו זיי געשריען, געוויזן מיטן קולאַק־גאָר זיי האָבן אים שוין נישט געהערט און נישט געזען.

IX

זיי זענען שוין געווען הינטער יאַקוטסק. אָבער נאָך פאַר זיי איז שוין געווען אין יאַקוטסק דער רייטער פון ווערכאַיאַנסק און אָנגעזאָגט וועגן זייער אַנטלויפן.

די יאַקוטסקער פּאָליציי האָט געמאַכט גלייך אַן אָבלאַווע, פערציק יאַקוטן, עטלעכע קאָזאַקן מיט עלטסטע האָבן זיי אַרומגעזוכט. דערווייל האָט מען זיי נישט געפונען.

זיי האָבן נישט געוואָלט אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט. זיי האָבן געוואָלט אַליין, פרייוויליג קומען צום גובערנאַטאָר, עס זאָל נישט הייסן, אַז זיי זענען געכאַפּטע אַנטלאָפענע. —

זלמן, גורגונאַדזע און וויניק זענען שוין הינטער יאַקוטסק געוואָר געוואָרן, אַז מען זוכט זיי. זענען זיי אָפּ אָן אַ זייט אין

וואַלד — אין גרויסן, געדיכטן וואַלד הינטער יאַקוטסק. צוויי טעג איז געמאַכט געוואָרן אויף זיי די אָבלאַווע, און אַז מען האָט זיי נישט געפונען, האָט מען צורו געלאָזן:

— פאַרפאַלן, אַנטלאָפן...

זיי האָבן זיך אָבער אין וואַלד אויפגעהאַלטן צוואַנציק טעג. זיי האָבן דאָרטן שרעקלעך געהונגערט, ארומגעוואַלגערט זיך אין גריבער, פאַרלוירן דעם אויסזען פון מענטשן — רוחות פון יענער וועלט...

דעם צוואַנציקסטן אויגוסט האָבן זיי באַשלאָסן אייננצושטעלן זיך און אַרויסקריכן פון וואַלד. זיי זענען בשלום אַריינגעקומען אין יאַקוטסק.

און איצטער וואָס?

— איצט גייען מיר צום גובערנאַטאָר...

און וואס טוען מיר?...

— מיר זאָגן, אַז ווערכאָיאַנסק איז אַ קבר...

— און מיר גייען נישט צוריק...

דעמזעלביקן טאָג זענען זיי טאַקע אַלע דריי געווען ביים גובערנאַטאָר.

— אַליין געקומען?... — האָט ער זיך געוווּנדערט.

— אָט, ווי איר זעט...

— דאָס אַנדערע מאָל, וועלן מיר שוין זוכן די פריי... האָט דער גרוזין געענטפערט. און עס האָט אַ בלאָז געטאָן מיט דער פריי פון גרויסן רוסלאַנד. —

— „די פריי...״

דערווייל אָבער האָט מען זלמנען און וויניקן אָפּגעשיקט קיין נאַמסקעלוס פון יאַקוטסקער קרייז, און גורגונאַדזען — קיין ווילויסק.

— איך האָב דאָרטן אַ גוטן חבר... — האָט זיך דער גרוזין אַליין געבעטן.

ליובע די ליכטיקע

— יאָ, אַזוי האָט זי געהייסן... זי איז געווען אַזאַ... ליובע די ליכטיקע...

דער עלטערער חבר האָט זיך פאַרטראַכט, פאַרקוקט אין אַ ווייט, וועלכע איז נישט געווען דאָ אַרום, ווי אַ ווייט, וואָס שווימט אָן, ווען דו זינגסט אַליין אַן אומעטיק ליד בײַ אַ ברעג פון אַ טייך אין אַ סוף־זומערדיקן פאַרנאַכט. ער האָט אויסגעטאָן זײַנע קליינע ברילן מיט די טאָפּל־געשליפענע גלעזלעך, געהאַלטן זיי לאַנג אין האַנט, נישט פילנדיק זיי, וואָס ער טוט, אָנגעטאָן זיי שווייגנדיק צוריק און זיך נאָכאַמאָל דערטראַכט צו דעם זעלביקן, און געלאָזן הענגען דעם געדאַנק איבער זײַנע זכרונות, ווי אַ רעגנבויגן אויפן מיטן הימל נאָך אַ רעגן:

— יאָ, אַזוי האט זי געהייסן. . זי איז געווען אַזאַ... ליובע די ליכטיקע... און איך וועל אײַך דערציילן בלויז עטלעכע פרטים פון איר לעבן... פרטים... פרטים... ווי טריט אין ווייסן שניי־פעלד...

I

נאָך אין די אכציקער יארן האט ליובע געענדיקט כערסאָנער גימנאַזיע. דאָס איז געווען אין יענע יאָרן אַ זעלטנהייט. דערצו נאָך אַ מיידל פון אַ קליינער דרום־שטעטל. אירע עלטערן זענען נישט געווען קיין פשוטע. זיי זענען אַרויסגעקי־

קומען פון אַ משפחה מיט שטאַם־יחוס. איר טאַטנס ברודער האָט ביז דער עלטער נישט חתונה געהאַט, טענהדיק אויף אַ יידישן דייטש:

— ווען מען פרעגט מיין פרוי איר געבאָרן... יאַ... וואַס זאַגט זי דען? — בת יעקל אָדער שמעלקע...

האָט ער נישט חתונה געהאַט דעריבער.

איר טאַטע־מאַמע זענען געווען יידישע פריצים, אַ גליד פון זייער משפחה איז געווען געאַדלט אין עסטרייך. זיי האָבן געוואוינט אין אייגענעם הויף. די מאַמע האָט געלייענט אויף דייטש לעסינגן. —

מען האָט זי גערופן אין ראָמני:

— די אַריסטאָקראַטין...

איר מאַמע, ליובעס מאַמע, פלעגט זאָגן, אַז „זי וואַקסט אין זיידן" — דעם זיידנס קאַפּ האָט זי אויף זיך. דעם זיידנס ווייסע, איידעלע הויט, דעם זיידנס קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן מיט די לאַנגע, פרומע, אַראָפּהענגענדיקע ברעמען.

הגם ליובע איז געווען אַ שטילע, האָט זי אָבער יונגע־רייד געקענט לאַכן.

— האָט איר אַמאָל געזען ביים ים, ווי נאַקעטע קינדער שטעלן זיך אויס אין אַ שורה און הויבן אָן לויפן איינע נאָך די אַנדערע, ביז אייגער קוילערט זיך איבער און אַלע איבער אים? — אָט אַזוי איז אוועקגעלאָפן איר געלעכטער.

נאָך מער אויסערגעוויינלעך, ווי איר ענדיקן דאָס גימנאַזיום, איז פאַר יענער צייט איר אַוועקפאָרן שטודירן אין זשענעווער אוניווערזיטעט. זי איז דעמאָלט אינגאַנצן אַלט געווען קאָרגע אַכצן יאָר.

— פון ראָמני — קיין זשענעוו... פאַלג מיר אַ גאַנג...

— ליובע איז געפאָרן אין די אוניווערזיטעטן. זי וועט קומען צוריק אַ דאָקטאָר.

זי איז געפאָרן לערנען נאַטור־וויסנשאַפט. זי האָט נאָך אין גימנאַזיע צום מערסטן ליב געהאַט דעמדאָזיקן למוד.

II.

אבער דארט אין זשענעוו האט געוואָרט אויף איר אַן אַנדער לערע, אויסער די נאַטור־וויסנשאפט.

אין זשענעוו איז דעמאלט געווען פּ ל ע כ אַ נ אָ וו. ער האָט געגרינדעט „די גרופּע פאַר באַפרייען די אַרבעט״. ס׳האָבן זיך דארט געלייגט די ערשטע יסודות פון רוסלענדער וויסנשאפטלעכן סאציאַליזם. פּ ל ע כ אַ נ אָ וו איז געווען דער ר ב י.

דאס האט אַצי געטאָן ליובען. איר איידעלער גייסט איז פאַרגאַפּט געוואָרן:

— עס עפנט זיך אַ וועלט...

זי האט אבער אויך געהאַט אַ לויטערן שכל, „דעם ייִדנס קאָפּ״.

— מ׳דאַרף נאָך לערנען, אין דער טיף, מען דאַרף מער וויסן...

און זי האָט געלערנט. איר דארער, לענגלעכער פּנים איז שטרענג געוואָרן, אַזוי שטרענג, ווי די נייע לערע.

צומאָל פלעגט זי נאָך עטלעכע שעה אַריינלערנען אין דעם גרויסן און דיקן בוך וועגן קאַפּיטאַל און אַרבעט, בלייבן אַזוי זיצן מיט זיך און מיט דער תורה און זיך אַליין אַנטציקן:

— אט דאס איז דאס געניאַליטעט...

פּלעכאַנאָוו האט איר גערופן: — מיין בעסטע תלמידה...

און ווייל ליובעס מאַמע איז געווען אַזאַ, וואָס איר טאָכטער האָט געקענט צו איר אַלץ שרייבן, האט זי איר אנגעשריבן דעם גאַנצן אמת וועגן איר טאָן אין זשענעוו און האט פאַרענדיקט איר בריוו אַזוי:

— מאַמוניו! איך האָב געפינען דעם זין פון מיין לעבן: איך האָב אַ ציל...

עס זענען דא אַזעלכע מענטשן, וואָס דו זעסט אין זייערע אויגן, אין זייער שווייגן, אז זיי—אָט די דאזיקע מענטשן— זענען אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט עפּעס צו דערפילן... זייער ווייניק מענטשן אַזעלכע... ליובע איז געווען איינע אַזאַ:

— דאַרף מען פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטער דעם סאָציאַליזם...

III

ליובע איז געווען שטענדיק ערלעך מיט זיך. און ערלעך הייסט אויך — באַשיידן.

— צי בין איך אָבער פעיק אויף דעם?... — האָט באַלד ליובע ביי זיך געטראַכט.

יאָ, אומקערן זיך קיין רוסלאַנד, דאָס מוז זי, דאָס וועט זי. מען דאַרף אָנהויבן די אַרבעט. אַ טיטאַנישע אַרבעט — ליכטיק מאַכן אין ראָססיאַ. „אָבער, צי בין איך פעיק אויף דעם?...״ — האָט זי געצווייפלט.

און עס איז געבליבן ביי איר, אַז אויף צו פאַרשפּרייטן דעם באַוואוסטזיין, דעם סאָציאַליזם, איז זי נישט פעאיק. וועט זי דעריבער טאָן אַן אַנדער זאַך, צו וועלכער זי טויג געוויס און זי וועט עס קענען דורכפירן.

זי וועט זיך פאַרנעמען מיט ט ר אַ נ ס פּ אָ ר ט. — זי וועט פירן איבערן גרעניץ, גנבענען דורך די גרעניץ־סעקרעטן, ליטעראַטור אין רוסלאַנד אריין. פון זשענעווער דרוק אין רוסלאַנד. קיינער וועט נישט חושד זיין, אַז זי, דאָס דאַזיקע מיידל מיט דעם נגידישן פּנים, מיט די שוואַרצע האָר און גרויסע אויגן — אַז זי איז גאָר אַ געהיימע רעוואָלוציאָנערן, און אין איר טשעמאָדאַן איז אַנשטאַט קליידער און העמדער, גאָר געפערלעכע רעוואָלוציאָנערע ביכלעך. —

עטלעכע מאל איז איר דורכגעגאַנגען כשורה. ליובע האָט געשײַנט אַ גליקלעכע. זעלטן צו זען אַזאַ לויטערע פרייד אויף אַ מענטשלעך געזיכט, ווי יענע, בשעת ליובע איז געקומען: —

— אַלץ בשלום...

עטלעכע מאָל אַזוי. אָבער איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן דעצעמבער־אָוונט האָט דער וועג פון איבערן רוסישן גרענעץ שוין געפירט ליובען ווייט־ווייט -

אויף דריי יאָר סיביר.

ווייל זי איז דורכגעפאַלן.

אַז ליובע איז אין דריי יאָר אַרום אַראָפּגעקומען פון סיביר, איז גאָרנישט געווען אויף איר צו דערקענען די סיבירער איינזאַמקייט —

— דאַרף מען זיך איצט נעמען צו דער אַרבעט...

פאַר די דריי יאר איז זי נאָר קאַלט־פאַרעקשנטער געווארן.

אָבער איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט געהאנגען פאַרלוירעניש און פינסטערניש. דורך גרויסע אַרעסטן איז געווען די גאַנצע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" חרוב. —

נישטא כמעט קיין מענטש צו ווענדן זיך צו ווענדן.

און ליובע האט זיך געפילט די ערשטע צייט איינע אליין איבער אַ סופלאָזער מדינה. —

ווען זי איז אַלט געווען איינאונצוואנציק יאר, האט זי געהערט, אַז אין ס ו ו אַ ל ק זאָל זיין אַ רעוואָלוציאנערער קרייז. וועט זי גיין אַהין געפינען יענע מענטשן.

נאר, מסתמה, איז מען איר נאָכגעגאַנגען פוסטריט — אָט דעם מיידל, וואס איז אַראָפּגעקומען פון סיביר. מען האָט איר באַלד אין סוואַלק ווידער אַרעסטירט.

און ווייל זי איז געווען זיכער, אַז פון דעם אַרעסט וועט גארנישט אַרויסקומען, האט זי אפילו אָנגערופן דעם אַדרעס, צו וועמען זי דאַרף דא אין סוואַלק — כלומרשט אירער אַ קרוב, אַ באַקאַנטער:

רייטשיק...

האָט מען אויך אים, רייטשיקן, ארעסטירט.

לאַנגע וואכן האט מען איר אפגעהאַלטן אין סוואַלקער אַרעסט. ביים פענסטערל פון טיר איז תמיד געשטאַנען אַ סאָלדאַט און קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון דער געפערלעכער רעוואלוציאנערין. זי האָט זיך צוליב דעם אין די דאזיקע סוואַלקער טורמע־וואָכן קיין איינמאל נישט אויסגעטאָן. זי האט אָבער געהאַט אַן אויסטערלישע פיין אין דער דאָזיקער טורמע.

— עס זענען געווען די פיינליכסטע וואכן אין מיין לעבן...— יאט אמאל ליובע געזאגט.

דאס איז געווען מחמת דעם רייטשיק, וועלכער איז אויך געזעסן אין ארעסט.

ליובע האט זיך אריינגענומען אין מחשבה, אז זי האט צוליב איר לייכטזיניקייט און אומדערפארנקייט אריינגעבראכט דעם חבר רייטשיק אין טורמע. דאס האט זי זיך נישט געקענט מוחל זיין.

— איך מוז אפוואשן פון זיך דעם שענדלעכן פלעק... — האט זי זיך געטענהט.

יא, א פלעק, א ביטערער וועזן, וועלכע האט קיין פלעק נישט געקענט סובל זיין.

— ווי זשע וואשט מען אפ אזא פלעק? —

— מ׳דארף צאלן... — האט זי זיך געזאגט — און דער ווירדיקסטער פרייז איז דאס אייגן לעבן.

און ליובע האט זיך געגרייט צו א זעלבסטמארד.

ווען נישט א קלייניקייט —

מען האט איר אומגעריכט איבערגעפירט פון דעם סו־וואלקער טורמע-שטאל אין פעטערבורגער „פרעדווארילקא". —

און אין דער גרויסער פעטערבורגער טורמע האט ליובע דערשפירט, אז יא, מען דארף זיך מקריב זיין —

— אבער פאר דער רעוואלוציע.

און אגב האט מען דערווייל רייטשיקן באפרייט.

V

אז ליובע איז ארויס פון פעטערבורגער טורמע, איז זי אוועק קיין ווילנע.

דאס איז געווען אין אנהייב פון די ניינציקער יארן. און דא איז געקומען די היסארישע ראל פון דעם דאזיקן מענטשן.

אין ווילנע איז געגרינדעט געווארן די איינציקע ארגא־ניזאציע אין רוסלאנד, וועלכע האט באגרינדעט פאר דער גאנ־צער ענדלאזער מדינה די פרינציפן פון רעוואלוציאנערן סאציאליזם.—

— די סאָציאַלדעמאָקראַטן...

ליובע האָט אָנגעהויבן לערנען תּורה. לערנען איך די קרייז־לעך, אויף די „סכאָדקעס", אין קאָמיטעט. —

און ווי מאָדנע אויסטערליש דאָס זעט אויס: די צאַרטע, פּאַרטרוימטע, שוואַרץ־האָריקע און שוואַרצע־אויגנדיקע ליובע מיט יענער עקשנות, פּשטות, רעאַלקייט, וואָס די תּורה פון איר אין די סכאָדקעס איז געווען:

— „מען דאַרף גיין אין דער מאַסע אריין... מען דאַרף אָנהויבן דעם עקאָנאָמישן קאַמף... מען דאַרף אָרגאַניזירן שטרייקן פאר שכירות... מען דאַרף זאַמלען די פּראָלעטאַריער אַרום זיי־ערע רעאַלע אינטערעסן..."

און דאָס איינציקע ספרל, וואָס דערשיינט צו יענער צייט אונטער דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון דער צאַרטער און איי־דעלער ליובע, איז געווען אַן אַגיטאַציע וועגן —

— שכירות...

האָט איינמאָל ליובע אַזוי געשמועסט צווישן זיך:

— עס קען אויסזען זייער נישט אינטערעסאַנט: גראָשע־דיקע הוספות, א שעה ווייניקער אַרבעט, גרויע, נישט קיין עפעקט־זאַך... נישט קיין אויפרייס אין „צאַרסקאַ סעלאָ"... נאָר אָבער יעדע „סטאַטשקע", ווי גרוי זי זאָל נישט אויסזען, איז אַ וויכטיקע געשעעניש פאַר די, וועלכע באַטייליקן זיך אין איר... באַזונטע, אויפגעוועקטע געזיכטער... דער געהויבענער קול ביים רעדן פון די, וואָס זענען געוווינט צו שווייגן... אַלע רעדן זיי, אַז זיי וועלן נישט אָפּטרעטן ביז עס וועט נישט ארויסקומען לויט זייעריקן... נו, אין פאַרשטויסענעם און אומ־טערעסאַנטן האָט זיך אויפגעוועקט דער מענטש... אין מיטן פון ר י ז י ק ן א ו ר־ש ו ו י י ג ן, הערסטו מיט אַמאָל אַ פּראָטעס־טירנדיקע רעדע... זי איז נאָך געגנוג לויז, פּרימיטיוו, זי דריקט אויס, דוכט זיך, די אוממיטלבאַרע, פּרימיטיווע אינטער־רעסן... נאָר דאָס רעדט שוין אַ מענטש נישט קיין קנעכט —

יעטוועדער קליינער, גרויער שטרייק — איז א גרויסע זאך, אלס א צוקונפט־עלעמענט...

ליובע ארגאניזירט שטרייקן. ליובע איז אין ווילנע און — עס שטרייקן די זאקן-מאכערקעס פון ווילנע.

פארט ליובע קיין ביאליסטאק — שטרייקן די וועבער פון די ביאליסטאקער פאבריקן.

ליובע שטעלט ארויס די פאדערונגען פון די ביאליסטאקער וועבער

— צוועלף שעה ארבעט א טאג...

— זעקס קאפיקעס א מאטיק וועבן...

דער ביאליסטאקער שולהויף איז געפאקט. פון וואלד שיטן זיך די ארעטער מאסנווייז. אומעטום שטייען געזעמלעך מענטשן און ריידן מיט רייך, מיט פייער, פאליציאנטן לויפן ארום, ווי פארסמטע מייז.

די באיארנטע וועבער גלויבן עפעס נישט, אז מען קען אזעלכע זאכן אויספירן.

נאך פסח האבן זיך די א/טע וועבער געריבן די אויגן און זיך אליין נישט געגלויבט:

— יא... זעסטו... מען ארבעט טאקע נישט מער, ווי צוועלף שעה...

אין יענעם שבועות האט ליובע גערעדט פאר אכט-הונ־דערט מענטשן אין וואלד. זענען אנגעקומען אן אוריאדניק מיט א זשאנדאר. —

— שטייט, חברים, אויף אן ארט, האט נישט מורא, ברי־דער...

און עס האט זיך אויפגעצויגן דער ניינוואכנדיקער שטרייק פון צוויי טויזנט וועבער אויף די ביאליסטאקער גאסן — ליובע אין מיטן.

— מען איז דאָך נאָך אַליין בורזשואַז, מען מוז ווערן אַליין פּראָלעטאַריער — דאָס איז דער שליסל...

אַזוי האָט זיך ליובע אַליין געזאָגט.

איז אַוועק ליובע און איז געוואָרן אַ הענטשקע־מאַכעריין און זיך אַוועקגעזעצט מיט אַלע אַנדערע מיידלעך צו נייען הענטשקעס.

און אַזוי זיצנדיק ביי דער אַרבעט און נייענדיק הענטש־קעס האָט זיך ליובע דערטראַכט צו דעם:

— מען מוז גיין אָרגאַניזירן די נישט־יידישער אַרבעטער־מאַסע. דאָס איז געווען דער צוואַנציקסטער פעברואַר פון 1890 יאָר. האָט ליובע אָנגעשריבן אַ פּראָקלאַמאַציע:

— צו אַלע אַרבעטער...

אָנגעשריבן אין יידיש, רוסיש, פּויליש און דייטש — ווייל אין אומגעגנט אַרבעטן דייטשע וועבער.

ליובע איז נישט קיין גיכע שרייבערין. זי דאַרף שרייבן און איבערשרייבן. אָפּווען, אויסרעכענען און אויסמעסטן יעדעס וואָרט —

און מען דאַרף שרייבן פשוט, און פאַרשטענדלעך, און פון האַרצן אַרויס:

— „טייערע ברידער און שוועסטער! קוקט זיך צו צו אייער אייגן לעבן, טוט אַ קוק אויף די געזיכטער פון אייערע פרויען, פון אייערע קינדער...״

אָבער דער דורכפאַל האָט שוין ווידער געוואַרט אויף ליובען.

דעמזעלבן טאָג איז זי אַרעסטירט געוואָרן מיט איינער פון די געשריבענע פּראָקלאַמאַציעס אין האַנט. —

— נישט געהאַט קיין מזל די ליובע...

VII

נאָכדעם, ווי זי האָט ביז איר משפט אָפּגעזעסן פּופצן חדשים אין איינזאַמער געפענגעניש, איז זי אָפּגעשיקט געוואָרן אויף פינף יאָר אין דעם ווייטן סיבירער ווילייסק — זיבן הונדערט וויאָרסט ווייט פון יאַקוטסק.

מען האָט איר מיטן באַן פאַרבייגעפירט ווילנע. מען איז נאָך אין ווילנע פריער געוואָר געוואָרן, אַז היינט וועט מען ליובען פאַרביי פירן. אַרבעטער האָבן זיך געקליבן אַרום וואָקזאַל —

דאָס איז געווען די ערשטע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע אין ווילנע.

ווירקלעך. דער באַן איז אָנגעפאָרן מיט ליובען. מען האָט איר געדאַרפט איבערזעצן פון איין וואַגאָן אין צווייטן. אַ מחנה „קאָנאָוואָלאָוו״ האָט איר געפירט אַרומגערינגלט מיט בלויזע שאַשקעס.—

אין צווישן, אין מיטן פון גלאַנץ פון די בלויזע שווערדן, איז ליובע, די שוואַרץ־קאָפּיקע, עטלעכע אונצוואַנציק יאָריקע ליובע —

— מען פירט איר אין די הרי חשך, קיין ווילייסק...

די אַרבעטער האָבן איר באַגריסט.

בעת דער צוג האָט זיך אָנגעהויבן רירן, האָט דער עולם אַרבעטער זיך איינגעשטעלט און אָנגעהויבן זינגען:

מיר קומען מעלדן
יענע העלדן...

דער צוג פאָרט. ליובע שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון וואַגאָן פענסטער, עפעס באַוועגן זיך די ליפּן און מען הערט נישט. וואָס זי רעדט, מאַכט זי מיט די הענט, געזעגנט זיך:

— אורא!.. — שרייען די אַרבעטער — נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!... אורא!...

ביז דער צוג מיט איר איז נעלם געוואָרן, ווערנדיק באַגלייט מיט דעם נגון פון:

מיר קומען מעלדן
יענע העלדן...

VIII

דאָס איינציקע, וואָס געדענקט זיך פון אירע פינף יאָר ווילייסק איז אַ בריוו, וואָס זי האָט געשריבן צו אַ חבר.

שרייבט זי אַזוי:

„... עס דוכט זיך מיר, אַז מיין באַרוף איז צו זיין אַ קראַנקן־שוועסטער. עפּעס דוכט מיר, אַז די נאַטור האָט מיר בישט באַשאַפן צו זיין אַ רעוואָלוציאָנערין, נאָר אַ דאָקטאָר. אַלעמאָל, ווען איך גיי אַרום אַ חולה, פיל איך, אַז איך טו דאָס, צו וואָס די נאַטור האָט מיך באַשאַפן. נאָר עס איז עפּעס אַ צו קליינע אַרבעט. אָפּגעבן זיך דער מעדיצין הייסט: וועלן אויסשעפּן דעם ים פון מענטשלעכע צרות מיט אַ טיי־לעפעלע. יאָ, און צו דער מעדיצין זענען דאָ פיל בעלנים, צו דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט — זייער ווייניק...״

IX

— און דאָ איז געקומען אַן ערנסטער נסיון אין ליובעס לעבן...

נאָך די פינף יאָר סיביר איז ליובע ערשט אַלט געווען דרייסיק יאָר. —

אָבער זי איז אַראָפּגעקומען מיט אַ האַלב-יאָריק קינד אויף די הענט.

ליובא איז געוואָרן אַ מאַמע. —

וואָס־זשע זאָל איצט ווייטער זיין ?

כדי ווייטער אַריינצוגיין אין דער אַרבעט, מוז מען ווערן אומלעגאַל, לעבן פאַרשטעלטערייד, אויף אַ פרעמדן און פאַלשן פּאַס. —

און דאָ איז אַ קינד, אַ ליב קינד, אויף די הענט. דאָס קינד וועט שטערן.

בלייבט זיך צו דערווייטערן פון דער אַרבעט, אָנהויבן לעבן פאַרן קינד און מיטן קינד. —

און דאָס קינד איז אַ שוואַך עופהלע.

און די נאַטור האָט דאָך איר באַשאַפן צו זיין אַ קראַנקן־שוועסטער...

און ווי דאָס האָט דעמאָלסט נישט אויסגעזען מאָדנע — — האָט ליובאַ שטענדיק ליב געהאַט בלומען...

זאָל זי בלייבן מיטן קינד און די גרויסע זאַך פון דער באַפרייונג, פון דער רעוואָלוציע, פון אַרבעטער־קלאַס — אָט דאָס אַלץ זאָל זי לאָזן אָן אַ זייט? —

יאָ, אַן ערנסטער נסיון אין ליובעס לעבן. פון איינס מוז מען זיך אָפּזאָגן.

און ליובע האָט זיך באַשלאָסן:

— זי וועט זיך אָפּזאָגן פון זיין אַ מאַמע...

ווער קען וויסן, ווי שווער, ווי ווייטאָקדיק דער דאָזיקער באַשלוס איז געווען פאַר איר? —

ליובע האָט געהאַט אַ שוועסטער אין אַמעריקע. וועט זי פאָרן מיט איר עופהלע איבערן ים, קיין אַמעריקע, וועט לאָזן איר קינד אויף די הענט פון איר שוועסטער, זאָל עס וואַקסן אָן זיין מאַמען —

און זי וועט געהערן דער רעוואָלוציע,

— ווייל — האָט ליובע געזאָגט — אַנדערש וואָלט עס זיין ע ג אָ א י ז ם...

•

X

מיט דעם ענדיקט זיך ליובעס לעבן.

ווייל דאָס איבעריקע, וואָס עס איז געשען איז געווען בלויז אַן א ו מ ג ל י ק. אָט דאָס, וואָס עס קען טרעפן מיט יע־דער איינעם.

נאָר דאָך האָט עס פונדעסטוועגן איר געטראָפן.

געווען איז אַזוי:

דער לעצטער גרוס, וואָס עס איז געקומען פון איר פון ניו־יאָרק איז געווען אַ בריוו צו איר שוועסטער:

„... שוועסטערקע, היינט זענען שוין קיין ווייטאָקן נישטאָ.

איך פיל מער נישט אַ מידקייט אין צלע גלידער. דאָס איז, מסתמא, פון דעם, וואָס איך האָב גאָרנישט געגעסן און פון די היצן. איך האָט געוואָלט צוקלייבן אין שטוב, נאָר עס איז אַזוי הייס, אַז די הענט הויבן זיך נישט. איך האָב גענומען שרייבן דיר אַ בריוו, נאָר עס גייט נישט. איך וועל גיין זיך אויסבאָדן, דערנאָך וועל איך ענדיגן. עס וואָלט זיין גוט צו נעמען אַ קאַלטע וואַנע..."

דאָס האָט זי געשריבן אַ זייגער צוועלף אין מיטן טאָג.

אַ זייגער צווי האָבן באַקאַנטע געקלונגען אין טיר און קיינער האָט נישט געענטפערט. האָט מען, פאַרשטייט זיך, שפּע־טער די טיר אויפגעריסן.

ליובען האָט מען געפונען אַ טויטע אין דער קאַלטער וואַנע.

אויף איר פּנים איז געווען אַ שמייכל.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

— וואַרשיינלעך, געפאַלן אין אָנמאַכט, דערטרונקן געוואָרן...

האָט זיך דער עלטערער חבר פאַרטראַכט, אויס געטאָן די די־קע ברילן, אויסגעווישט די גלעזער, געקוקט מיט די עלטערע, קורצזיכטיקע בלויע אויגן און פאַרענדיקט:

— יאָ, זי איז געווען אַ ליכטיקע... ליובע די ליכטיקע...

אין טלית שבת אין דערפרי

I

אין סאמע מיטן זומער, אין יולי פון טויזנט ניין הונדערט ערשטן יאָר איז דאָס געווען.

גאַנץ שטאָט האָט ער דורכגעאַקערט דער אַלטער, צוויי אונזיבעציק יאָריקער בערשטער ר׳ מרדכי.

אָט די דאָזיקע געשיכטע מיט דעם אויסטערלישן זקן. —

נישט אַזוי מיט זיין לעבן, ווי מיט זיין הייליקן אַוועקגיין פון דער וועלט.

פאָנעוועזש איז געגאַנגען אויף רעדער.

עס איז געווען ביי די בערשטער איינער פון די פאַרהאַרטעוועטסטע און פאַרביטערטסטע שטרייקן. נישט נאָר אין פאָנעוועזש איז דאָס געווען, נאָר אומעטום ווו די בערשטער זענען דאָ. אין איין מעזריטש זענען געשטאַנען צוויי טויזנט בערשטער אין אַ לאָקאַוט. און ווו איז ווילקאָמיר? און שאַוול? און די טרעסטינע, וועלכע ליגט ווייט פון באַנען צווישן אָרימע פעלדער?—

קיינער האָט זיך נישט אַרויסגעבראָכן. עס איז געווען שטרענגער, ווי מען וואָלט געשוואָרן ביי אַ ספר־תורה. עס איז געווען אַן אמתע מלחמה מיט אַ עקשנות, וועלכע האָט זיך אָנגעקליבן אין די לאַנגע ווינטערדיקע אַרבעט־נעכט אין משך פון צענדליקער יאָרן. חברה פאַבריקאַנטן איז אויך געווען איינגעשנורעוועט און איינגעפאַסעוועט:

— נישט און נישט...

און פאַר זיי איז געווען אויסגעמישט אַ גאַל פון בונ־שאָווששיקעס, פון אפיקורסים, פון צאַרניקעס, פון מעסערניקעס —קעגן גאָט און קעגן קייסער און קעגן יידישקייט.—

— און סתם, וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ קאָמאַנדעווען?..

און סתם, וואָס איז עס עפּעס „אַ ווייל איך אַזוי״...

— און אונזער האָב און גוטס איז שוין הפקר?...

— און חנא וועט גאָר באַלעבאָס ווערן?

— זדעכניען וועלן זיי...

— צו די פּיס פאַלן...

און מען האָט געטשאַטעוועט פאַבריקאַנטן אויף די וועגן און מען האָט זיי אָנגעטאָן זעק אויף די קעפּ —

און מען האָט געהאַקט שטיינער אין די שויבן, און שפּיגלען צעבראָזגעוועט.—

דער פירער פון דעם גאַנצן בערשטער שטרייק איז גע־ווען דער חבר נח ראַפּאָפּאָרט —

— פון צעקאַ...

פלעגט ער שרייבן זיינע פאַרשטעלטע בריוועלעך ווי מען האָט געדאַרפט.

„מיר האָפן, אַז דאָס געשעפט וועט זיך ענדיקן מיט גרויס פּרנסה״. —

עס הייסט, אַז נח איז זיכער, אַז מען וועט סוף־כל־סוף דעם שטרייק געווינען.

אָדער אַזוי:

— „צוליב די געשעפטן פון ב. עסטערמאַן בין איך גע־ווען נישט הי...״

„ב. עסטערמאַן״ — דאָס זאָל הייסן פאַרשטעלטערייד: די בערשטער...

און טאָמער האָט איינער פון די בערשטער־פאַבריקאַנטן נאָכגעגעבן, האָט ער אַזוי צווויסן געגעבן:

— „זיין שוועער האָט אָפּגעגעבן די ירושה, אָבער אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל דאָס קענען מיט דער צייט אָפּנעמען

צוריק... הזהר והשמר, אָן דעם פּאַנעוועזשער שותּף זאָלסטו גאָרנישט נעמען..."

און אַז מען האָט געמוזט אַרויסהעלפן די שטרייקנדיקע משפחות, האָט ער אַזוי געלאָזט צוזאָגן:

„שיקט דרשה-געשאַנג צו דער גרויסער חתונה פון די שאַוולער מיט די פּאַנעוועזשער..."

די מלחמה איז געווען אַ לאַנגע און אַ פאַרביטערטע פון ביידע צדדים. די זשאַנדאַרן האָבן אויך געאַרבעט מעשים.

און אין מיטן דעם אַלעמען האָט זיך אויף אַן אומגליקלעכן אופן אַריינגעדרייט דער אַלטער, צוויי־און־זיבעציק־יאָריקער מרדכי בערשטער פון פּאָנעוועש.

.II

כּ, ימיו איז מרדכי געווען אַ בערשטער. וואָלט, אייגנטלעך, צו קיין זאַך נישט געקומען. ער וואָלט אויסגעלעבט זיינע יאָרן און וואָלט בשלום אַוועק אויף יענער וועלט מיט דעם קבצן זיינעם. האָט ער אָבער געהאַט אַ זונדל, אַ גוראַטנס, אַ מילכל, אַ דריי־קאָפּ, אַ לאָקאָמאָטיוו, — אַבטשיק... — האָט מען אים גערופן.

האָט דער דאָזיקער אַבטשיק אַזוי געדרייט און געהאַוועט און געשווינדלט, ביז ער איז אַליין געוואָרן אויס בערשטער, נאָר טאַקע אַ בערשטער־פאַבריקאַנט.

און טאַקע אין דער זעלביקער פּאַנעוועזש. —

זיין טאַטן, אויף דער עלטער, האָט ער שוין נישט געלאָזט שטיין ביים טיש און בערשטן, נאָר ער האָט אים צוגענומען פאַר אַ סטרוזש ביי אים אין פאַבריק.

— טאַטע, גיב אַכטונג מיט ביידע אויגן, ווייל עס איז רק גנב און גזלן...

און דער סאַמע ריכטיקער אָנטרייבער ביי די פאַבריקאַנטן און דער אמתער „סיבירניק" מיט די אַרבעטער — איז אַבטשיק.

די פּאַנצעוועזשער בערשטער האָבן אים גערופֿן:
— אַבטשיק אדם הגדול...
מיט איין וואָרט: אַבטשיק.

III

איז טאַקע דער אַלטער ר' מרדכי דער בערשטער געווען אַ וועכטער ביי זיין אייגענעם זון, וועלכער איז כסדר אַלץ מער גביר און חזיר געוואָרן. דער אַלטער האָט געטאָן זיינס — געהיט. עס האָט אים געצויגן צו די טישן פֿון די בערשטער, פֿון די פּועלים:—

— אייגענע מענטשן...

ער איז דאָך אַליין אַרבעטער, אַן אייגענער. פֿלעגט ער צולייגן אַן אויער צו דעם, וואָס מען רעדט צווישן זיך. און מען האָט זיך פֿאַר אים נישט אויסבאַהאַלטן. און דעם אַלטן איז עס אַפֿילו צומאָל געפֿעלן געוואָרן:

— נישטאָ קיין אָרעם און רייך... אַלע גלייך... אַכט שעה אַרבעט...

פֿלעגט ער אַריינטראַכטן אין דעם — ער, מיט זיינע אויגן מיט זיין גרויער באָרד, מיט זיין שמעק טאַבאַק —

— עס לייגט זיך אויפֿן זינען...

— גערעכט..

אַלא וואָס זיין זון וועט די פֿאַבריק נישט האָבן? — ממילא, וועט דאָך מיט אַ גאַנצער וועלט זיין אַזוי —

און אַז דער זון זיינער, אַבטשיק אדם גדול, פֿלעגט פּריי־טיק מאַכן די אויסצאָלונג און „יונה דער בלינדער“ פֿלעגט אַוועק־גיין מיט זיינע צוויי רובל פֿאַר דער וואָך אַהיים, האָט ר' מרדכי געוואוסט, וואָס דאָס הייסט אַזוינס, פֿלעגט אים ווי טאָן דאָס האַרץ, פֿלעגט ער אָפּזיפֿצן:

— אבא, וואָלסטו אים אפשר צוגעלייגט...

— טאַטע, איך בעט דיר, מיש זיך נישט אין געשעפֿט, נישט דיין עסק.

און אַז ביי אַ בערשטער, ביי אַן אייגענעם מענטשן,

פלעגט אַ קינד, חס ושלום, קראַנק ווערן, פלעגט זיך ר׳ מרדכי מיט זיין שטעקן אָוועקשלעפּן מיט אַ קורטשאַק אונטערן פּאָלע, וואָס ער האָט עס שוין ערגעץ „פּאַצאַפּעט״.

— פאַר בענדעטס קינד...

IY

איז געווען אין סאַמע מיטן שטרייק פון די בערשטערס. אַבּטשיק האָט געבּרענט אויף הייסע קוילן. ער האָט אויסגעלאָזן זיין כעס צו זיין טאַטן:

— טאַטע, איך גיי פון דער וועלט...

— איך ווער בדיל הדל... איבּער די הייזער וועל איך גיין,—אַזוי האָט געשריגן אַבּטשיק אויף זיין טאַטן, וועלכער האָט אים גאָרנישט געקענט העלפן. נאָר אַבּטשיק, האָט געפילט, ווי ער וואָלט שרייען נישט נאָר אויף זיין טאַטן, נאָר אויף אַלע בערשטער די בונטאָווטשיקעס.

און אַז מען האָט איינמאָל ביינאַכט אויסגעהאַקט די שויבן ביי אַבּטשיקן אין שטוב, און אַ שטיין איז געפאַלן אין שפיגל אַריין —

— האָט שוין דער אַלטער ר׳ מרדכי נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. —

ווייל ער האָט געזען, ווער עס האָט זיך געקליבּן אַרום זיין זונס הויז, ער האָט געוווסט, ווער עס האָט די שטיינער געוואָרפן, ער האָט געוואוסט, ווער עס איז דער גאַנצער מאַכער פון דער גאַנצער זאַך. —

אַבּטשיק האָט געליאַרעמט:

— איך וועל זיי אין סיביר פאַרשיקן...

— אין אָסטראָג וועלן זיי ביי מיר פוילן...

אַבּטשיק „אדם גדול״ איז צוגעשטאַנען צו זיין טאַטן און ער האָט געפאָדערט פון אים, אַז ער, דער טאַטע זיינער זאָל זיך אונטערשרייבן —

— אַז איך, מרדכי סאַראַשעוויטש, ווייס אַז י און אַזוי, אַז די און די...

עמאָלסט וועט צו אַלץ נעמען אַ סוף. און עס וועט זיין אויך אויס שטרייק. —

און דער אַלטער ר׳ מרדכי איז געווען אין ביטערן קלעם: זיין זון ווערט בדיל הדל, חברה וועט אים נאָך אומברענגען פון דער וועלט — אויף זיי איז צו גלויבן. דער זון שטייט צו צום טאַטן זיינעם:

— טאַטע און טאַטע...

— טאַטע, ראַטעווע מיך...

— און וואָס? — וואָס וועט זיי זיין? מען וועט זיי אָפּהאַלטן אַ פּאָר טעג און אַרויסלאָזן...

— אָבער זיי וועלן שוין מורא האָבן...

און אַבטשיק האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן פּאַפּיר, וואָס לייזער האָט נישט רעכט געוואוסט אַפילו, וואָס דאָרט שטייט געשריבן און צוגעשטאַנען:

— טאַטע, שרייב אונטער...

— טאַטע, איך זע, אַז דו ביזט יד־אחת מיט זיי...

אָבער לייזער האָט נישט געקענט שרייבן —

— אַבא, איך וועל נישט מסרן...

האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס זעלבע, ווידער די טפּינות און די געשרייען. —

ביז עס איז געווען עפּעס אַ נישט גוטע רגע און דער אַלטער לייזער האָט געטאָן, וואָס דער זון זיינער האָט געהייסן.

V

און איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אומגליק.

קדם האָט מען עלף מאַן אַרעסטירט. —

אַלץ אייגענע און היימישע מענטשן. מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט זיי אָוועקגעפירט אין קייטן. —

אין פּאַנעוועזש איז געווען חשך. די ווייבער פון די אַרעסטירטע זענען געקומען צו אַבטשיקן, צום אַלטן ר׳ לייזער:

— גזלנים...

— רוצחים...

— מוסרים...

און אומעטום וואו מען איז געגאַנגען און וואו מען איז געשטאַנען — אַלץ די זעלבע מעשה: — אַבטשיק האָט געבויט זיין טאַטן צו מסרן...

און ר׳ לייזער האָט נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן. און נישט אַזוי צוליב לייטן, ווי צוליב זיך אַליין. —

עס האָט זיך געטאָן אַ מהפכה ביים אַלטן בערשטער אין הארצן, אַ וויסטער חורבן:

— וואָס האָסטו געטאָן?... וואָס ביסטו משוגע געוואָרן?...

„דוד דער בלינדער" זיצט אין תפיסה. איטשקען מוניעס, זאָגט מען, האָט מען שוין אָפּגעשיקט קיין קאָוונע. רעדט מען, אַז מען וועט די בערשטערייען אונטערצינדן. —

און דער אַלטער לייזער האָט אפילו נישט צו וועמען צו רעדן —

אַבטשיק מיט אַנדערע פאַבריקאַנטן זענען אָפּגעפאָרן קיין וואָלקאָווישקי און זיי זיצן דאָרטן. זיי האָבן מורא צו זיין אין פּאַנעוועזש, וואו די בערשטער האָבן אייזערנע הענטשקעס.

פאַרנאַכט האָט מען ר׳ לייזערן אַרומגערינגלט אויפן שול-הויף — אַלץ אייגענע מענטשן, עלטערע יידן-בערשטערס אַ קליינינקייט — ער איז דאָך שוין פופציק יאָר אין דער בערשטעריי.

וואָס מען האָט אים געזאָגט, און וואָס מען האָט גערעדט, איז מען דאָך גערעכט געווען:

— לייזער, מען וועט נאָך דיר אָנטאָן אַ זאַק אויפן קאָפּ...

— אַ מסור ביזטו געוואָרן...

— יידישע קינדער אין טורמע אַריינגעגעבן...

און ער איז געשטאַנען און געשוויגן, און געציטערט מיט זיין גאַנצן אַלטן לייב און לעבן —

און געוויינט...

און אַז מען האָט אים געזען וויינענדיק, האָבן זיך אַלע פונאַנדערגערוקט און אים געלאָזן אַליין גיין אַ היים.

VI

ביז יענער צייט איז נאָך לייזער קיינמאָל נישט געפאָרן מיטן באַן. און דאָס איז געווען אין אַ איינפאַכן מיטוואָך, אַט ווי ער שטייט און גייט איז לייזער אַוועק צו דער פאָנעוועזשער סטאַציע און איז אַוועקגעפאָרן קיין וואָלקאָווישקי — דאָרטן צו זיין זון און צו די איבעריקע חזיר־האָר־פאַבריקאַנטן:

— אבא, מ׳זאָל אַרויסלאָזן די יידן פון טורמע. דער טאַטע הייסט... הערסט, אַבא!..

— איך האָב זיי דען איינגעזעצט?

— ווער דען?

— גיי צום נאַטשאַלניק...

— אַבא, אַז מען וועט די יידן נישט אַרויסלאָזן פון טורמע, וועט זיין זייער שלעכט.

— אַי, טאַטע, דריי זיך קיין קאָפּ נישט...

— איך זאָג דיר, אַז דו שפּילסט זיך מיט פייער...

— נו, טאַטע, גענוג צו דולן...

— אָבער, וואָס האָט איר מיך פאַר אַ מסור געמאַכט...

— טאַטע, נעם און פאָר אַהיים און לאָז צורו...

איז ער אַוועקגעפאָרן צוריק מיט גאָרנישט.

VII

ביז שבת האָט ר׳ לייזער געוואַרט. ער האָט געהאַלטן אַז מען וועט די בערשטער אויף שבת פאָרט אַרויסלאָזן פון טורמע. עס איז אָבער געווען אַן אומזיסטע וואַרטעניש.

פאַר זיינע אַלע צוויי אונזעכציק יאָר האָט נאָך ר׳ לייזער נישט געהאַט אַזאַ שוואַרץ-שבת. צו קבלת שבת איז ער נישט געגאַנגען אין בית-המדרש אַריין און איז געבליבן אין שטוב.

ער איז געזעסן ביי די געבענטשטע ליכט און עס האָט אים געוויינט דאָס הארץ. אַז ער האָט געמאַכט קדוש איבער

די חלות קעגנאיבער זיין טויבען, איז ער שוין געשטאַנען אַ אונטערגעשניטענער.

נאָך דער המוציא האָט ער אַ קיי געטאָן אַ שטיקל חלה, געבליבן שטיין אין מיטן ביס און זיך אָפּגערופן:

— טויבע, די יידן זיצן דאָך אין טורמע...

ער האָט געוואוסט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער איז זיך אַזוי־מצער איז חלול־שבת, און עס איז אַן עבירה... אָבער ער איז שוין נישט געווען קיין באַלעבאָס איבער זיך. —

אויף מאָרגן, שבת אין דערפרי, האָט ער אָנגעטאָן דעם טלית צו גיין אין בית־מדרש אַריין. אין פּאָנעוועזש איז נישט געווען קיין עירוב און דעם טלית, על פּי דין, פלעגט מען טראָגן אויף זיך.

— ווערסט, לייזער, טרינקן אַ גלאָז קאַווע... — האָט טויבע געזאָגט צו איר מאַן, ווי דער שטייגער שבת אין דערפרי.

— ניין ביין... — האָט ער געענטפערט — ווי זאָל איך טרינקן, ווען מענטשן גייען די דרייצנטע וואָך און הונגערן?...

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, אָבער אַנשטאָט צו גיין מיטן וועג צום בית-המדרש, האָט ער דערזען דעם ברונים אויפן ליידיקן הויף, האָט עפּעס ביי אים דער מוח זיך אַ דריי געטאָן פון זיין אָרט — אָט דער מח, וועלכער האָט אים געדינט צוויי־און־זיבעציק יאָר — און ער האָט זיך אַ קירעווע געטאָן צום ברונים.

אַ שטעטלשער גוי איז געשטאַנען פון דערווייטן און געזען, ווי אַ ייד אין אַ טלית גייט צום ברונים, איז אים געווען אויפפאַלנדיק די מעשה, האָט ער זיך צוגעקוקט —

עפּעס שטייט דער ייד לאַנג ביים ברונים, קוקט אַראָפּ און קוקט זיך אַרום, שאָקלט זיך —

— אפשר איז דאָס ביי די יידן אַ איינפיר אַזאַ...

און אין מיטן דערינען איז דער גוי מבוהל געוואָרן: דער ייד האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויפן ברונים-ברעטל און אַ באַך אַריין אינעווייניק —

— ראַטויטע!.. — האָט דער גוי אַ געשריי געטאָן איבערן גאַנצן שטאָט און געלאָפן צום ברונים.

אין דער זעלבער רגע איז שוין דער גאַנצער שבתדיקער פרימאָרגן געלאָפן צוזאַמען מיטן גוי צום ברונים. עס זענען געלאָפן יידן מיט טליתים, וועלכע זענען געגאַנגען אין בית־מדרש אַריין, ווייבער זענען אַרויסגעלאָפן פון די טירן, ווער מיטן שייטל אין האַנט און ווער מיט אַ ליידיקע גלאָז. ייִנגעלייטלעך האָבן זיך געלאָזט מיט צושפּיליעטע רעקלעך.

אַלץ איז געווען אַרום ברונים.

— ר׳ לייזער, האָט אויף זיך רחמנות, כאַפּט זיך אָן שטריק... — האָט יאָסל מרדכי דער בערשטער געשריגן, שטייענדיק אַזוי אַ וואַקלדיקער אין דער קאַמזעלקע זיינער — ר׳ לייזער!.. נעמט די שטריק... האָט רחמנות... ר׳ לייזער...

און דער עולם איז געווען אַראָפּגעבויגן מיט אַ אייגעהאַל־טענעם אָטעם. מער ניט לייזערס ווייב טויבע האָט אויפגעריסן דעם גאַנצן הויף מיט איר געוויין.

— ער לעבט...

— ער דרייט זיך דאָרטן...

אַזוי האָט מען גערעדט צווישן זיך. און אָט־אָט לאָזט זיך יאָסל מרדכי אין ברונים אַריין.

— זייט מוחל, יודן... — האָט דאָס לעצטע געשריען ר׳ לייזער פון ברונים אַרויס.

און ער האָט געלאָזן די שטריק הענגען. ער האָט איר גישט געוואָלט אָננעמען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען אים מיט אַ שטריק אַרויסגעשלעפּט שוין אַ טויטן.

יאָסל מרדכי האָט אים געטראָגן פון ברונים אַרויס, ווען אַנדערע יידן האָבן צוגעהאַלטן יאָסל מרדכין מיט דער קאַמ־זעלקע פאַר דער שטריק, מיט וועלכן ער איז געווען אַרומגע־געבונדן.

די לויה פון צוויי און זיבעציק יאָריקן לייזער סאַראַשע־וויטש — דאָס איז געווען די גרויסע דעמאָנסטראַציע פון פאָ־גנעוועזש.

שיס, בעם דיך דער טיוול...

1

עס איז אין דער שטאָט האָמעל: —

אָנהויב פרילינג. רוסישער בעז און טייך האָבן געבליט צוזאַמען. אויף אַליין-געמאַכטע פייפיאָלן האָבן די בחורים אין די ווייסע בלוזעס מיט די רויט־אויסגענייטע בלימלעך אויסגעשפילט נגונים צו די בוימער, סעדער און מיידלעך. די אָוונטן זענען אָנגעקומען אויף די פעלדער צוזאַמען מיט דעם אומעט פון די דאָרפישע כאַטעס.

עס איז דאָס פינפטע יאָר, ווי אויפן ראַנד פון ווייטע פליינען הויבן אָן צו ברענען וועלדער איינער נאָכן אַנדערן, ברענען אָן רויך, אַזוי האָבן אָנגעהויבן אויפצוגיין די בראַנדן פון אָרים און הייל פון די שטעט.

אין האָמעל זענען אָנגעקומען די ווידערקולן פון זשיטאָמער און פון וואַרשע. אין זשיטאָמער איז געווען א פאָגראָם מיט א זעלבסטשוץ. אין וואַרשע זענען געווען דעמאָנסטראַציעס מיט הונדערטער קרבנות. איז האָמעל געגאַנגען אויף רעדלעך — מיט די פיס אַרויף —

די שול איז פול קאָפּ אויף קאָפּ — איבער דריי טויזנט יידישע אַרבעטער. עס האָט גערעדט דער חבר, וועלכער איז אַליין נאָר־וואָס געקומען פון זשיטאָמער:

— דער פריסטאַוו קויאַראָוו, דער פאָמאָטשניק פריסטאַוו

יאַראַצקי, דער אַקאָלאָדאַטשני אַלעקסאַנדראָוו — זיי זענען גע־
ווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון פּאָגראָם... פּאָליציייסקעס זענען גע־
גאַנגען מיט לאַנגע שטעקענס פּאַרויס און געבראָכן די שויבן...
פיר שעה האָט געדויערט די ערשטע געפעכט פון אונזער זעלבס־
שוץ מיט די באַוואָפנטע פּאָגראָמטשיקעס... מען האָט אַטאַקירט
אין געשלאָסענע רייען און ווידער זיך פונאַנדערגעשפּרייט... די
שוואַרץ־מאַהניקעס זענען געשטאַנען אין פּאָליקאָווקע אויפן באַרג,
מיר זענען געשטאַנען אין טאָל אַרומגערינגלט מיט קליינע
בערגלעך...

עס דערצעלט דער חבר, רעדט און דערציילט און עס איז אַזוי שטיל, אַז מען הערט אַ העכערן אָטעם. עס גייט מיט צו־זאַמען מיט אים דער גאַנצער עולם, ווען ער דערציילט:

— די געפעכט, וועלכער איז פאָרגעקומען אויף פּאָדאָל האָט נישט איר גלייכן אין דער געשיכטע... אונטער אַ האָגל פון קוילן זענען די מיטגלידער פון זעלבסטשוץ געשטאַנען פיר שעה... איינער נאָכן אַנדערן זענען די חברים געפאַלן, פאַלנדיק איבערגעגעבן דעם געווער אַ צווייטן... אַ שטאָט האָבן מיר מיט זיך פאַרטיידיקט — אַ שטאָט פאַרטיידיקט קעגן פינסטערע בעסטיעס...

דער חבר האָט אַלץ געוואוסט גענוי, ער האָט געוואוסט צו דערציילן, אַז אין די אָטריאַדן פון זעלבסטשוץ זענען געווען פירהונדערט חברים, אַז אין פאָדערשטן קאַמף־אָטריאַד זענען גע־ווען 9 חברים, רעוואָלווערן זענען געווען פונפאונפופציק, אויסער דעם — 5 סטודענטישע און איין פּריוואַטער, קינזשאַלן 50, נאַ־הייקעס 300, די רעוואָלווערן האָבן געקאָסט 457 רובל, די נאַ־הייקעס 150 רובל, די קינזשאַלן — 20 רובל...

אין די ווערטער קלינגען אָפּ אין דער אַלטער יידישער שול, ווי פּאַראָלן, ווי שם־המפורשן פון אַזאַ מאָדנער, אויסטער־לישער צייט, וועלכע קומט אָן.

— חברים! — זאָגט דער רעדנער — טוט אויס די היט־לען, ווען איך דערמאָן דעם נאָמען פון דעם רוסישן חבר ני־קאָלאַי איוואַנאָוויטש בלינאָוו... ער איז געווען פאַראויס אין אונ־זער זעלבסשוץ... צווישן צוויי שירות סאָלדאַטן איז ער געלאָפן

מיט דעם רעוואָלווער אין האַנט צום פּריסטאַוו פאָדערן, אַז ער זאָל דעם פּאָגראָם אָפּשטעלן. —

— איך וועל דיך דערשיסן דעם ערשטן!.. — האָט בלינאָוו געשריען צום פּריסטאַוו.

— היי, כאָטש די ביזט אַ אונזעריקער, נאָר ביזט ערגער פון אַ זשיד... — האָט אים דער פּריסטאַוו געזאָגט.

און בלינאָוו איז געפאַלן טויט צווישן ביידע שורות זעלנער.

און עס קלינגט אין בית-מדרש דער נאָמען:

— ניקאָ — לאַי — איוואַ — נאָ — וויטש — בלינ — נאָ... —

און ער פאַרענדיקט דער פרעמדער רעדנער אַזוי:

— און זאָל פאַר אונז דינען דער ביישפּיל פון חבר לייבע... לייבע וויינשטיין... און זאָלן מיר הערן, וואָס עס רופט צו אונז זיין פאַרגאָסן בלוט, וואָס שרייבט פון דער ערד... חבר לייבע איז אין שפּיץ פון זעלבסטשוץ דער ערשטער געפאַלן פאַרטיידיקנדיק פאָדאָל... ביידע — ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש און לייבע — זענען צוויי קדושים... לאָמיר חברים שווערן... לאָמיר...

און נאָך אים האָט גערעדט אַ חבר וועגן וואַרשע. האָט אַ יאָג געטאָן אַהער קיין האָמעל, אין דער האָמלער שול, אַ ווינט פון דער שטאָט ביים ווייסל:

— אויף מאַרשאַלקאָווסקי גאַס... אויף די אַלעען... רויטע פענער פלאַטערן... קאָזאַקן רייטן אַריין מיט די שטיקעס... פאַלן טויטע אייף די גאַסן..

און די דרייטויזנט מענטשן אין דער האָמלער שול זענען איצט ווייט פון האָמעל, ערגעץ דאָרטן אויף מיטן דער וועלט, וואו עס פלאַטערן פענער, וואו מענטשן פאַלן אונטער קוילן, וואו מען האַלט מלחמה מיט קאָזאַקן.

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

— זאָל לעבן די רעוואָלוציע!..

ווי עס וויגט זיך די תבואה אין פעלד בעת אַ ווינט, אַזוי וויגט זיך פונאַנדער דער המון, גלייך, ערנסט, זשומענדיק און ברומענדיק —

צווישן דעם עולם אין שול איז אויך געווען דער זיבצן־יאָריקער יעקב משה, וועגן וועמען עס גייט דאָ די געשיכטע:

— יעקב משה אַגראַנאַך...

II

יעקב משה, אייגנטלעך, נישט יעקב, נישט משה, נאָר יאַשקע, ווי ער האָט געהייסן אין שטוב — יאַשקע איז אַלט געווען נאָר זיבצן יאָר.

אַז אין מיטן דערינען האָט מען אים אַרויסגעיאָגט פון דעם זיבעטן קלאַס גימנאַזיע, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין דעם אַלטן גרינלעכן היטל, אָן דעם הערב, און געלאָזט, אַזוי פאַרגעסנדיק, וואַקסן די האָר אונטער זיין היטל, — די שוואַרצע, געדיכטע, צעקודלעטע האָר, און די הויזן זענען אַרויפגעוואַקסן הויך איבער די שיך, אַזוי, אַז עס האָבן זיך גוט אַרויסגעזען די גרויע שיך־אויערן מיט די אויסגעריבענע גומע פון די זייטן.—

עס האָט עפּעס געבליט אינעווייניק אין דעם האַלב־פאַר־מרוקעטן זיבצניאָריקן בחור — אָט אַזוי ווי עס צעוואַקסט זיך אַמאָל אַ באַרנעס־בוים אין מיטן פעלד, מיט האַרטע, ווילדע באַרנעס.

טרעפט אַמאָל אין די רוסישע דערפער, אַז מען כאַפּט זיך אויף אין מיטן באַכט — אָט אַזוי אַ גאַנצער דאָרף, און מיט פייער אין די הענט, טרייבט מען מיט וואָיעניש אַ וואָלף פון דאָרף אַרויס — אַזוי האָט עס געיאָגט פון אים זיינע געוועזענע זיבעצן יאָר, זיין היים, זיין טאַטן מיטן געוועלב אויפן סקווער...

און ווי עס גייט אום באַגינען אַ ווייסער הענדל, קרייט זיך אויס און פּיקט, פּיקט אויף דער זון פאַרטויטע קערנער אַזוי האָט יאַשקע אויפגעפּיקט די ערשטע באַגינען־קערנער:

— רעוואָלוציע... פּראָלעטאַריאַט... סאָציאַליזם...

דאָס איז געווען אַקוראַט דעמאָלסט, ווען האָמעל האָט דער־שפּירט, אַז מער קען מען נישט וואַרטן, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן.

יאַשקען האָט גאָך כּמעט קיינער נישט געקענט, נאָר ער איז שוין אומגעלאָפן, ווי אַ יאַגד־הונט, פון בוים צו בוים — געלאָפן פון גאַס צו גאַס, מיט דעם המון, מיטגעשריען... —

און איז גיך געוואָרן צווישן אַלעמען.

III

דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ איינטאָגיקן שטרייק אין גאַנצן שטאָט. —

מען האָט געוואַגט אויפן סאַמע מיטן גאַס, אויף דער „בירזע" דורכפירן דעם שטרייק־מיטינג. די גאַס איז שנעל פאַרפלייצט געוואָרן פון מענטשן.

מען רעדט. — יאָ, מען רעדט אויף מיטן גאַס.

ווי עס ברענט אַ דאָרן אין מדבר — אַזוי האָט יאַשקע, שטייענדיק צווישן עולם, געברענט. עס האָבן אים געציטערט די ביינער.

איז אָנגעקומען אַ פּאַטרול סאָלדאַטן. דער רעדנער האָט זיך אַ קער געטאָן צו זיי:

— ברידער זעמלאַיקעס, איר טאָרט נישט און איר וועט נישט אין אונז שיסן... ברידער...

יאַשקע האָט, אַליין נישט פילענדיק, עס נאָכגערעדט וואָרט אין וואָרט:

— איר טאָרט נישט... איר וועט נישט... ברידער...

ער וואָלט עס וועלן הויך שרייען איבער דער גאַנצער גאַס.

דער „יעפרייטער" פון די זעלנער האָט דעם פּאַטרול באַפוילן:

— קומט אַוועק פון דאַנען...

— לאָז, מיר ווילן הערן... — האָבן זיי צוריק געענטפערט — אונז רעדט ער...

אויף מאָרגן האָט האָמעל געשטרייקט. אַלץ איז געווען געשלאָסן, אפילו די ברוקירער האָבן געשטרייקט, אויף אַלע ווענט אויף די קווערן גאַסן, אויף די טעלעגראַף־סלופּעס זענען צוגעקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס, די בירזע איז פאַרפלייצט מיט אַרבעטער, באַלד הויבט זיך אָן דער צוג איבערן גאַס,

— וואָס האָט איר, ברידערלעך, מורא צו שלאָגן די זשידעס?... — פרעגט דער קאָזאַקן־אָפיציר זיינע קאָזאַקן.

און זיי זיצן אויף די פערד, קוקן, גאַפן און רירן זיך נישט פון אָרט.

מען האָט אָנגעהויבן מאַניפעסטירן אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. פאָליציי און קאַזאַקן זענען געקומען צו זיך, זיי האבן זיך געוואָרפן פון איין טייל שטאָט אין אַנדערן — פון זיך אַליין פלעגן אַרויסשפּרינגען דעמאָנסטראַציעס, פענער מיט לידער...

אַט פירן קאַזאַקן מיט סאָלדאַטן אויפן ברוק אַן אַרעסטירטן חבר, הינטער זיי גייט נאָך אַ גרויסער עולם אַרבעטער־יידן און רוסן:

חברה, גזלנים, לאָזט אָפּ דעם חבר!...

די מאַסע, וואָס גייט נאָך פון הינטן, ווערט אַלץ מער צעהיצט, צעיושעט, עס בינדן זיך פונאַנדער די הענט

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!...

— אורראַ!...

און מען ווייס שוין נישט, וואו זענען קאַזאַקן, זעלנער, המון, עס איז אַ געפּעכט און אַ קולאַק־געשלעג איבער דעם גאַנצן מאַרק, קאָפּ אין קאָפּ, הענט אויף הענט, עפּעס איינער אָן אַ היטל, אַ ציווילער, לויפט גאַס־אַראָפּ מיט א סאָלדאַטסקען ביקס, אין מיטן דערינען איז יאַשקע, זיינע שוואַרצע האָר איז צעקודלט, די אויגן, ווי זיי וועלן באַלד אַ הויב טאָן זיך אויף פויגלען און אַ פלי טאָן — ...

און ווי אַ געדיכטע פויגל־מחנה האָט זיך דער המון אַ לאָז געטאָן צוריק און מיט זיך מיטגעטראָגן דעם אַרעסטירטן.

אַ זייגער זיבן פאַרנאַכט האָט זיך די דעמאָנסטראַציע ערשט אויף אַ רעכטן אמת אָנגעהויבן. —

פון אַרויפצו גאַס האָבן זיך געלאָפּ געלאָזט די קאָזאַקן מיט זייער אָפיציר פאָראויס. מען האָט געזען, אַז דאָס מאָל זענען זיי אַנטשיידן לאָזן וואויל גיין זייער האַרץ, זיך פונאַנדערצוהוליען. —

פון המון האָט זיך אַ שאָט געטאָן מיט שטיינער. אַ קאָזאַקישער סווישטש און וואָיעניש האָט זיך אַ טראָג געטאָן אויף פליגלען.

— פונאַנדערגיין זיך, דורך די הויפן... — איז געווען אַ באַפעל אין דער דעמאָנסטראַציע.

די גאַס איז גיך ליידיק געוואָרן.

מער נישט אויפן מיטן איז געבליבן שטיין יאַשקע.

און ביים טויער איז אויך געשטאַנען אַן האַלב־שכּורער קאַליא פּעטראָוו, אַ כוליגאַן, וועלכער איז געווען אַ באַנדעפירער ביים האָמלער פּאָגראָם, אַ באָסיאַק, מער נישט איצט האָט ער זיך אַריינגעהוליעט אין צעשריענעם עולם און עס איז אים געפעלן געוואָרן.

— שנעק, טראָג זיך אָפּ... — האָט ער געשריען צו יאַשקען, וועלנדיק אים ראַטעווען.

דערווייל זענען שוין געווען קעגנאיבער אים די קאָזאַקן.

— איך וועל שיסן!... — האָט דער קאָזאַקן־אָפיציר אויסגערופן.

און אַזוי ווי נישט מיט זיין קול האָט יאַשקע צוריק אַ געשריי געטאָן:

— שיס, נעמט דיך דער טייוול...

צוויי קאָזאַקן האָבן זיך גלייך אין אים געצילט און איינער האט געטראפן אין שטערן און צעשפּאַלטן דעם קאָפּ־שיידל.

עס האָט אַ שפּריץ געטאָן מאַרך און בלוט. ער איז געפאַלן אויפן אָרט.

דער באָסיאַק קאַליא איז צו אים גלייך צוגעלאָפן, אים אַ כאַפּ געטאן אויפן האַנט:

— אַי, די זוניקו, הלוואי זאָל מיר גאט געבן אַזוי צו שטאַרבן...

און ער האָט אים אַוועקגעטראָגן אויף די הענט אין שפּיטאָל.

ער האָט אים אָבער שוין געבראַכט אַ טויטן.

IV

די לויה איז געווען אויף מאָרגן, אין אַ רעגנדיקן טאָג, עס זענען אָבער געקומען ביז אַכט טויזנט מענטשן.

אַז מען איז אַרויפגעקומען אויפן בית־עולם, האָט מען אַרויסגענומען די רויטע פענער און דעם גרויסן קראַנץ מיט דעם אויפשריפט:

— „שיס, נעם דיך דער טייוול...” — אַ קרבן פון דער רעוואָלוציע”.

דריי

I

זיי האָבן זיך ביידע איינער דעם אַנדערן אַפילו נישט געקענט. איינער האָט געהייסן ישראל, אַ שניידער, און ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר. ער איז אומגעקומען. דער צווייטער האָט געהייסן שמעון, געווען אַ סטודענט, און ער איז אויך אומגעקומען. נאָר זייער טויט איז פאַרבונדן געוואָרן צווישן זיך.

מער נישט ישראל איז אומגעקומען מיט דריי טעג פריער, און שמעון מיט דריי טעג שפּעטער.

II

ישראל דער שניידער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער פּאַוויאַק.

יענעם ערשטן מאַי איז ישראל אָפּגעקומען לכתחלה טרוקן. גרייט איז ער געווען אויף אַלץ. הגם ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר, דאָך האָט מען שוין אים אָנגעטרויט אַ רעוואָלווער אין האַנט. און קיין סך רעוואָלווערן זענען דאָך נישט געווען. נאָר ער איז אַרויסגעקומען טרוקן. ער איז אַפילו נישט געשטאַנען צווישן די אַרעסטירטע אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס. —

גרופּן חברים זענען אָבער נישט אָפּגעטרעטן פון די גאַסן.

די געפֿאַרן און דער אימפּעט פֿון דער גאַס האָבן צוגעבונדן צו זיך. —

עפּעס וועט נאָך זיין.

און עס איז טאַקע געווען. אָט האָט פּאָליציי געפֿירט אַ גרופּע אַרעסטירטע דעמאָנסטראַנטן. ישׂראל מיט נאָך עטלעכע חברים זענען זיי נאָכגעגאַנגען. פֿון די אויגן און פֿון די הענט און די פֿיס האָט שוין געשלאָגן דער סכּנהדיקער רוח:

— אָפּשלאָגן...

און עס איז געקומען די רגע, ווען מען האָט זיך פֿאַר־קירעוועט אויף דאַניעלעוויטשער גאַס און מען האָט געדאַרפֿט תּיכּף זיך באַשליסן:

— יאָ, צי נישט...

איז איינס און צוויי געבליבן — יאָ.

די ערשטע אויסשאָסן פֿון די פּאָר „שפּייערס" האָט אַ שטעל געטאָן די גאַס מיטן קאָפּ אַראָפּ. מען האָט אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן די שטאָרן, עס איז געוואָרן אַ געלויף, די פּאָר פּאָ־ליציאַנטן זענען מבולבל געוואָרן —

און די אַרעסטירטע דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער אַלע זייטן גאַס.

און אין דעם ישׂראל שניידער איז אַריין עפּעס אַ מאַנקאַליע. ער איז נישט אָפּגעטרעטן פֿון קווער גאַס. שוין נישט איינמאָל איז דאָך געווען, אַז מען אַנטלויפֿט און מען כאַפּט באַלד צוריק. איז ער געשטאַנען אויפֿן סקווער און געקנאַלט.

און יעדער אָפּהילך פֿון די קוילן, יעדער אויפֿרייס פֿון דער בהלהדיקער לופֿט אָט דאָ אונטערן אָפֿענעם הימל, ביי די צוגעקלאַפּטע געוועלבער — איז געווען אַזאַ ברענענדיקע טרע־וואָגע אָט דאָ איבערן סאַמע מיטן ראַטהויז.

אַזוי איז ער געשטאַנען ישׂראל דער שניידער ביז מען האט אים אַ נעם געטאָן צוזאַמען מיט זיין רעוואָלווער. ער האט נאך אין דער לעצטער האַלבער סעקונדע באַוויזן ערגעץ אַ אַ שמייס טאָן דעם „שפּייער", עמיץ האט אים אַ כאַפּ געטאָן,

זיך מיט אים אויסגעטראָגן און ישראל איז געשטאַנען מיט לײדיקע הענט:

— איך ווייס גאָרנישט...

פאַרשטייט זיך, אַז מען האט אים אַוועקגעפירט אין פּאַוויאַק.

ער האט זיך דאָך מיט קיינעם נישט געשטייערט, נאר דאס היטל זיינס איז געווען פאַרלאָרן פון זיין קאָפּ, זיין מאַנישקע מיטן שלייפל האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פאַ־דרייטערייד, פון ערגעץ־וואו האָט זיך גענומען צו אים אַ ריס אין זיין וועסטל, און זיין פּנים איז געווען אָפן, ווי אַ פּאַגראַמירט הויז. —

III

ישראל דער שניידער איז געווען אין ווארשע אַ פרעמדער, ער האט דאָ קיין משפחה נישט געהאַט. ער האט געהאט חברים. און עס איז אים געווען גוט פון דעם, וואס ער איז געגאַנגען בריש גליה אין טורמע אַריין און חברים זענען געקומען אַנטקעגן און אים באַגריסט מיט די אויגן. —

ישראל האט, אייגנטלעך, אינערגעץ נישט געהאַט קיין משפחה.

סיידן מען זאל רעכענען דער מאַמען זיינער, וועלכער ער האט שוין נישט געזען אַ יאָר זעקס — פון צייט דעמאָלסט ער איז אַוועק קיין ווארשע. זיין טאַטן האָט ער גארנישט געדענקט און פון זיין מאַמען געדענקט ער, אַז זומער האט זי געפּעס אַ גערטל, וואו זי טאָגט און נעכטיקט, און ווינטער — ווינטער וואשט זי אויף שבת ביי גבירים פּאָדלאַגעס.

דאס איז די גאַנצע משפחה זיינע. —

און אַז ער איז אַריינגעקומען אין טורמע, האט ער זיך נישט געלאָזט שפּייען אין קאַשע. ער האט „געגעבן כסדר אַ ווידערשטאַנד".

— אַז מען גייט אַריין צו דיר אין קאַמער, דאַרפסטו זיך שטעלן...

— איך האב דיר צו מיר אין קאמער נישט איינגע־לאדן... — ענטפערט ישראלקע.

— אז דער נאטשאלניק קומט אריין, מעגסטו אויסטאן דאס היטל דיינס...

— איך האב אים, פארקערט, אנגעטאן...

פאר דעם פלעגט ער ער באצאלן מיט קארצער און מיט קלעפ.

איינמאל איז אים איינגעפאלן צו פארלאנגען א נייעם שעניק. זיין שעניק איז אלט און פארפוילט. פארוואס איז אים איינגעפאלן דוקא א שעניק? — אזוי, אזוי איז אים איינגע־פאלן יענעם פרימארגן.

— פאניע אנדזשיי, א שעניק...

און ער האט אנגעהויבן צו פויקן אין טיר אן אן אויפ־הער א גאנצן טאג!

— א שעניק... א שעניק א שעניק...

ער האט זיינס אויסגעפירט. עס האט אים אבער ווידער געקאסט צוויי טעג קארצער.

אז ישראל איז ארויסגעקומען פון קארצער, דאט ער, איין גאט ווייסט, פון וואנען, ערגעץ געקריגן א גרויסן רויטן לייוונט און מיט אים זיך געעסקט א גאנצן האלבן טאג.

ער איז דאס מאל נישט ארויסגעקומען אויפן שפאציר. ער האט פון דער טאבורעטקע אויסגעדרייט דאס פיסל. אן פיסל אנגעבונדן דעם רויטן לייוונט, און בעת די גאנצע טורמע איז געווען אויפן הויף, און זיין פארקראטעוועטער פענסטער איז טאקע ארויסגעקומען אויפן הויף, האט ער דעמאלסט ארויסגע־שטעקט דורכן פענסטער דאס פיסל פון דער טאבורעטקע מיטן רויטן לייוונט —

— א רויטע פאן...

און ווי נאר די פאן האט זיך באוויזן אויפן הויף איז געווארן א גערודער. מען וואלט איר נאך אפשר אזוי גלייך נישט באמערקט, ווען נישט ישראל, וואס האט אנגעהויבן צו שרייען מיט אלע כוחות:

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!...

— אורא!...

— ניעך זשיע!... אורא!...

עס וואָלט זיין אַלץ איינס, ווי ער וואָלט אונטערגעצונדן די טורמע מיט די ווענט, מיט דעם דאַך. עס איז געווען פול דער הויף מיט אַרעסטירטע נאָך דער מאַי־דעמאָנסטראַציע. מען האָט אין אַלץ און אין אַלעמען פאַרגעסן און מיט אַלע כוחות און צוזאַמען האָט אָפּגעהילכט בחברותא׳דיק!

— אורא!

— ניעך זשיע!...

— אורא!...

— פרעטש!...

— אורא!...

איז דאָס שוין געוואָרן אויס פיסל פון טאַבורעטקע און רויטער לייוונט, נאָר דאָס איז געוואָרן אַ רויטע פאָן —

און די רויטע פאָן, וואָס פלאַטערט איבער דעם טורמע הויף וועט ישראלקע דער שניידער נישט איבערגעבן אין די הענט פון די הענקער — פון דער פאָליציי, פון צאַרס משרתים... —

אַז די נאַדזיראַטעלעס מיט די קאַנאַוואַינעס זענען שוין געווען היגטער זיין טיר, דעמאָלסט האט ער אַרויפגעגאָסן די נאַפט פון לאָמפּ אויף דער פאָן און איר אונטערגעצונדן:

— זאָל זי נישט אַריינפאַלן דעם שונא אין די הענט אַריין!..

און אַז די קאַנאַוואַינע האבן אָן עפן געטאָן די טיר פון זיין קאַמער, האָט ער אין זיי אַ שליידער געטאָן די ברענענ־דיקע פאָן.

IV.

ווען דאָס וואָלט אים געקאָסט בלויז די זיבן טעג קאַרצער־וואָלט עס קיין רייד נישט געווען. אָבער די זיבן טעג קאַרצער זענען גאָרנישט געווען, דאָס זענען שוין געווען די לעצט זיבן טעג פון זיין יונגן לעבן.

ער איז אפילו ביז אכצן יאָר נישט דערגאַנגען. וואָס איז געווען?

דאָס וועט מען שוין נישט געוואָר ווערן. ערגעץ מוז אומגיין אויף דער וועלט א מענטש, אַ געוועזענער טורמע־נאַד־זיראַטעל, וואָס ווייס דעם סוד פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין משך פון די זיבן טעג און פינצטערן טורמע־קאַרצער.

אָבער דערווייל ווייס מען עס נישט.

די טורמע־נאַטשאַלסטוואָ האָט פאַרשריבן, אַז ישראל דער שניידער איז קראַנק געוואָרן אויף אַ האַרץ־שלאַק און ער איז געשטאָרבן.

אַזוי האָט זי פאַרשריבן.

— זאָל מען מאַכן אַן עקספּערטיזע.

— זאָל מען זען זיין קערפּער.

— מען האָט אים פאַרמאָרדעט...

דאָס האָט גערעדט די טורמע, דאָס איז באַלד אַריבער פון די טורמע־ווענט אין שטאָט אַריין — צו דער פּראָלעטאַרישער וואַרשע.

אָבער, אָבער וואָס איז די פּעולה? — ישראל דעם שניידער האָט מען נישט לעבעדיק געמאַכט.

אַזוי איז ער געשטאָרבן אין קאַרצער.

2.

1.

דער צווייטער איז געווען שמעון.

ער איז געווען אַביסל עלטער פון ישראלן, מיט דריי יאָר — ער איז אַלט געווען איינאונצוואַנציק יאָר. פון רעוואָלוציע, פון סאָציאַליזם, פון בונד — וועגן דעם אַלעמען איז געוואָר געוואָרן שמעון מאַרגאָלין אין אויסלאַנד, ווען ער איז געווען אַ סטודענט.

איז שוין קיין טעם נישט געווען אין די ביכער, וועלכע

מען דאַרף לערנען אין די אוניווערזיטעטן, איז שוין קיין טעם נישט געווען אין דעם גאַנצן לערנען זיך זיינעם.

— עס רופט די אַרבעט...

— די רעוואָלוציע...

און ער איז טאַקע אוועק פון אויסלאַנד צוריק אין רוסלאַנד.

טאַטע און מאַמע זאָלן גאָר גישט וויסן, און אויב זיי וועלן וויסן, איז אויך פאַרפאַלן.

II.

שמעון איז געווען אַ פלאַם פייער.

ער איז געווען עפּעס אַן אבן־טוב. „עפּעס פּשוטע זאַכן, וואָס אַלע ווייסן עס, נאָר אַז עס זאָגט זיי שמעון, לייכטן זיי, שיינען אויף...

אין משך פון עטלעכע חדשים האָט מען שמעונען געקענט אויף די „בירזשעס" פון מינסק, פון לאָדזש, פון ביאַליסטאָק און פון וואַרשע. —

שמעון מאַכט מאַסוווקעס אויף די בירזשעס, אויפן גאַס. אין איין רגע ווערט שוואַרץ סוראַזשער גאַס אין ביאַליסטאָק. שמעונען האַלט מען אויף די אַקסלען, שמעון רעדט. און עס פליען שטאָפּעטן, אָנגעצינדענע קוילן אין דער לופטן. דאָסועלביקע אין וואַרשע אויף דער דזשיקע גאַס. און עס איז גאָר קיין פחד נישטאָ. —

און אין דעמאָנסטראַציעס גייט שמעון אין דער ערשטער ריי. גייט אַזוי רויק באַגעגענען דעם טויט.

שמעון גייט אין אַ שוואַרצע סטודענטן־העמדל, דער פּנים איז שוואַרצלעך באַוואַקסן, אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ ווייכן קאַפּעליוש, די אויגן זענען הונגעריקע און פרומע, און די הענט זענען דאַרע, לאַנגע און בלייכע, און אַז ער רעדט — רעדט נישט נאָר דער קאָפּ זיינער, דאָס האַרץ זיינס, נאָר עס רעדן מיט צוזאַמען אין אַ פלאַם אַזא די הענט... —

טאַטע־מאַמע האָבן שיין אַרומגעזוכט זייער זון מיט בריוו

און טעלעגראַמעס איבער דער וועלט. נישטאָ פון אים קיין זכר־קיינער ווייסט נישט. איינמאָל נאָר איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אויסלאַנד, אַז ער איז מסתמא אין רוסלאַנד, זיי זאָלן זיך נישט באַאומרויקן, מען ווייס, אַז ער לעבט... —

און ער האָט קיין וואָרט נישט געשריבן, הגם ער האָט זייער ליב געהאַט זיין מאמען. עטלעכע מאָל האָט ער אַפילו מיט זיך אָפּגעמאַכט אנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער, געוואָלט זיך צוכאַפּן איר זען. —

נאָר ער פלעגט נאָך דערווערגן אין זיך דידאָזיקע סענטימענטן, און ער פלעגט אַליין אַ מאַך טאָן מיטן האַנט:

— אַך די מאַמוליע... מאַמוניאַ...

און ער האָט געהאַט מזל; נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געפלויגן אין אַלע סכנות, אין אַלע פייערן נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס פּנים זיינס און דער הולך האָבן אים נעדאַרפט אַרויסגעבן פּאַר אַ בלינדן — נישט געקוקט אויף דעם, האָט ער מזל געהאַט, ער האָט זיך שטענדיק אַרויסגעדרייט פון פּאָליציייסקע הענט.

און ער האָט אַזוי געפלאַקערט איבער די „בירזשעס".

III.

ער איז אַריינגעפאַלן אין וואַרשע אַקוראַט דעם טאָג, ווען ישראל דער שניידער איז אומגעקומען.

מען האָט געטיילט דעם טאָג אין אַלע פאַבריקן, וואַרשטאַטן קליינע קוויטעלעך:

— „קומט צום פּאַוויאַק אָפּגעבן כבוד דעם חבר ישראל גראַווער, וועלכער איז אומגעקומען פון די מערדערישע הענט"...

און עס האָט אַ גיי געטאָן די פּראָלעטאַרישע וואַרשע.

אין איין האַלבע שעה זענען פול געוואָרן די גאַסן דזשעלנע און פּאַוויע און סמאָטשע — אַרום און אַרום. עס איז געקומען אַ רידיקער המון פון מער, ווי צוואַנציק טויזנט...

פּאָליציי האָט נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. זי איז געשטאַנען פון דער דזשיקע, אין דער קאַרמעליצקע, אַנגעקומען

פון זשעלאַזנע אין דער סמאַטשע, און מורא געהאַט זיך צו דירן ווייטער. —

דער המון, דער צוואַנציק טויזנט קעפּיקער המון, האָט געזונגען.

און דאָס דאָזיקע זינגען האָט אין זיך געהאַט אַזאַ כּח, וואָס האָט אַרומגענומען, אַרומגעקלאַמערט מיט זיך די גאַסן.

און אינמיטן דעמדאָזיקן — זינגען די שטומע, רויטע ווענט פון פּאַוויאַק.

און דעמאָלסט האָט מען אַ נעם געטאָן אויף די הענט שמעונען, אָדער, ווי ער האָט געהייסן:

— חבר סעמיאָן...

און דאָ אונטערן הימל, ביי דעם פּאַוויאַק, אויף די הענט פון חברים, איבער די קעפּ פון צענדליקער טויזנטער, פון דער שוואַרץ-געדיכט־געוואָרענער גאַס האָט ער גערעדט.

— ברידער און שוועסטער! טוט אויס די היטלען און גיט אָפּ כּבוד דעם אומגעקומענעם אויף קדוש השם — גיט אָפּ כּבוד דעם חבר ישראל דעם שניידער, וועלכער איז דערשטיקט געוואָרן אין פינצטערן קאַרצער!...

העל געקלונגען און — פרי פּאַרלאַשן!.. — —

און עס האָט נישט באַוויזן שמעון צו פאַרענדיקן דעם זאַץ, ווי פון אַלע זייטן גאַס האָט זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך דאָס אַנדערע דערהערט אַ קנאַלעריי, זאַלפּן פון ביקסן.

פּאָליציי האָט זיך צוגערוקט פון אַלע זייטן און האָט אָנגעהויבן שיסן... —

אַלע טויערן זענען געווען צוגעשלאָסן. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן זיך דערפילט פאַרשפּאַרט פון אַלע זייטן. עס איז געוואָרן איין ריזיקער, משונהדיקער ערב־רב, איין גרויסער שטיק צעשראָקענעס, צעלאָפענעס, פאַרסמטעס אומגליק, איין צענדליק טויזנטער באַשעפעניש איז אומגעלאָפן, אומגעקראָכן פון אַלע זייטן...

די זאַלפּן האָבן דערלאַנגט אַלץ טיפער און געדיכטער אין עולם. עס האָט געסאַפּעט די שוואַרצע גאַס. פערד זענען געפלויגן גאַלאָפּ און אָפּגעהילכט איבער די שטיינער. די אַפּטייקן זענען געווען געשלאָסן, נאָך דאָקטוירים האָט קיינער נישט געלאָזט טע־לעפאָנירן, פאַרווונדעטע האָבן זיך געוואַלגערט אויפן ברוק. —

שמעונען האָט נאָך די קויל געטראָפן, ווען ער איז נאָך געשטאַנען אויף די הענט פון די חברים און גערעדט:

— העל געלויכטן און — פרי פאַרלאָשן...

3.

עס איז געווען אויך אַ דריטע.

די דריטע איז געווען וו ע ר א.

די בידעריקע שוואַרצע ווערא, וואָס איז געווען די פירערין פון די שניידערקעס. ווערא, וואָס אין איר האָט געברענט אַן הייליק פייער, וואָס האָט שטענדיק געטריבן צו אַרבעט און געזאָגט, אַז מען קען לעבן מיט דריי קאָפּיקעס אַ טאָג. געווען פאַר אַ רעוואָלוציאָנער.

אָט דעמאָלסט, בשעת שמעון איז געפאַלן און זי האָט עס געזען, איז זי שוין געשטאַנען אין דער צווייטער רגע אויף אַ פּאָר פּלייצעס און גערעדט:

— חברים!... האַלט זיך פעסט!... בלייבט אויף אן אָרט... חברים!...

דעמאָלסט האָט איר די קויל געטראָפן און זי איז טויט געפאַלן.

4.

פון פּאַוויאַק האָבן די אַרעסטירטע אַרויסגעשיקט אַזאַ בריוו:

„טייערע ברידער! די צאַרישע הענט האָבן ווידער פאַרגאָסן אונזער בלוט. זיי האָבן אָבער אַ טעות, אַז זיי ווילן אונז אָפּ־צושרעקן. אייער יעדער אויסברוך האָט אָפּגעקלונגען מיט פרייד אין אונזערע הערצער. מיר האָבן זיך אַרויסגעדראַפּעט אויף די פענסטער און מיר האָבן אונזערע שוואַכע שטימען פאַראייניקט מיט אייערע. צוזאַמען מיט אייך האָבן מיר געזונגען. די טורמע־הינט האָבן געציטערט פון שרעק. ברידער און שוועסטער! זייט מוטיק — מען נאָך פאַלן צען מאָל אַזוי פיל קרבנות"...:

אָנרופֿן מיין נאָמען וויל איך נישט...

I

ער האָט טאַקע זיין נאָמען נישט אָנגערופֿן און ער איז דערשאָסן געוואָרן אָן אַ נאָמען.

אַן אומבאַקאַנטער מענטש.

זיין געריכט איז פֿאָרגעקומען אין כאַרקאָוו און ער איז געזעסן אין כאַרקאָווער טורמע. איז ער געבליבן זיצן אין זיין קאַמער און איז אַפֿילו צו זיין געריכט נישט געגאַנגען.

— דו, ווי הייסטו דאָרטן, דו מערדער, שיסער איינער... פֿאַרוואָס ווילסטו נישט גיין צו דיין סוד?.. — האָט אים געפֿרעגט דער טורמע־נאַדזיראַטעל.

— איך וויל נישט...

— יאָ, דאָס ווייס איך — אָבער פֿאַרוואָס?...

— אַ קאָמעדיע, מענטש איינער, אַ קאָמעדיע...

— וואָס הייסט?..

— גיי שוין גיי, די קויל פֿאַר מיר איז שוין צוגעשיקט פֿון פעטערבורג... איך שפּיי אויף אייער גערעכטיקייט... זאָלן זיי דאָס אַליין מאַכן...

און ער איז געבליבן זיצן אין טורמע־קאַמער נומער דריי־און־צוואַנציק אַליין מיט די פיר ווענט, מיט דער קראַטע און מיט דער הילצערנער טובאַרעטקע.

איז אַראָפּגעקומען אין טורמע אַריין אַ זשאַנדאַרמען־אָפּי־ציר אָפּצוגעמען בײַ אים דעם „דאָפּראָס" אין קאַמער.

— ווי הייסטו?

— אָן אַ נאָמען.

— טרײַב נישט קיין קאַטאָוועס.

— נישט דײַן דאגה.

— רעכט. זאָל זײַן אָן אַ נאָמען. קענסטו עפּעס דערקלערן וועגן דײַן מאָרד?

— יאָ... מיט זשאַנדאַרן פיר איך נישט קיין טענות.

— געדענק, וועסט גיין אויף דער תּליה.

— דײַן האַרץ וועט נישט קלעמען.

איז דער זשאַנדאַרמען־אָפּיציר אויך גאַרנישט געוואָר געוואָרן און ער איז אַוועק מיט גאָרנישט.

און מען האָט געמוזט אים משפּטן אונטער די אויגן.

II

זאָל ער בלײַבן אָן אַ נאָמען, וועלן מיר אים אויך נישט אָנרופן.

ער, דער מענטש, וואָס האָט נישט געוואָלט אָנרופן זײַן נאָמען, האָט דעם נײַנאונצוואַנציקסטן יולי, אין סאַמע מיטן הייסן זומער, געשאָסן דעם כאַרקאָווער גובערנאַטאָר פירסט אָבאָלענסקי.

דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי מען האָט לויט דעם באַפעל פון דעם פירשט אָבאָלענסקי, געשמיסן אין די דערפער די אויפגעבונטעוועטע פויערים. —

נאָכן שיסן איז ער נישט אַנטלאָפן. מען האָט אים געכאַפּט מיטן רעוואָלווער אין האַנט אויפן סאַמע מיטן כאַרקאָוו.

ער איז געווען נישט מער אַלט, ווי אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, מיט אַ בלאָנד־פּאַרוואַקסענעם פנים, מיט אַן אָפּן העמדל אויפן האַלז, מיט אַן אומשולדיקן קוק, וואָס קרומט זיך אויס אין אַ אומעטיקן שמייכל. די צוויי גרויע אויגן פון פנים אַרויס האָבן געקוקט, ווי צוויי דאָרפישע צלמים אין אַ ווינטערדיקן פעלד.

נאָר אַז מען האָט זיך געכאַפּט אים שלאָגן ביים אַרעסט האָט ער אַ הויב געטאָן זיין קאָפּ, אַ ביסל אויפגעהויבן זיין עלנבויגן מיט דעם צעפעדימטן קאָרטענעם אַרבל און געזאָגט:

— היי, ניע סמיי... דאָס נישט... דאָ וועלן מיר ביידע ליגן געפּייגערט...

און עס איז געווען אַזוי זיכער, אַז עס האָט אפּגענומען דעם חשק צו פאַרגיין מיט אים אין אַ געשלעג.

— ווער ביזטו?... ווער זענען דיינע מיטהעלפער?.. — האָט אים סאַפּענדיק, הייזעריק און שיפּנדיק געפרעגט דער פול־בייקיקער כּאַרקאָווער פּאָליציימייסטער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַרום בויך וואָלט אים הענגען און זיך אַרומוויגן אַ ריזיקער שטיין.

האָט ער אָנגעקוקט זיין בויך און געשמייכלט:

— אַזאַ נאַר בין איך נישט...

— וואָס הייסט... רעד ווערטער... ווער ביזטו... דיינע דאָקומענטן... פּאַס... אין דיין מאַמעס זון אַריין... דו... דו... אַזוינער...

— איך בין אַן אַרבעטער... מער דאַרפט איר נישט וויסן...

— האָט ער אים געענטפערט.

און ער האָט עס געזאָגט שטיל, באַשיידן און מיט אַ גרייטקייט אָט שוין צו באַצאָלן מיט זיין לעבן, שוין די רגע, ווי דאָס וואָלט זיין פאַר אים פאַרשטענדלעך, ווי ער וואָלט זיך שוין געריכט אויף דעם פון פריער, פון לאַנג, שוין נישטאָ אים מער.

און די צוויי מענטשן, ער און דער כּאַרקאָווער פּאָליציימייסטער, זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, ווי דאָס דערפאַר אַנדרייעווקע קעגן דעם „פּאַדיעזד" פון גענעראַל־גובערנאַטאָר. —

מען האָט אים דעמאָלסט אָפּגעפירט אין טורמע און הינטער אים פאַרשלאָסן די טיר פון קאַמער. איז ווי נאָר ער האָט דערזען די צוגעקלאַפּטע טיר, האָט ער שטיל אין זיך דערשפּירט, אַז ער האָט זיינס אין לעבן שוין אָפּגעטאָן.

ווי נאָך אַ שרפה פון אַ כאַטע אין אַ זומערדיקן פעלד.

אָפּגעבּרענט.

— אייגנטלעך — האָט ער מיט זיך אַליין געטראַכט. — האָט ער, דער קניאַז אבאלענסקי מיט זיין שלעפּעדיק פּיסל, אויסגעזעהן אַ צעקראָכן מענטשל, אַ נבזהלע... עס איז געווען אויף אים אַ רחמנות צוקוקן, ווען ער האָט זיך אוועקגעקוילערט אויף דער ערד מיט זיין קאָזע־בערדל...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אים דער וועכטער פון טורמע־קאָרידאָר, דער „קלוטשניק” סאַראָפּאַן, געזאָגט, אָפּרוקנדיק דאָס העלצל פון דעם טיר־לעכל:

— היי, דו, קניאַז, שיסער איינער, מיט דיר קלינגט גאַנץ רוסלאַנד...

— אַז עס קלינגט, טאָ צלם זיך איבער... האָט ער אים געענטפערט, נישט אויפהויבנדיק זיך אפילו פון דער נאַ־ע.

אָן אַנדערש מאָל האָט ווידער סאַראַפּאַן אין די שווארצע אויסגעשמירטע שטיוול געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ טענה:

— היי, דו קניאַז, שיסער איינער, ביזט דאָך אַ פּראָסטער־אַרבּעטער, אַ פויער, מען זעט דאָך, טאָ וואָס האָסטו געהאַט צום „קניאַז” ?..

— היי, לאָז געמאָך, דיין פערדישער קאָפּ איז מיט שטרוי...

— זידלסט זיך...

— אַודאי... ווען נישט דיין פערדישער קאָפּ, וואָלסטו געעפנט די טיר און געזאָגט מיר, אַז איך זאָל גיין אויף אַלע פיר זייטן...

— היי, דו ביזט אַ קלוגער, בראַט... מען זאָל מיך אַרייַנזעצן אויף דיין אָרט...

— איך וואָלט דיר נישט פאַרלאָזן... איך וואָלט דיך מיטגענומען...

אזוינס האָט שוין דער קלוטשניק סאַראַפּאַן מער נישט געקענט הערן, נישט געטאָרט אַפילו הערן, ער האָט זיך אַליין פאַר דעם דערשראָקן און ער האָט מיט אַ הילך פאַרקלאַפּט דאָס הילצערן ברעטל פון טיר־לעכל:

— היי, דו שיסער אייגער... וועליקי קניאַז... דאָ האָסט זיך אויסגעריכט א סוף... רעכט אויף דיר...

ביזן געריכט האָט לאַנג נישט געדויערט. עפּעס בערך א צען טאָג.

III

טויזנטער וויאָרסטן־ווייז האָבן זיך געצויגן איבער דעם ענדלאָזן רוסלאַנד די גרינע און געלע פּאַסן פון די פאַרוואַקסענע פעלדער, געצויגן זיך שטיל און רויק צו די סאמע האָריזאָנטן. אין פּוסטע טעג און נעכט זענען געלעגן די שענקען פון די שטעט און שטעטלעך, ווי רויכעדיקע כוטאָרן און ליידיקע לאָנקעס. לידער און טרויעריקייטן און ווייען זענען אומגעגאַנגען איבער רוסלאַנדס מערק, ווי די בראָדיאגעס.

אין דערזעלביקער צייט איז אין כאַרקאָווער קריגס-געריכט פאָרגעקומען דעם משפט איבער יענעם. וואָס וויל זיין נאָמען נישט אָנרופן.

דער גענעראַל, וואָס איז געזעסן מיט דער צערשפּרייטער פראַנץ-יאָזעף־באָרד ביי דעם גרינעם טיש, און די צוויי מענטשן אין די עפּאָלעטן, וועלכע זענען געזעסן פון ביידע זייטן, האָבן געוואוסט, אז זיי פירן א מענטשן צום טויט. אין געריכט-זאַל איז געווען קאַלט, ליידיק און דאָך איז אומגעגאַנגען אַן אומבאַקאַנטער פּחד.

כאַפּנדיק און ציטערנדיק און נאָכקלינגנדיק אין דער ליידיקייט זענען געפאַלן די ווערטער, ווי פון קופּערנע טאַצן:

— איז ער צו גלייך צו דעם פירשט און האָט דערלאַנגט פיר אויסשיסן...

און עס לייענט דער אַלטער גענעראַל:

— אַז מען האָט געפרעגט דעם מערדער, ווער ער איז, האָט ער נאָר געענטפערט: א רעוואָלוציאָנער...

פאַלט דאָס וואָרט, אַזוי ווי מען צינדט אָן א לאַמטערנע אין מיטן פינסטערער נאַכט, גייענדיק אין פעלדיקן וועג און באַלד לעשט איר דער ווינט צוריק אויס. —

אַז דאָס געריכט האָט שוין געהאַלט אין סאַמע מיטן, איז אָנגעקומען דער גאַדזיראַטעל פון טורמע מיט אַ בריוו צום געריכט, וואָס עס האָט עקסטרע אַרויסגעשיקט דער נאַטשאַלניק פון טורמע. ער האָט איבערגעגעבן דעם בריוו און געווישט זיך מיטן אַרבל דעם שווייס, און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק, און געווען צערודערט פון דער וויכטיקער שליחות, און אומגערן אַלע ווײַלע עפּעס אָפּגעריבן פון איבערן קאָפּ, ווי אַ פויגל, וואָלט איבער אים אומלויפן. דער גאַדזיראַטעל איז געווען אַ פּשוטער מענטשל און עס איז אים געווען שווער, וואָס אַזעלכע הויכע לײַט קוקן גאָר אויף אים.

— דער נאַטשאַלניק האָט געשיקט עקסטרע...

דער גענעראַל, וועלכער איז געזעסן ביים ריכטער טיש, האָט געלאָזן שטיין, ווי אַ חאָגן אין מיטן גאַס, דעם גאַנצן געריכט ער האָט געלייענט דעם לאַנגן בריוו, געמאַכט אומצופרידענע און אויפרעגונג-העוויות, אַנגעהויבן לייענען נאָכאַמאָל פון אָנהויב און ער האָט צו זיך אַליין געקלאַפּט אין טיש.

— מאַלקאַסאַס... ראַזסטרעליאַט... אי—ניקאַקיך... ראַ—ס—ס—ט—רע—ליאַ—ט—ט... ני—קאַ—קי—ך...

די פּנימער פון די עטלעכע מענטשן אין געריכט זענען געווען אָנגעשטרענגט צום ריכטער־טיש, ווי עס וואָלטן אין די אויגן פון די עטלעכע נײַגעריקע און געשפּאַנטע מענטשן אויסוואַקסן שוואַרצע פליגעלעך.

— איבעררײַסן אויף אַ צען מינוט... האָט דער גענעראַל פּאַראָרדנט.

— אויפשטיין... דאָס געריכט גייט... — האָט דער געריכטס־פּריסטאַוו אויסגערופן איבער דעם ליידיקן זאַל און די דרײַ שופּ־טים זענען אוועק אין דער הויכער און ברייטער הינטערשטער טיר אויף אַ ישוב־הדעת. די הויכע טיר האָט זיך לאַנגזאַם צוגעמאַכט הינטער זיי, אַזוי ווי מיט אַ קרעכץ.

IV.

דאָס איז געווען אַ בריוו פון יענעם, וועלכער איז געזעסן אין טורמע־קאַמער.

אין שאָטנדיקן און שווערן געריכט־זאַל איז געווען, ווי עס וואָלטן הענגען אויף דינע שטריקלעך גרויסע, ריזיקע, שוואַרצע שטיינער — אָט־אָט פאַלן זיי אַראָפּ. מיט אַ ברייטן שפּאַן מיט די שטיוולדיקע פיס איז דאָ אויף דער טונקעלער וואַנט געשטאַנען דער אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער. קעגנאיבער אים, אָנקוקנדיק אים איז געשטאַנען צוגעשטעלט פוס צו פוס דער צאַר אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי מיט אַ געל־וואַקסענעם פּנים. אַרויפצו, ווי עפּעס אַ קויל־מענדל אין דער נאַכט, איז אין דער טונקל ביים טיש אויף אַ שוואַרצן שטענדער געשטאַנען קריסטוס מיט אַ צלם — ביידע געלע און מעשעדיקע. דער מעשענער קריסטוס מיט זיין צלם איז געשטאַנען אַ גלייכגילטיקער — עס גייט אים נישט אָן די גאַנצע מעשה.

דער מיטליאַריקער פּראָקוראָר פון לוטעראַניש־פּראָוואָסלאַווי־שער אָפּשטאַמונג איז געזעסן די גאַנצע צייט אויף זיין אָרט ביים שפּיץ־טיש און ער האָט צוגעקלאַפּט אומגעדולדיק מיטן דיקן, רויטן בליי־פעדער איבער די פּאַפּירן.

ער דאַרף נאָך האַלטן זיין רעדע. ער וועט ריידן וועגן רוסלאַנד־וועגן פּראָוואָסלאַוויע, וועגן דער הייליקייט פון צאַר, וועגן זיינע איבערגעגעבענע דינער, וועגן דער עדעלקייט פון אַלטן פירשט אבאלענסקי. וועגן דעם מערדער, וואָס האָט אויפגעהויבן זיין פאַר־שאָלטענע האַנט... —

יאָ, וועט ער ריידן. —

דער געריכט־פּריסטאַוו האָט אויסגערופן:

אויפשטיין !... דער סוד גייט !...

די עטלעכע מענטשן פון זאַל האָבן זיך אויפגעשטעלט, גע־שטאַנען עטלעכע מינוט, ווי קאַלטע, טונקעלע אויוונס אין אַ ליי־דיקער, זומערדיקער דירה. נאָכדעם האָט מען זיך אַראָפּגעזעצט.

ער, דער מערדער פון פירשט אבאלענסקי, וועמענס צוויי־

און צוואַנציק יאָר זענען אַרונטערגעפלויגן אויף צוויי פליגלען ערגעץ אין אַ תהום צוזאַמען מיט די פיר שאָס־אַפּהילכן — און עס איז גאָר קיין ווייטאַק פון דעם נישט געווען... ער האָט אין דער לעצטער מינוט באַשלאָסן צו שיקן אַ בריוו צום גע־ריכט. דער גענעראַל, וואָס האָט געפירט דעם געריכט, האָט באַ־שלאָסן דעם בריוו איבערצולייענען — פאַרפאַלן, מען מוז לויט די פאָרשריפטן, ער האָט עס ריכטיק נאָכגעזען לויט דעם פּאַ־ראַגראַף — און נאָכדעם אים באַטייליקן צו די געריכט־דאָ־קומענטן.

דעם בריוו האָט דער גענעראַל אַליין געלייענט:

„איך האָב געשאָסן אויף דעם כאַרקאָווער גובערנאַטאָר. ער איז אַ פאָרשטייער פון דעספּאָטיזם אין דעם פאַראַנטוואָרט־לעכער פאַר די אַכזריותן קעגן די פויערים פון כאַרקאָווער גו־בערניע. אונזער פּאַרטיי האָט גערופן די פויערים צום קאַמף און עס איז מיין חוב זיי צו באַשיצן פון געוואַלד. אַלס אַ רעוואָלוציאָנער האָב איך עס געהאַלטן פאַר מיין אייגענעם מאָ־ראַלישן חוב. אַלס אַן אַרבעטער האָב איך געהאַלטן פאַר נוי־טיק צו שיצן די פויערים.

פערזענלעך האָב איך דעם פירשט אָרלענסקי נישט גע־קענט. זיין טויט־אורטייל האָט ער זיך אַליין אַרויסגעגעבן דע־מאָלסט, ווען ער האָט געהייסן די פויערים שמייסן. זיין טויט־אורטייל האָט אויך אונטערגעשריבן דער צאַר, דאַנקענדיק אים פאַר זיינע מעשים.

איך זאָג דאָס אַלץ נאָר צוליב איין טעם: כדי די רע־גירונג זאָל נישט קענען פאַרדעקן און פאַרלייקענען די סבות פון מיין שאָס.

אַנדערע באַווייזן געבן, ווי אויך אָנרופן מיין נאָמען, וויל איך נישט, ווייל איך וויל נישט העלפן די זשאַנדאַרמעריע.

דאָס רעכט פאַר אייך מיר צו משפּטן אָנערקען איך נישט. אויף דעם געריכט קוק איך מיט אַ שמייכל און וויל זיך אין אים נישט באַטייליקן.

איך פאַרבלייב אָן אַ נאָמען. די רעוואָלוציע איז אַ נאָמענלאָזע״...

אַז דער גענעראַל האָט איבערגעלייענט דעם בריוו זענען די, וואָס זענען געזעסן ביים ריכטער־טיש, געוואָרן עפּעס פּנימלאָז.

איבער אַ לאַנגן, בליאַסקעדיקן רעלס האָט זיך אַוועקגעגליטשט דער מענטש אָן אַ נאָמען.

V.

דאָס געריכט האָט שוין נאָכדעם לאַנג נישט געדויערט. די פּראָצעדור איז געגאַנגען שנעל. מער נישט די אָדערדיקע הענט פון אַלטן גענעראַל האָבן זיך מאָדנע געטרייסלט, ווען ער האָט געהאַלטן די אַקטן. אויפן שטערן זענען ביי אים אַוועקגעגאַנגען שוואַרצע קנייטשן.

די זאַך איז געווען קלאָר און דער אורטייל איז געווען אַזאַ:

„דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן מיט דער בפירוש כוונה צו טויטן. דער מערדער, וועלכער באַהאַלט זיין נאָמען צוליב פאַרברעכערישע צילן, איז זיך אַליין מודה אין זיין טאַט — אין מאָרד פון פירשט אָבאָלענסקי, דעם כאַרקאָווער גובערנאַטאָר. ער ווערט פאַרמשפּט צום טויט דורך דערשיסן״.

קיינער האָט קיין בקשה וועגן חסד נישט איינגעבן. דער אורטייל איז אין זיבן טעג אַרום אויסגעפירט געוואָרן.

פאַניע גובערנאַטאר, אין רוסלאַנד איז אַ רעוואלוציע

I

דרייסיק וויאָרסט פון איין זייט שטעטל, פערציק וויאָרסט פון דער אנדער זייט לויפן פארביי די באַנען. איין באַן לויפט קיין פעטערבורג, די אנדערע — קיין מינסק. ארום זענען אויף ווייטע און לאַנגע וויאָרסטן ליטוויש-ווייסרוסישע בלאָטעס. —

דאָס שטעטל איז אויסגעשטעלט אויף ליידיקס — אָן אַ טייך און אָן אַ וואלד. דאָרט פאַר ווייטע וויארסטן גייט דער ניעמאַן און קומט אין גראָדנע אריין, אין צווייטן מרחק זענען אוועק די פאָלעסער וועלדער, אין וועלכע, ווי מען זאָגט, לויפן אַרום די וועלף און כאַפּן זיך אפילו אריין אין די דערפער.

דא ארבעט מען טאָג און נאכט לעדער. מען ווייקט די פערדישע יוכטן אין די שטינקנדיקע פעסער, מען שווארצט, מען פאלצט, מען וואלקט — מען ארבעט אין די גאַרבארניעס. קארגע טויזנט גארבערס וועלגערן דאָס שטעטל מיט זייערע הענט. —

די היגע גארבארעס האָבן אַ שם. זייערע שטרייקן זענען באַקאַנט אין גאַנץ רוסלאַנד, ליטע און פוילן. מען קען אויך זייער כח.

עס איז געגנוג איין פּיפּס און שטאט שטייט אויף די פיס. —

II

עס איז דאָס פינפטע יאָר —

אין די גאַרבערייען האָט מען זיך דערוואוסט „די פּאַ־סירונגען פון פּעטערבורג".

— „האָבן מיר אָנגעהויבן ענערגיש צו אַגיטירן..."

וועגן וואָס זשע האָט מען אין די דאָזיקע גאַרבערייען „ענערגיש אַגיטירט"?

— וועגן דער נויטווענדיקייט צו צושטיין צום אָפענעם קאַמף פון די פּעטערבורגער חברים...

— יאָ, מיר מוזן צושטיין!

און דערוויילע האָט גודל באַקומען דעם אויפרוף פון ביאַ־ליסטאָקער קאָמיטעט, אין וועלכן עס איז געשטאַנען געשריבן:

— מען זאָל אַרויסטרעטן אָפן...

ווי באַלד אַזוי, איז אַוועק שטאָט מיטן קאָפּ אַרויף. —

III

מען דאָס ערשטע געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג אין שול.—

עס זענען געקומען יידן און קריסטן. די קריסטן אַרבעטן אויך אין די גאַרבאַרניעס, די קריסטן פון די אַרומיקע דערפער. מען האָט גאַרנישט מורא געהאַט. מען האָט אָנגעצונדן אין מיטן מיטוואָך אין שול די בליצלאַמפּן. פאַרשטייט זיך, אַז די שול איז געווען פול. עס זענען אַראָפּגעקומען קאַרגע צוויי טויזנט מענטשן.

און אַפילו די ווייבער זענען נישט געווען אין ווייבער־שול, נאָר פּשוט אין שול מיט אַלעמען צוזאַמען.

אויסער די בליצלאָמפּן אין מיטן מיטוואָך איז געווען די בימה, אָט די בימה, אויף וועלכער מען גיט עליות, אויסגע־שפּיצט מיט צוויי רויטע פענער. —

עס האָט גערעדט אַ רעדנער, אַ רעדנער, וואָס קיינער אויסער גודלען, האָט אים אפילו נישט געקענט. נאָר אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער חבר איז דער ווי כט יקסטער, ווער

ווייסט, צי ער קומט טאַקע נישט אַליין אַראָפּ פון פּעטער־בורג.

— וועגן די פּאָליטישע פּאָדערונגען פון פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד...

אט וועגן דעם האט ער גערעדט. —

און אַזוי ווי ער האַלט אין מיטן רעדן, איז אַרויף גודל אויף דער בימה — גודל איז געווען דער אָנפירער פון דער דעמאָנסטראַציע, איז ער אַרויף און האט אַ קלאַפּ געטאָן אויפן בעלעמער, אַז עס איז פון דעם מער וויכטיק געוואָרן, ווי פון דער גאַנצער רעדע. ער האט אַ קלאַפּ געטאָן און האָט געזאָגט אָט אַזוי, ווי ער שטייט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט:

— ברידער און שוועסטער! איצטער איז נישט די צייט צום רעדן, איצטער איז די צייט צו דעמאָנסטרירן!...

און דער קאָמיטעט האט געהאַט באַשלאָסן צוויי זאַכן:

ערשטנס, מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע, און צווייטנס:

— אנפאַלן אויף אַלע רעגירונגס־איינריכטונגען פון שטעטל...

וועגן דעם האט קיינער נישט געוואוסט, אויסער די צוויי חברים פון קאָמיטעט.

יאָ, דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון צוויי חברים, וועמענס נעמען קיינער האט נישט געקענט אנרופן.

IV

מען האט געשמועסט, אַז „מען וועט די מאַסע שיסן." האט מען באַשלאָסן „אַרויסצווייזן אַ מוטיקן ווידערשטאַנד."

אפשר צוויי טויזנט מאָן זענען געגאַנגען אין יענעם טאג, דעם 17־טן יאַנואַר, איבערן שטעטל. —

אן איינציקער איז געווען יוזשעק מענטע — ער, אט דער אוראדניק, וועלכער איז איינער אַליין געגאַנגען מיט אַ רעוואלווער אין האַנט אויף דער דעמאנסטראַציע.

— איך וועל זיי צעשיסן ווי די הינט...

ער האָט אָבער פון דער גוואַרדיע, וועלכע איז געגאַנ־

גען פארויס, באַקומען אַזאַ קבלת פנים, אַז יוזשעק מענטען איז געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.

דאָס איז געווען דער ערשטער נצחון. דאָס האָט געהויבן דעם מוט —

אָט, ווען צוויי טויזנט מענטשן האָבן געזען, ווי דער געלער יוזשעק מענטע מיט צעשפּרייטע פּאָלעס אין זיינע גרויסע ווינטערדיקע שטיוול לויפט, אַנטלויפט מיט זיין רעוואָלווער אין האַנט. —

— נעם צו ביי אים דעם „שפּייער"...

נאָר ברוך האט שוין נישט באַוויזן. פריער איז צו אים צוגעקומען גודל:

— אַנטוואפן זיך...

— דעם רעוואָלווער...

— טו אויס די שאַבלע...

און יוזשעק מענטע האָט אַלץ געטאָן, וואָס גודל האט געהייסן.

דאס איז געווען בריש גיליה, אַלע האָבן דאָס געזען.

V

מיט פּענער, מיט געזאַנג און מיט אויסרופן איז מען אַוועק איבער דער טוויסלאַטשער גאַס צו דער פּאָסט.

דא האט זיך די גאַנצע מאַסע אָפּגעשטעלט. דער טויער פון פּאָסט איז געווען צוגעמאכט.

— עפנט!...

מען האָט נישט געענטפערט.

ווי באַלד אַזוי, ווערט מען אים אַליין אויפברעכן. האט מען טאַקע אַזוי געטאָן.

חברה איז אַריין אין פּאָסט.

וואָס מאַכט מען דאָ? —

דער טעלעגראַף־אַפּאַראַט איז געשטאַנען אויפן טיש. דאס איז אַ כּלי פון ק א ז נ א. אויף דעם משחית קומען אָן אַלע טעלעגראַמעס צום פּריסטאַוו פון איספּראַווניק און גובערנאַטאָר.

מען האט זיך נישט באַוויזן אַרומקוקן און מען האָט שוין דערלאַנגט מיט אַ דראָנג איבער דעם אַפּאַראַט —

— צעבראַזגעט...

דעמאָלט האט זיך אַריינגעריסן דער אַלטער נאַטשאַלניק און געוויינט מיט טרערן:

— האט רחמנות... איך וועל פון דער וועלט גיין... וואס וועל איך זאגן...

אבער אין צייט פון רעוואָלוציע, זאָרגט מען נישט פאַר דעם, וואס דער אַלטער פאסט-נאַטשאַלניק וועט זאָגן.

מען האָט דערווייל געפּליקט די פאסט־ביכער. גודל האט אַרומגעקאַמאַנדעוועט מיט זיין דיקן שטעקן:

— חברה, קיין זכר זאָל נישט בלייבן... די נקמה פון זיי...

דער פאסט־נאַטשאַלניק איז שוין אינגאַנצן צעדולדט געוואָרן. ער האָט געטראָגן אַנטקעגן די שליסלען פון דער קאַסע.—

— נאַט, נעמט, טוט, וואָס איר ווילט... איך בין סיי ווי פאַרפאַלן... אכצן טויזנט רובל איז דא אין דער קאַסע... טוט וואס איר ווילט...

חבר־ה האט זיך אַ כאַפּ געטאָן צום קאַסע.

— שטייט !... — האט גודל קאָמאַנדעוועט — געלד נעמט מיר נישט... נעם די שליסלען צוריק...

דאָ האט שוין דער נאַטשאַלניק גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— נאָר דיין שווערד גיב אונז אַוועק... אַהער !.. האָט געפּאָדערט גודל ביים נאַטשאַלניק.

האָט דער פּאָסט־נאַטשאַלניק אַליין אויסגעטאָן זיין שווערד מיט דעם לעדערנעם פּאַס מיט די פּרענזלעך, די גאַנצע מלוכה וואָס אויף אים, און ער האָט דעמאָלס אויסגעזען ווי אַן אָפּגעשמיסענער, ווי אָן תחתונים.

דער חבר יידל קעצעלע האָט נישט אַנדערש געוואָלט, ווי אָנטאָן אויף זיך דעם דאָזיקן שווערד און זיך לאָזן אַזוי מיט אים אין דער דעמאָנסטראַציע. —

זאָל ער.

מען איז אוועק אין פּאָליציי און דאָרט אַ תּל געמאַכט. דער עיקר האָט מען צעפּליקט די ביכער און די קייזערלעכע פּאָרטרעטן. עס איז אפילו געווען אַזאַ מעשה. מען האָט געפינען אין פּאָליציי אַ סאָלדאַטסקען ביקס. דאָס איז געווען אַ גרויס געפינס. אָבער וואָס טויג אַ ביקס אָן קוילן?— און קיין קוילן זענען נישט געווען. האָט מען אויסגעזוכט דעם פּאָליציייסקען סעקראַטאַר:

— זאָל ער ווייזן, וואו עס ליגן די פּאָליציייסקע קוילן...

פריער האָט ער זיך געמאַכט תּמעוואַטע: ער איז גאָט די נשמה שולדיק, ער ווייס נישט וואו עס זענען די קוילן...—

אָבער נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן געבן לשון. ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט. איז מען אוועק מיט דעם סאָלדאַטסקען ביקס און מיט די קוילן ווייטער. אַ בעלן אויף דעם ביקס איז געווען בענדעט דער פאָלצער, וועלכער איז אַליין געווען פיר יאָר אַ זעלנער. ער האָט געוואוסט, ווי אַזוי אַרומצוגיין אַרום אַזאַ כּלי.

די מאַסע איז געווען אַלץ מער באַגייסטערט. מען האָט זיך געלאָזן מיט געזאַנג און אויסרופן צו דער „מאָנאָפּאָלקע". —

אַקוראַט איז דעם טאָג אָנגעקומען אין דער „מאָנאָפּאָלקע" אַ גרויסער טראַנספּאָרט־בראָנפן. דער „סידעלעץ" — דער שומר פון דער „מאָנאָפּאָלקע" — איז געזעסן אַ צעשראָקענער הינטער דער גלעזערנער טיר. קודם האָט דער עולם אויסגעזעצט די שויבן. —

— מאַסע שטיי !... — האָט געשריען זוסשע — קיין לעק נישט טאָן... אַלץ אויסגיסן אויף דרויסן !... פאַרניכטן דעם סם, וואָס פאַרגיפטעט די אַרבעטער־מאַסע !...

— אורא !... — האָט די מאַסע געענטפערט. און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן געקנאַלט די פלעשער אָן ברוק און בראָנפן האָט זיך געגאָסן אויף דעם ברוק, ווי וואַסער.

— כאַטש אַ לעק... — האָט דער קליינער, קיילעכדיקער דויטער פּייוועלע זיך געסמאַקעוועט.

אין שטעטל זענען נאָך געבליבן צוויי פּאָרשטייער פון אַבסאָלוטיזם: איינער איז דער זשאנדאַר מיט דער ברייטער באָרד און מימ די שניר אויף דעם אַקסל און דער צווייטער — דער נאַדזיראַטעל.

זיי האָבן זיך ביידע אויסבאַהאַלטן. מען האָט זיי אַרומגעזוכט אַ שעה צייט. ב'ז עס איז אָנגעקומען וואַסיל דער שבת־גוי:

— זיי האָבן געשיקט פרעגן, צי מען וועט זיי עפּעס טאָן...

— גאָרנישט... — האָט זוסשע געענטפערט — זאָלן זיי צרויסגעבן זייערע שווערדן, רעוואָלווערן, מעדאַלן און זשאַנדאַרמסקן שנור...

דעמאָלסט איז דאָס שטעטל געוואָרן אינגאַנצן ריין. ז' איז געווען פעסט אין די הענט פון אַרבעטער־קלאַס. גוד' איז געווען:

— „פּאָליצמייסטער"...

די פּויערים, וועלכע זענען געקומען אויף מאָרגן צופאָרן אויפן מאַרק מיט קאַרטאָפל, האָבן עפּעס געהערט, געגנוי נישט געוואוסט, וואָס אַזוינס קומט עפּ פּאָר אויף דער וועלט, נאָר עמיצער האָט זיי, מסתמא, אָנגעזאָגט אַזוי צו טאָן, ווייל אַלע, ווי זיי זענען אַריבערגעפאָרן די ראָגאַטקע און שוין נישט געצאָלט מער די צוויי גראָשן פאַרן אַריבערפאָרן, האָבן צעדרייטערהייט געשריגן:

— דאָליוי דערזשי !..

דאָס האָט געדאַרפט הייסן : „דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע !.."

און זעליג טאַנטע, דער אייזנקרעמער, האָט אַפילו באַדויערט:

— זעסט, אַ שאָד, ערשט מיט צען טעג צוריק אויסגעקויפט דעם פאַטענט... אַן איבעריקע זאַך... אַרויסגעוואָרפן געלט אין בלאָטע...

מען האָט זיך גענומען מאַכן נייע אָרדענונגען אין שטאָט.
ביז ווען־וואָס זענען בענדעט דער פאָלצער און יידל
קעצעלע באַשטימט געוואָרן פאַר די גאָראָדאָוואָיען פון שטאָט —
— צו האַלטן אָרדנונג...

VII

ביז די געשעענישן האָבן אָנגענומען אַ פאַרקערטע ריכטונג,
צום ערשטן איז אָראָפּגעקומען אַ גאַנצע ראָטע סאָלדאַטן,
אַ וואָלקן־בליי איבערן שטעטל.
נאָכדעם האָט אַ צענדליק קאָזאַקן אריינגעריטן מיט אַ
סוויסטשעניש און רציחה. —
עס האָט געשמעקט מיט מפּלה.
דער קאָמיטעט, גודל און בענדעט, האָט גערעדט צווישן
זיך:
— וואָס זאָגסטו זאָל עס זיין, גודל?
— מסתמא האָבן זיי אין פעטערבורג נישט געטון, ווי מיר...
— און אין ביאַליסטאָק...
— און אין גראָדנע...
— און אפשר באַהאַלטן זיך אויס די סאָלדאַטן אין די
קליינע שטעטלעך?...
— ס'קען נישט זיין. זיי וואָלטן די מיליטער־כחות נישט
אָפּגעצויגן פון פראָנט.
מען האָט איבערגעגעבן, אַז דער גובערנאַטאָר אליין פאָרט
אַהערצו, ער איז שוין אויף סאָקאָלקער שאָסיי. —
און ערשט איצט וועט זיך אָנהויבן.
— חברה וועט שוין באַצאָלן פאַר דער רעוואָלוציע... מען
וועט זיי ווייזן, ווער עלטער עס איז. — האָבן געזאָגט די לעָ־
דער־פאַבריקאַנטן.
און זיי זענען אַוועק הינטערן שטאָט צו באַגעגענען דעם
גובערנאַטאָר מיט ברויט און זאַלץ.
זעליג טאַנטע דער אייזנקרעמער, וואָס האָט אויסגעקויפט
דעם פאַטענט, איז געגאַנגען בראש.

VIII.

גודל און בענדעט האָבן פריער פאַר אַלץ געדאַרפט באַ־גראָבן די „טראָפייען”. —

די שווערדן. דעם סאָלדאַטסקען ביקס, די זשאַנדאַרן־שנורן...

מען האָט עס אָבער אַזוי פאַרשטעקט, אַז קיינער וועט עס שוין נישט געפינען.

דער בעסטער אָרט איז געווען אויפן יידישן בית־עולם.

און אַז דאָס איז שוין געווען אָפּגעטאָן — וואָס זשע מאַכט מען ווייטער ?..

— מיר האָבן געדאַרפט צוגרייטן באָמבעס... — האָט גודל געזאָגט.

— וואָס וואָלט געווען ?

וואָלט איך אַרויס מיט אַ באָמבע אויפן שאָסיי צום גוּ־בערנאַטאָר:

— שלום עליכם...

און ביז ווען־וואָס־וואו? —

האָט מען שוין „גודל דעם פּאָליצמייסטער” געפירט אַ צעשלאָגענעם, צעכמאַלעטן, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן צום גובערנאַטאָר. —

— ווער ביסטו? דיין נאָמען ?.. האָט אים געפרעגט דער גובערנאַטאָר.

— אַ גאַרבער... — האָט גודל געענטפערט.

— דאָס האָסטו דאָ אַרומגעבאַנדעוועט, געהולטאַיעוועט און געבאָסיאַקעוועט ?.. —

— ניין...

— ווער דען זשע ?

— נישט געבאָסיאַקעוועט...

— וואָס דען זשע ?

— אַ רעוואָלוציע... פּאַניע גובערנאַטאָר. אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע...

— מירן אייך געבן רעוואָלוציעס... שטריק אויף די העל־
זער וועלן מיר אייך געבן...

— פאַניע גובערנאַטאָר, אויך פאַרפאַלן...

דער גובערנאַטאָר האָט געהייסן אָפּפירן גודלען אין גראָד־
נער טורמע אַריין. —

— ערועשקטווי דאָרטרעוואָלוציעס מאַכן...

אַז די פור איז שוין געשטאַנען גרייט מיט די זשאַנ־
דאַרן און מיט גודלען, האָט ער אין מיטן אויסגעטאָן דעם
מאַנטל, אויסגעטאָן זיין גאַנצן שוואַרצן רעקל, וועלכער האָט
געטראָגן אויף זיך, און אַ וואָרף געטאָן צו די גאַרבערס, וואָס
זענען געשטאַנען אַרום:

— משה, וועסט עס אָפּטראָגן צו מיין טאַטן, איך דאַרף
עס שוין נישט האָבן... זאָל ער האָבן וואָס אָנצוטאָן...

אירע עטלעבע בריוו

א.

טייערינקע!

דאָס איז געווען נעכטן דעם 19־טן פעווראַל, אַרום דעם סאָבאָר איז שוואַרץ געווען. מיר זענען געווען טויזנטער. אַז דער גובערנאַטאָר איז אָנגעפאָרן, איז געווען אַזאַ שטילקייט, אַזוי ווי אין אַ צערקווע ביי אַ תפלה.

איך האָב געהאַט אַ רויטן לופט־באַלאָן — איך האָב אים געדאַרפט לאָזן אין דער הויך. עס זענען געווען נאָך חברטעס מיט לופט־באַלאָנען. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ סימן, אַז עס הויבט זיך אָן.

שוועסטערקע, נאָכדעם האָט זיך עס אָנגעהויבן. מען קען פון זינען אַראָפּ. עס האָט זיך פון גאַנצן האַרצן געוואָלט שטאַרבן.

אַ קאָזאַצקער אָפיציר, אַ עסאול, איז געפלויגן אויפן פערד פאָראויס:

— וו'נאַגאַיקע...

אַ „סאָטניע" קאָזאַקן נאָך אים. עס האָבן געפייפט די נאַגאַיקעס, די דובינעס איבער די קעפּ האָבן געקנאַקט און געהילכט.

איך האָב געזאָגט:

— עס קען נישט זיין, אַז דאָס שלאָגט מען מיט די דובינעס איבער די קעפּ, דאָס קלאַפּן די קאָפּיטעס איבער די שטיינער פון ברוק.

איך האָב אָבער באַלד אַליין באַקומען מיט אַ דובינקע.

עס איז מיר הייס געוואָרן. וואָלסט זען, וואָס פאַר אַ אונטער־געשלאָגן פּנים איך האָב איצט. איך קוק אין שפּיגל און לאַך...

דו קענסט דאָך מיטיאַ'ן, ער איז משוגע געוואָרן. ער האָט געזען, ווי זיין ברודער פאַלט מיט אַ צעשאָסענעם קאָפּ, איז ער משוגע געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן בייסן פון זיך שטיקער פלייש און וואַרפן אין די קאַזאַקן.

וואָלסטו געזען, ווי די אַראַפּניקעס זענען געפלויגן און געסוויסטשעט מיט די נאַגאַיקעס...

ב.

מיט אַ יאָר שפּעטער.

טייערער!

עס איז נישטאָ קיין צייט און קיין כח אויף צו שרייבן. איך טו עס נאָר דערפאַר, ווייל איך ריכט זיך היינט מאָרגן אַרעסטירט צו ווערן.

דער שטרייק איז אין סאַמע מיטן. עס קומען פאַר פיל אַרעסטן. איך האָב געמוזט אויף דער צייט איינגאַנצן לאָזן מיינע תלמידים און זיך אָפּגעבן דער אַרבעט. ביים אַרעסטירן האָט מען טויט־געשלאָגן.

די דעמאָנסטראַציע איז געווען אַ שווידערלעכע, די פאַר־חלשטע האָט מען געמוזט מונטערן מיט בלוט פון פאַרוואונדע־טע — מען האָט מיט דעם זיי געשפּריצט איבער די געזיכטער. עס איז קיין וואַסער נישט געווען.

אין פּאָליציי האָט מען זיך נוקם געווען. אויף איינעם אַ מאַבאַטשניק האט געטאַנצט אַ שכּורער גאָרדאָוואָי מיט אַן האַר־מאָשקע אין די הענט.

מען האָט דאָ אַלעמען געפרעגט:

— וואו איז זי?... זי?...

זיי געזוכט. אויב איך וועל דיר נישט שרייבן, וועסטו שוין פאַרשטיין.

ג.

אין דעמזעלבן יאָר.

טייערער!

אַז איך זיץ אין טורמע, ווייסטו שוין, און איך פאַרשפּאָר וועגן דעם צו שרייבן.

דו מוזט זען, אַז דאָס, וואָס איך שרייב איצטער אין דעם בריוו זאָל באַקאַנט ווערן דער עפנטלעכקייט. מען מוז פּראָ־טעסטירן, מען טאָר דאָס נישט פאַרשווייגן.

מען האָט דאָ דעם אַרבעטער לייזער ברודנע געהאַלטן 7 טעג אין קאַרצער פאַר „נישט קיין בכבודיקע באַציונגען צום נאַדזיראַטעל אויף זיין פּאָסט.״

ער האָט דערקלערט אין קאַרצער אַ הונגער־שטרייק. האָט מען אים אויסגעטאָן אַ נאַקעטן און מען האָט אים אַזוי גע־האַלטן דריי טעג אין קאַרצער. אין קאַרצער איז פול מייז. ווען דער פּראָקוראָר איז אפילו אַראָפּגעקומען, האָט ער אים נאָך געפונען ליגן אין קאַרצער מוטער־נאַקעט.

טייערער! ווען איך וואָלט נישט פילן, ווי יעדערער פון אונז איז נויטיק פאַר דער אַרבעט, וואָלט איך באַצאָלט מיט מיין לעבן דאָ אין טורמע פאַר לייזערס זיבן הונגער און נאַקעט־טעג...״

ד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום.

טייערער!

נעכטן איז אַריין דער טורמע־נאַטשאַלניק צו לייזערן אין צימער. דאָס איז געווען אין אָוונט. לייזער האָט געטאָן אַ לעש אויס דעם לאָמפּ און אַ גאָס דעם נאַפט אויפן נאַטשאַלניק און אָנגעהויבן וואַרפן אויף אים אָנגעצינדענע שוועבעלעך, יענער האָט געכאַפּט דעם רעוואָלווער און אָנגעהויבן שיסן אין דער פינסטער. לייזער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט, זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ביידע שלאָגן. זיי האָבן זיך איינגעגעסן איי־נער אין דעם אַנדערן און זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. אי־

בער דער גאַנצער טורמע האָט זיך געטראָגן אַ ווילדער געשריי פון פינסטערן קאַמער, אין וועלכן די צוויי האָבן זיך געשטייערט.

מען האָט לייזערן צוגענומען פון דאַנען. מען האָט אים ערגעץ אוועקגעפירט. ער איז שוין עטלעכע טעג נישטאָ.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר גאַנצע שעהן זע איך אים ארומגיין אויף אַ שאָסיי מיט אַ שטריק אויף זיין דערוואָרגענעם האַלז.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, קען זיין, ווייל איך בין זייער אָפגעשוואַכט.

ה.

ז ... ר שפעטער. פון סיביר.

טייערער !...

שוין אַזוי לאַנג נישט געהערט, נישט געזען קיין וואָרט.

איך ווייס, אַז מיין בריוו וועט צו דיר אָנקומען אין חדשים ארום, נאָר דאָך ווילט זיך שרייבן. בשעת מען שרייבט איז מען נישט אַליין.

נעכטן אין אָוונט זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז מען וועט דורך אונזער דאָרף דורכפירן אַ פאַרטיע פאַרשיקטע פון פוילן. זיי ווערן פאַרשיקט נאָך ווייטער פון אונז. מיר האָבן באַשלאָסן ארויסצוקומען אין סטעפ און זיי באַגריסן.

אין לעצטן מאָמענט האָט מען אָבער עס אונז פאַרבאָטן.

זיי, די פאַרשיקטע, האָבן אויך געוואָלט זיך זען מיט אונז. מען האָט, ווייזט אויס, פאַר זיי מורא געהאַט.

שטיי איך אין פענסטער – ארויסגיין טאָר מען נישט. שטיי איך און זע, ווי זיי פאָרן – הער זיך איין – געבונדענע אין די וואָגנס. זיי ליגן געבונדענע, ווי די קעלבער. — זיי האָבן זיך עפּעס געבונטעוועט, האָט מען זיי געבונדן. ליגן זיי געבונדענע און זינגען –

– „די וואַרשאַוויאַנקע״...

דער פריסטאַוו האָט זיי געזאָגט:

– די פאַרשיקטע ווילן גאָרנישט קומען אייך זען...

— זאָלן זיי אַליין קומען און אונז דאָס זאָגן... — האָבן זיי געשריען, די אַרעסטירטע.

טייערער! פאַרשטייסט, און איך, און אַנדערע אַזוי ווי איך, זענען געשטאַנען אין פענסטער און זיך צוגעקוקט און נישט אַ יפגעריסן די טיר מיט געוואַלט, און נישט געגאַנגען זיך זען מיט די געבונדענע — זאָל אַפילו קאָסטן דאָס לעבן...

אַזאַ הילפלאָזיקייט, אַזאַ אויסגאַנגלאָזיקייט. דאָס איז נישט איבערצוטראָגן.

אָט שרייב איך דיר איצטער:

— נאָכאַמאָל איז איינס פון דיביידע — אָדער שטאַרבן, אָדער גיין אויפן פייער...

אַ מאָדנע זאַך. דאָס איינציקע, וואָס מיר פאַרמאָגן דאָ פון דער גאַנצער וועלט, איז אונזער אָרים לעבן — אָדער מיר וואַרפן עס דעם אָדער יענעם סאַטראַפּ אין פּנים אַריין, אָדער מיר היטן, היטן עס אין אַ גלעזערנע, קאַלטע כּלי, ווי אַ קליין שלייענדל, וואָס גוססט.

דאָ איז אַזאַ עלנד און אַזאַ ליידיקייט, אַז עס דוכט זיך, אַז די גאַנצע נשמה איז אויסגעגאָסן, ווי וואַסער. און נאָכדעם בויגט מען זיך צוריק אַראָפּ אויף די קני און מען שעפּט מיטן הויפן ביסלעכווייז, ביסלעכווייז צוריק.

ו.

פון דער פריי. פינפטן יאָר

שוועסטערקע!

אַזוי ריכטיק צו דער צייט, בין איך צוריק געקומען.

אויף דעם צווייטן טאָג נאָך מיין אַראָפּקומען פון סיביר קיין לאָדז האָב איך געלייענט די פּראָקלאַמאַציע פון צעקאַ:

„דער פלאַמענדיקער פייער פון דער רעוואָלוציע פלאַקערט זיך אַלץ מער פונאַנדער און פאַרכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד פון איין עק ביזן אַנדערן...“

ווי עס פאַרדריסט מיר אויף דיר, וואָס דו זיצט איצט אין אויסלאַנד און ביזט נישט דאָ מיט אונז.

ז.

אין די זעלביקע טעג.

טייערער!

„... נאָר וואָס געקומען פון גאַס. דאָס האַרץ צערייסט זיך אויף שטיקער. מען ווייס נישט וואו עס זענען און וואָס עס טוט זיך מיט די חברים. אפשר זענען זיי שוין געפאַלן אויף די באַריקאַדן, אָדער ליגן ערגעץ־וואו פאַרוואונדעט. אין דער גאַנצער שטאָט — אויך אויף דער פעטריקאָווער גאַס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן באַריקאַדן. מיליטער איז געצוואונגען צו שיסן פון דערווייטן. רעגירונג־געביידעס ברענען. די פייערלעשער קענען נישט לעשן, ווייל זיי קענען נישט אַהין אַריבערקומען צוליב די באַריקאַדן. עס זענען שוין געוויס דאָ הונדערטער פאַרוואונדעטע און אויך — געהרגעטע... מיר זענען אָפגעשניטן איינער פון דעם אַנדערן, מיר ווייסן נישט, וואו עס געפינען זיך אונזערע גרופן. וואָס עס וועט ווייטער זיין, ווייס מען אויך נישט. דאָס איז אַלץ די פאָרזעצונג פון דער דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָבן אַנטייל גענומען הונדערט טויזנט מענטשן, הערסט: הונדערט טויזנט. גאַנץ פעטריקאָווער גאַס איז געווען געפאַקט מיט דעמאָנסטראַנטן. פון בונד זענען געווען אַכט פענער... בעת די רעדנער האָבן גערעדט, האט מען די פענער געהאַלטן איבער זייערע קעפ. —

מען הערט ווידער, ווי מען שיסט. די האַנט ציטערט, זיי געזונט.

צי וועלן מיר זיך נאָך זען? —

ח.

אין די זעלביקע טעג.

טייערער!

איך ווייס נישט פון וואָס אָנצוהויבן... די שטרייקן פאַרכאַפּן פון טאָג צו טאָג א אַלץ גרעסערע צאָל שטעט. דער צעקאַ האָט פאַראָרדנט פאַרשאַרפן די פּאָליטישע שטרייקן. ווי דו זעסט, געפין איך זיך שוין איצט אין דווינסק.

די אָרגאַניזירונג פון שטרייק האָט געפאָדערט אַ מאַסע צייט און קרעפטן. איצט איז שוין אַלץ איינגעאָרדנט — מאָרגן הויבן מיר אָן. איך האָף. ווער ווייס דאך! — אַלע זענען באַוואפנט. ווי עס זעט אויס, וועלן פאַלן קרבנות פון ביידע זייטן. אויב עס וועט נאר זיין מעגלעך, וועל איך יעדן טאג שרייבן. מארגן וועלן מיר אַרויסטראגן אונזער קאַמף אויפן גאַס — אָפן, געזוכט צו געזיכט מיטן מיליטער. ווען זיי וואלטן זיין מיט אונז!...

אין וואַרשע איז געווען אַ שרעקלעכע שיסעריי. אויף כלאָדנע, לעשנע, זשעלאַזנע און מאַרשאַלקאָווסקע זענען געפאַלן הונדערטער אין בלוט. מען שטרייקט דאָרט. קיין ברויט איז נישטאָ אין גאַנץ שטאָט. אויף וואָליע שטייען באַריקאַדן און מען לאָזט קיינעם נישט אַריין און אַרויס.

דאָס זעלבע אין ריגע. אין ריגע איז אַ רעוואָלוציע. אויף די גאַסן קומט פאָר אַן הריגה. רעוועל, מיטאַווע, קאָוונע — זענען מיט אונז. אין ווילנע שטרייקט מען.

איך ווייס נישט, וואָס ווייטער צו שרייבן און עס ווילט זיך שרייבן. די געדאַנקען פלאָנטערן זיך אין קאָפּ. אָ, ווען איך וואָלט זיך געקענט מיט דיר זען, איך וואָלט דאַן געשטאָרבן רויק. איך וואָלט געשטאָרבן מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז מיר האָבן זיך געזען אין וויכטיקסטן מאָמענט פון לעבן.

וועט זיין גוט, נו — הלוואי, אויב נישט — טאָ פאַרבלייב געזונט.

פערציק מאַן זענען שוין אַרעסטירט.
מאָרגן הויבן מיר אָן. אַלץ איז גרייט.
נו, זיי געזונט.

ח.

מער זענען פון איר קיין בריוו נישטאָ.
עס האָט שוין נישט געקענט זיין.

די ערשטע מלחמה

I

עס איז אַ שטעטל מיט וואָלקערס, פּאַלצערס און שוואַר־צערס. עס אַרבעטן טאַטעס און זין צוזאַמען. אַ מאָן טויזנט פּראַצעוועט דאָ ביי די גאַרבער־טישן. —

אַזוי פון קדמונים אָן.

יום־טוב, סוכות־צייט, האָבן די פאַבריקאַנטן געהערט, אַז די בעלי־מלאכות זאָלן ריידן צווישן זיך:

— פון זיבן ביז זיבן...

דאָס זאָל הייסן, אַז מען זאָל מער נישט אַרבעטן, ווי צוועלף שעה אַ טאָג.

און מען האָט געוואוסט, אַז אין אַנדערע שטעט האָט מען עס שוין אויסגעפירט.

— וואָס, יודקע, פון זיבן ביז זיבן?... האָט ר' אליהו אַ „טאָפּ געטאָן אין וואָגן" חול־המועד, גייענדיק צו מנחה.

— מ'עט שוין זען — האָט יידל געענטפערט.

זענען זיך צונויפגעקומען די פאַבריקאַנטן צום רב אויף אַן אסיפה.

II

ביים רב האָבן די באַלעבאַטים דאָס גערעדט און איבער־געשריען איינער דעם אַנדערן אין הייסער צערודערטקייט:

עס קען נישט זיין...

— זיי זענען דאָך נישט משוגע...

— און איך זאָג אייך, אַז יאָ... — האָט ר׳ אליהו געענטפֿערט. ר׳ אליהו, וואָס רעדט געוויינלעך, דער לעצטער און שטיל, און קוים, וואָס מען הערט אים, ווייל ער זשאַלעוועט זיין קול:

— איז וואָס זשע זאָל מען טאָן?

— זאָל מען זיי רופֿן צום רב...

— זאָל מען מאַכן די השוואה אויף ווינטער ביי א ספר־תורה...

— מען דאַרף זיך אָפּשרייבן ביים אינספּעקטאָר...

— מיר האָט אַליין געזאָגט דער נאַטשאַלניק, אַז על־פּי־דין איז צוועלף שעה צו אַרבעטן...

— וואָס פֿאַר אַ צוועלף!... נאַ דיר גאָר אַ נייעס... ניין און ניין, על־פּי־דין איז פֿון פֿינף ביז אַכט...

— טאָ דאַרף מען דאָך זיך נעמען צום נאַטשאַלניק...

— און אפשר, רבותי, וואָלט מען דורכגעקומען? — האָט דער רב געפֿרעגט.

— מיט זיי? — נישטאָ מיט וועמען, „אָשוסטן״...

און מען רעדט ווייטער איינער איבערן צווייטן און עס קומט נישט צו קיין טאָלק.

אָבער מען האָט דאָך געמוזט קומען צו עפּעס אַ דעה. — איז געבליבן בהסכם כלם:

— קאָנטראַקטאָווע פּויערים...

עס הייסט, אַז מען זאָל מיט די פּויערים, וואָס קומען אַרבעטן פֿון די דערפֿער, אָפּשרייבן קאָנטראַקטן, לויטן זאַקאָן, אויף דריי יאָר:

— פֿון פֿינף ביז אַכט... פּופֿצן שעה... זיי זענען נישט חולה...

III

אַז עס איז געקומען נאָך אסרו־חג, איז קיינער פֿון די באַרבערס נישט געגאַנגען אין פֿאַבריק אַריין. ר׳ אליהו האָט

נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. ער האט עטלעכע מאל געפּענט די גלעזערנע טיר פון זיין גאַרבעריי, געקוקט אַרויסצו צום דרויסן. ליידיק, קיינער ווייזט זיך נישט. אַזוי ווי זיין אַל־טער, זעקס־קאָנטיקער זייגער וואָלט זיך אָפּשטעלן אין מיטן דע־רינען. וואס איז דאס אַזוינס?

— „אַ שטרייט"...

שטאָט איז געגאַנגען כאדראם. שטאָט האט נישט גע־וואוסט, וואס דאס איז אַזוינס — אט אַזוי ווי די שול וואלט אוועק פון איר אָרט און עס איז געבליבן אַ ליידיקער חלל.

— וואָס הייסט דאָס?!...

— „אַ שטרייט"...

וואָס זשע ווילן זיי? —

— זיי ווילן פון אַכט ביז אַכט...

— און זיי ווילן נישט די קאָנטראַקטאָווע...

די שול און דער בית־המדרש און דער מאַרק האבן זיך געקערט. חשך.

— אַזאַ העזה...

— טרייפענע העלזער...

און ר׳ אַליהו האָט געדרעדט שטיל פון מורח נאך זייענ־דיק אין טלית און תפילין:

— די פויערים וועלן נאך מיט זיי לערנען...

— און דער גובערנאַטאר...

— אין די טורמעס וועלן זיי פאַרפוילט ווערן...

די גאַרבאַרעס האבן פול און שווארץ געמאכט דעם מאַרק און יודל דער הויכער און מאטל פאסיק זענען געווען די גאַנ־צע טאַטעס.

— מ'זאל אפילו פון דער וועלט גיין...

— געגוג זיך אנגעליטן...

— גראָבע בייכער...

— פון אַכט ביז אַכט, אז די נכפה זאל עס נעמען...

IV

ווען מען האָט דאָס איז געווען אין דעם, ווייסט מען נישט, נאָר אַבי אין מיטן דערינען זענען די פּויערים אַרויס אויף אַ געשלעג. דאָס זענען געווען די קאָנטראַקטאָווע פּויערים.

— פון שטאָט ווילט איר אונז אַרויסטרייבן...

— איר ווילט אונז נישט לאָזן...

אַזוי האָבן די פּויערים געשריען אין געשלעג.

זענען זיי אויפן מאַרק באַפאַלן מאָטל פּאָסיקן, לייזער דעם באַלעגאַלעס זון, און נעכאַפּט אים שלאָגן.

איז אָנגעלאָפן לייזער באַלעגאָלע מיט אַ דראָנג פון זיין וואָגן זיך אָנצונעמען פאַר זיין מאָטלען:

— מאָטל, רוק זיך אָפּ, לאָז נאָר מיר...

דערווייל זענען אָנגעקומען די וואָלקערס. זיי די וואָלקערס. ווייסן אויך, „ווי מען קושט די מזוזה", האָט מען אָנגעהויבן אַריינפּליעכטן די פּעטש — איינע אין די אַנדערע, איינער אויפן אַנדערן:

— איר גראָבע קעפּ... איר כאַמולעס...

האָט מען שוין געבראָכן די דרענגלעך פון חיהס גערטל און מען האָט געפּליעט די קעפּ, די פּויערים האָבן געהאַט גאַר־בערישע מעסערס און שטיינער פון ברוק און זיי זענען נישט געשטאַנען, ווי די למדנים —

איז אַוועק אַ געשלעג איבערן גאַנצן שטאָט, איבער אַלע געסלעך, מען האָט געבראַזגעוועט די פענסטער —

אַ האַלבע שטאָט איז אומגעגאַנגען מיט צעיוזשעטע, צע־ביילטע, פאַרבלוטיקטע פּנימער, מיט אונטערגעלאָפענע אויגן, מיט „לאַמטערנעס" אויף די באַקן, מיט צעריסענע, צעכראַ־שטשעטע רעקלעך —

— מ'עט נאָך זען...

— מ'עט נאָך לערנען...

אויפן מיטן מאַרק, אין סאַמע מיטן געשלעג, האָט יידל דער הויכער זיך געפּליאַסקעט מיט אָנטאָשען דעם וואָל־

קער טון אַנדרייעוויצע. זיי האָבן געהאַלטן איינער דעם אַנדערן ארומגענומען און געסאָפּעט פאַררויטיקט, פאַרבלוטיקט, זיך אומ־געוואַלגערט אויף דער ערד און זיך געקייקלט איינער איבער דעם אַנדערן —

ידל האָט געשריגן צו אים:

— אַ דו בורילע... אַנטאָש בורילע... פאַר וועמען שלאָגסטו זיך? אי דו בורילע!..

V.

איז אַראָפּגעקומען פון גובערניע אַ גאַנצע ראָטע סאָלדאַטן.

איידער מען האָט זיי אָפּגעטראַנספּאָרטירט אין דעם שטעטל אַריין, האָט מען זיי אַלע אויסגעמושטירט, אויסגע־שטעלט אין פראָנט, און מען האָט פאַר זיי, פאַר די סאַמאַרער און קאַזאַנער פויערים, גערעדט:

— איר גייט אין אַ שטעטל פון פאַרברעכער... דאָרטן וואוינען די אינערלעכע שונאים פון פאָטערלאַנד, איר זאָלט באַשיצן דעם קייסער ביזן לעצטן טראָפּן בלוט...

— טאַק־טאָטשנאָ... — האָט די ראָטע סאָלדאַטן געענטפערט.

איז געקומען די ראָטע אויף אַ מלחמה.

זענען אָבער אין דעם שטעטל קיינמאָל קיין סאָלדאַטן נישט געווען וואו זיי איינצוקוואַטירן. —

איז געבליבן, אַז מען זאָל אַריינשטעלן די ראָטע סאָל־דאַטן אין גאַרבאַרסקן־ביתמדרש. —

דאָרט האָט מען געמאַכט די סאָלדאַטסקע קאַזאַרמע.

דער פּריסטאַוו, וועלכער האָט געוואוסט אַ ביסל יידישקייט, האָט אליין ארויסגענומען פון ארון קודש די ספרי־תורות —

— זאָלן די סאָלדאטן זיי נישט קאַליע מאַכן... נאָר ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זענען עפּעס רעליגיע־שטיקלעך — האָט די פאַרטעכלעך די סאַמעטענע מיט די ביינערנע קעפּלעך — האָט ער, אַרויסנעמענדיק זיי, זיך איבערגעצלמט. זענען אין סאַמע מיטן שטרייק אַוועק אַלע גאַרבערס צום פאַבריקאַנטסקן

בית־מדרש און נישט געלאָזן לייענען, נישט געלאָזט אויסנעמען—

— הלמאי האָט מען פון אונזער בית־מדרש געמאַכט אַ קאַזאַרמע...

— הלמאי האָט איר זיי נישט אַריינגענומען צו אייך אין בית־מדרש...

— עס זענען דאָך אייערע סאָלדאַטן...

און דאָ, אין מיטן שבת וואָלט זיך אָנגעהויבן די רעכטע געדיכטע —

עס האָבן שוין אָנגעהויבן פליען פעטש...

האָט מען אָבער אַרויסגערופן דעם איספּראַוונִיק מיט דעם אוריאַדניק און מיט דעם פּריסטאַוו און מען האָט שטיל געמאַכט אין פאַבריקאַנטסקן בית־מדרש.

די ערשטע מלחמה האָט זיך שלעכט געענדיקט.

מען האָט געשלעפּט די „בונטאַוושטשיקעס" צום פּריסטאַוו און מען האָט ביטער געשלאָגן.

און אַזוי אויפן וועג, שלעפּנדיק אים מיט גוואַלד אין זײַן סוכותדיקער בלאַטע, האָט מען אַוועקגעלייגט דעם גרעסטן בונטאַוושטשיק — אָט דעם יודעלע גאַרבער. עפּעס אַ סאַמאַרער סאָלדאַט האָט עס געטאָן.

ביי אַלע גאַרבאַרעס, וועלכע שטאַמען נישט פון שטעטל, האָט מען צוגענומען די פּאַספּאָרטן און זיי אָפּגעשיקט אַהין, וואו זיי זענען נכתבים. —

און נאָך דריי וואָכן מלחמה איז מען אַוועק צוריק אין די פאַבריקן.

מיט איינעם ווייניקער — אָן יודלען.

עפּעס האָט מען דאָך אויסגעפירט:

— אָנשטאָט פון פינף ביז אַכט איז מען אַוועק אַרבעטן פון זעקס ביז אַכט.

דער היסטאָרישער זכות

I

דאָס איז געווען אין אַ זומערדיקע יוני-נאַכט.
די באַפעלן פון וויצע-גובערנאַטאָר און קאָרפּוס-גענעראַל זענען אויסגעפירט געוואָרן פּינקטלעך, אַלץ, וואָס עס איז געווען געשריבן אין די סעקרעט-פּאַפּירן, איז געמאַכט געוואָרן.
נאָך אַנהויב אָוונט, נאָך אַ זייגער צען, זענען שוין געווען איבערגעטאָנענע פּאָליציאַנטן, ציוויל איבערגעטאָן, אויף דעם „פּאָזשאַרנע-הויף". זיי האָבן געטאָן זייער אַרבעט שטיל, מיט אַ ציטער אין די ביינער, קיינער זאָל נישט דערהערן, וואָרום ווער ווייס, וואָס עס קען נאָך זיין? — זיי האָבן אַרויסגענומען די קלעצער פון דער תּליה אויף דעם הויכן פּאָזשאַרנעם וואָגן מיט די צוויי פערד. זיי וועלן עס באַלד שטיל אָפּפירן צום פעלד.
דער פּריסטאַוו, דער פרומער און אכזריותדיקער פּריסטאַוו מיט דער לאַנגער און ברייטער באָרד, האָט דאָ אַרומגעשמייעט און אַרומגעאָרדנט, ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט:
— האָסטו, אַנדריי קירילעוויטש, גאָרנישט געהערט אין שטאָט?..
— גאָרנישט געהערט... — האָט יענער געענטפערט.
— דאָך דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק, קיין הונט זאָל קיין ביל נישט געבן...
— מיר ווייסן... — האָט אַנדריי קירילעוויטש געענטפערט.

מען איז מיט דער תליה אַראָפּגעפּאָרן פון הויף. צוליב זיכערקייט וועגן האָבן פריער און נאָכדעם סתם דורכגעריטן די גאַס קאָזאַקן מיט אַ סוויסטשעדיקן גאַלאָפּ.

— מ'זעט קיינעם נישט...

— ס'איז שטיל...

אויפן פּאָזשאַרנע־הויף איז געבליבן דער ברייט־באָרדיקער, אַכזרדיקער פּריסטאַוו מיט אַ פּאָר גאָרדאָוואָיען.

— איז דער טויער גוט צוגעשלאָסן?..

— גוט...

— זע נאָך...

ער האָט זיך ליתר תוקף איבערגעצלמט. איצט דאַרף מען אויספּרובירן די טורמע־קאַרעטקע, אין וועלכער ער וועט פּאָרן אים נעמען צו דער תליה.

ווער ווייס, צי מען האָט עפּעס נישט אָפּגעטאָן אין דער קאַרעטקע? — היינט קען מען זיך נישט אויף קיינעם פאַרלאָזן. אפשר, אַז מען וועט זיך אַריינזעצן אין איר, וועט זי גאָר אויפ־רייסן? — אַ קשיא אויף אַ מעשה.

ער האָט אַליין געהערט ביים פּאָליצײמייסטער, אַז אַלע טאָג שיקט מען טעלעגראַמעס צום מיניסטער: —

— פּלעווע...

אַ מאָדנער גרויסער מענטש מוז ער זיין דער דאָזיקער פּלעווע. עס ציטערט די הויט פון פּריסטאַוו בלויז טראַכטענדיק וועגן אים. אָט דער פּלעווע, אַז ער וויל, איז דאָס ביי אים גאָר אַ קלייניקייט — נעמט ער, ווי ער שטייט און גייט, און קומט אַריין צום קייסער. —

ס'גלויבט זיך גאָרנישט.

און מען זאָגט, אַז די טעלעגראַמעס, וואָס מען שיקט אים פון דאַנען, טראָגט ער אָפּ גלייך צום קייסער אין פּאַלאַץ אַריין און ביי איין טיש לייענען זיי דאָס ביידע צוזאַמען, — אָט אַזוי ווי ער מיט דעם פּאָליצמייסטער.

אין איינע אַזאַ טעלעגראַמע וועט געוויס שטיין:

— דער פּריסטאַוו סניטקא איז געפאָרן מיט דעם מערדער אין דער קאַרעטקע צו דער תּליה...

— יאָ, עס לוינט. —

ער האָט זיך דערמאָנט, ווער ער איז אויף דער וועלט אַז ער איז נישט אַבי־ווער, האָט ער שטיל אָבער גענוג פעסט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— וואַסיל און טימאָפיי קריכט אַריין אין קאַרעטקע... נו, פלינקער... רירט זיך...

די צוויי גאָרדאָוואָיעס האָבן אין איין שרעק אַריינגעקראָכן אין דער שוואַרצער טורמע־קאַרעטקע.

— נו גאָרנישט?...

— גאָרנישט...

— טוט איר אַ טרייסל...

— שאָקלט מיט כּח... נו, גאָרנישט?...

— זיצט דאָרטן, זיצט לענגער... לאָמיר זען...

דער אמת איז, אַז די צוויי גאָרדאָוואָען, וואַסילן און טימאָפעען האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, און זיי האָבן זייער מורא געהאַט פאַר דעם שרעקלעכן סוף, מיט וועלכן עס וועט זיך ענדיקן דאָס זיצן אין דער פינסטער, אין דער שוואַרצער טורמע־קאַרעטקע.

עס איז שוין געווען נאָך עלף אַ זייגער. מיט דער קאַרעטקע איז קיין זאַך נישט פאָרגעקומען. עס איז שוין שפּעט. מען דאַרף שוין פאָרן אין טורמע אַריין.

אין זיין איינצל קאַמער איז געזעסן הערשל דער שוסטער. ער האָט נאָך גאָרנישט געוואוסט, אַז אין דער דאָזיקער נאַכט בייסט זיך איין דער דאָזיקער הערשל אין דער אייביקייט, אַז באַלד וועט ער אַזוי מיט זיינע אָראָפּגעלאָזענע הענט און אויסגעהויבענעם קאָפּ אַוועקגיין אויף דעם הייליקן שלאַך פון די געקרייציקטע. באַלד וועט ער אַוועקגיין מיט דער שטילקייט פון קדוש־השם, אָן דעם מינדסטן ציטער וועט ער אָפּגעבן זיין קאָפּ אין דער מלחמה פאַר דער צעטראָטענער, געשענדעטער, מענטשלעכער ערע...

ווער האָט געבענטשט אין דער נאַכט דעם רוח פון דעם־
דאָזיקן מענטשן און האָט אויף אים אַראָפּגעגעבן אזא רו און
לויטערקייט? —

II.

אין דער פּאַרשלאָסענער קאַרעטע זענען זיי געזעסן זאַלבע־
צווייט: הירשל דער שוסטער און דער פּריסטאַוו סניטקא.

— וווהין פירט מען מיך?... — האָט הירשל געפרעגט ביים
פּריסטאַוו.

— צום וואָקזאַל, וועסט פאָרן ערגעץ ווייט..

— דו נאַרסט מיך, פירסט מיך צו דער תּליה, זאָג, מענטש,
אַן אמת...

— ניין, צום וואָקזאַל...

די קאַרעטקע איז געפאָרן. הירשל האָט געהערט אין דער
שטילקייט פון דרויסן דאָס אָפּהילכן פון פערדישע, לויפנדיקע קאָ־
פּיטעס. אָט הערט מען זיי פון פאָרנט, אָט פון הינטן, אָט ווערן
זיי נעלם. —

— פּריסטאַוו, וואָס דאַרף מען דעם פּאַראַד מיט די קאָזאַקן
און זייערע פערד?...

— פאַר דיין כבוד וועגן.

האָט הירשל ווייטער געשוויגן. ער האָט אַרויסגעקוקט דורך
די לעדער פון קאַרעטקע און אין דער נאַכט דערזען דעם ברעג
פון דער ווילייע.

— האָסט מיר גענאַרט, מען פירט מיך צום קריגס־פעלד...
איך זע..

— גיי, דאָס וואָלט זיין אַ גרויסער כבוד פאַר דיר... — האָט
אים דער פּריסטאַוו געענטפער־ט.

אַז מען איז שוין אַריבערגעפאָרן דעם שניפּישקער בריק און
עס איז שוין נישט געווען קיין ספק וואוהין מען פירט אים, האָט
ער זיך אָפּגערופן צום פּריסטאַוו:

— צוויי מאָל האָסטו מיך גענאַרט...

— נו, אדאַנק — האָט אים סניטקא געענטפערט — ווי דען

האָסטו געמיינט, אַז נישט צו דער תּליה פירט מען דיך?... האָסט
דו כשר פארדינט... אודאי וועט מען דיך הענגען...
זיי זענען צוגעפאָרן צום אָרט — אויפן פעלד.

III.

ראָססיא — די מעכטיקע, פינסטערע, אימפּעראַטאָרישע ראָס-
סיא איז געווען דאָ אין מיטן נאַכט אויפן פעלד.

— „סאַמאָדערזשאַוויע...״

דאָ זענען געווען אין מיטן דער נאַכט דריי פאָלקן סאָל-
דאַטן פון די פאַרשידענע רוסלענדער גובערניעס. אַלע אין מילי-
טער גרייטקייט. אַלע מיט די ביקסן אויף די אַקסלען. די שוואַרצע
לאַנגע, שטאָלענע ביקסן־שפּיצן — דריי טויזנט אַזעלכע אַרום און
אַרום, האָבן געשטעקט אין הימל אריין, אין דער נאַכט.

אָפיצירן, ראָטנע קאָמאַנדירן, פּאָלקאָווניקעס, גענעראַלן,
פּראָקוראָר, וויצע-גובערנאַטאָר, פּאָליצמייסטער, פּריסטאַוועס —
אַן היייליקע געטלעכע דינסט. אַלץ איז געווען אין דער־
וואַרטונג. עס האָט, אייגנטלעך, געדאַרפט נאָך קלינגען אַ ברייי־
טער סאָבאָר. מען האָט נאָר מורא געהאַט אויפצוועקן די שטאָט.

הערשל דער שוסטער איז אַרויס פון קאַרעטקע. די הענט
זענען אים געווען געבונדן אויף הינטן, נישט געקוקט אויף דעם,
האָט אים נאָך איינער פון די טורמע־וועכטער צו געהאַלטן פון
הינטן.

ער האט אַ קוק געטאן איבער דעם ברייטן פעלד. אין
ווינקל האבן זיך געזען די שאטנס פון די דרייטויזנט זעלנער
מיט זייערע ביקסן. ער האט געזוכט מיט די אויגן אַרום און
אַרום, און ער האט געפונען, וואָס ער האָט געזוכט —

— אָט שטייט זי די תּליה אויף מיטן פעלד...

ער האָט אָנגעהויבן שנעל צו גיין צו איר. דער טורמע־
וועכטער איז קוים אים נאָכגעלאָפן פון הינטן, עס האָט אויס־
געזען, ווי ער וואָלט זיך נאָך אים נאָכשלעפּן.

איבער אַלע פאָלקן איז דורך אַ קאָמאַנדע פון די אָפי־
צירן:

— גרייט... „סמירנאַ!"...

און אַלע צעשראָקענע און צערודערטע סאָלדאַטן האָבן גלייך געמאַכט זייערע ביקסן אויף זייערע אַקסלען און פון דעם האָט זיך געהערט אַ ווינטיק־באַוועגן איבערן גאַנצן פעלד.

די סאָלדאַטן האָבן געקוקט צו דעם ברייטן און לאַנגן שאָטן, וועלכער איז באַגלייט געוואָרן מיט לאַמטערנעס, און זיך געלאָזן צום סאַמע מיטן צו דער תּליה.

— אַלעקסיי, ענטאַ, יעוווטאַ... אָט דאָס איז ער...

- זעסט, זעמליאַק...

אָט דאָס איז ער דער שונא. אָט איז ער, דער, וועמ עס איז אויפגעשטאַנען קעגן קייסער. דער, וועמ עס האָט געשאָסן צום גובערנאַטאָר. —

— ענטאָ... יעווטאָ...

— אָט גייט ער...

אַז הערשל דער שוסטער איז אַרויפגעקומען אויף דער תּליה, האָט ער געזען, ווי אָט הינטער דער תּליה, אָט הינטער אים, גראָבט מען דעם קבר, זיין קבר.

— זאָלן זיי גראָבן...

III

און איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער קורצער היסטאָרישער וכוח.

צוויי יידן זענען דאָ געווען אויפן פעלד. איינער אויפן תּליה. הערשל איז זיין נאָמען. אַ שוסטער איז ער. אַ בונדיסט. מיט אַ יאָר צוריק איז ער שוין געזעסן זעקס חדשים אין טורמע. אַ ווייב האָט ער, אַ מעוברת'תע ווייב, דאָרט אין שטאָט געלאָזן. יאָ, ער האָט געשאָסן דעם גובערנאַטאָר, הלמאַי ער האָט גע־שמיסן זיינע ברידער די בונדיסטן. די חרפּה האָט הערשל נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. שטייט ער איצט אויף דער תּליה. — שטייט ער אָט דער הערשל מיט דעם ברייטן פּנים, מיט די קליינע אויגן, מיט דעם קורצן שטערן, מיט די שוואַרצע האָר,

מיט די געבונדענע הענט אויף הינטן, און די אויגן לאָזט ער נישט איבערבינדן.

ער וויל זען, ער וויל קוקן אויף זיין טויט.

דער צווייטער ייד איז — דער רב. דער ראַבינער נעמוער. ער שטייט אויף דער ערד צוזאַמען מיט דעם פּאָליצמייסטער, מיט דעם וויצע־גובערנאַטאָר.

— הער ראַבינער, פּרובירט פאַרן טויט... אפשר וועט ער עמיצן אַרויסגעבן... זאָגן, ווער עס זענען זיינע מיטהעלפער... פּרובירט עס „פּאַ רעליגיע..."

אגב, האָט מען זיך נישט געהאַט, וואָס צו איילן. לויט די פאָרשריפטן האָט געמוזט די עקזעקוציע געמאַכט ווערן ריכ־טיק, ווען עס הייבט אָן גרויען אויף טאָג, „ווען מ'קען שוין ביי ליכט פון דער זון אונטערשיידן פון איין זאַך ביז דער צווייטער."

פון דעם געזעמל איז פאָרויס אַרויסגעטראָטן דער ראַבי־נער. זיין מאַנטל איז געווען פאַרשפּילעט. אַ שוואַרצער קאַפּצ־ליוש איז געווען אויפן קאָפּ. אַ שטעקן — אין האַנט. ער איז צוגעקומען נענטער צו דער תּליה.

די צוויי יידן זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן אַנדערן. הערשל און נעמזער.

מיט אַ ציטערדיק קול, דערשראָקן, בלייך פון אויפרעגונג, פאַרלאָרן, מורא געהאַט פאַר אַלץ, וואָס אַרום, געשראָקן זיך פאַר נאַטשאַלסטוואָ, האָט דער ראַבינער אָנגעהויבן:

— איר זייט באַגאַנגען אַ גרויס פאַרברעכן, איר האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף איינעם פון די דינער פון קייסער. דער קייסער איז געזאַלבט פון גאָט...

הערשל האָט געשמייכלט.

— איר לאַכט... וואָס לאַכט איר? אַ פּחד איז, נישט קיין געלעכטער... איר זייט אַ מורד במלכות, איר זייט באַ־גאַנגען אַ גרויס פאַרברעכן, פאַר וועלכן עס קומט אייך טויט־שטראָף... קומט אייך...

— נו, באַקום איך עס — קוויט.

— דאָס איז נאָך ווייניק... איר האָט עובר געווען אויף דעם „לא תרצח" פון די עשרת הדברות...

הירשל האָט ווידער געשמייכלט.

— לאַכט נישט, עס איז איצט נישט קיין צייט צו לאַכן... מיט דעם איז נישט געענדיקט... עס איז נאָך דאָ א יענע וועלט אויך... א רבונו של עולם... אויב איר וועט ארויסגעבן אייערע מיטהעלפער, וועל איך מיט אייך וידוי זאָגן און איר קאָנט נאָך קומען אין גן-עדן...

— איך ווייס... איך ווייס... — האָט הירשל דער שוס-טער געענטפערט — איך ווייס, אז איך קאָן אריינקומען אין גן-עדן... שוין אלץ, ראַבינער?..

— זיי וויסן, אז דו קאָנסט נאָך טאָן א מצוה, קענסט זיך מתודה זיין, איך וועל מיט דיר וידוי זאָגן, על-פי-דין...

— מסתמא אין נאָמען פון זעלביקן דין הענגט מיר איצט דער תליון... — האָט זיך פון תליה אראָפּ אָפּגערופן הירשל דער שוסטער און זיך צעשמייכלט — הייסט בעסער אָפּבינדן מיינע הענט. צו וואָס האָבן זיי מיך געבינדן?

דער ראַבינער איז בייז געוואָרן, ער האָט זיך געפילט באַליידיקט. ער האָט זיך צו אים הויך אָפּגערופן, קוקנדיק אויף דעם פּאָליצמייסטער און וויצע-גובערנאַטאָר:

— איך האָב מיט דיר נישט, וואָס צו ריידן, ווי באַלד דו לאַכסט...

— צו וואָס זשע רעדט איר, פּאַניע ראַבינער?.. — האָט אים הירשל צוריק געענטפערט.

עס האָט דעם ראַבינער נישט געפּאַסט פאַר נאטשאַלסטוואָ.

ער האָט נאָך געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונגען. ער האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן צו דעם עשאַפאָט אַרויף, אָט צו דעם מענטשן, וואָס שטייט דאָרטן.

— זע, האָב חרטה... באַרעכן זיך... גיב אַרויס דיינע מיטהעלפער... איך וועל מיט דיר וידוי זאָגן...

און דאָ איז איצט פון דעם ופוח גאָרנישט געוואָרן.

הירשל האָט שוין מער אים נישט געהערט, ער האָט

אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אין דערהויך. פון דער באַנטער ווילייע איז אָנגעלאָפן אַ ווינטל און ער האָט מחיהדיק געשלאָגן איבערן פּנים. אָט אַז מען קוקט אַזוי אויפן הימל, קען מען זען, ווי די שטערן ציטערן. —

אַזוי ווייט פון דאַנען איז אין דער רגע געווען דער הירשל. ער האָט שוין קיין וואָרט נישט געהערט, וואָס דער ראַבינער רעדט דאָרטן צו אים. דעם ראַבינער איז הייס געוואָרן. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ווייטער צו טאָן. אין מיטן האָט ער דערהערט, ווי דער פון דער תליה רייסט אים איבער:

— ראַבינער, איר ווילט דאָך נישט, אַז איך זאָל אייך אָביזשאַען...

ער איז שטיל געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעקערט און זיך הכנעהדיק געווענדעט צו נאַטשאַלסטוואָ:

— איך וועל שוין מער צו אים נישט ריידן. מיינס האָב איך דערפילט.

דער ראַבינער האָט זיך צונויפגעמישט מיט דעם געזעמל און געבליבן איז איינער אויפן תליה —

— הירשל דער שוסטער...

IV

אין אַרעסטאַנטישער גרויער קורטקע, אין דעם גרויען, קיילעכדיקן היטל, אין גרויע הויזן, שטיל און רויק — אָט אַזוי רויק, ווי דער באַגינען, וואָס איז אַרויפגעקומען אויף די הימלען, איז ער אַליין צוגעקומען צו דער פּעטליע.

די פּעטליע איז נישט גוט געפאַלן אויפן האַלז, די שטריק האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן זיין נאָז. האָט ער אַליין אַ טרייסל געטאָן דעם קאָפּ זיינעם, כּדי די שטריק זאָל בעסער אַרויפפאַלן אויפן האַלז.

דער תלין איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער תליה. ער האָט אַ צי געטאָן הירשלען פאַר די פיס, כּדי די שטריק זאָל זיך שטייפער צוציען. ער האָט מאָדנע הויך, פון איבערעגונג אַ געשריי געטאָן:

— פּאַרטיק...

און דער גאַנצער גוף פון דעם מענטשן איז עפּעס גע־בליבן באַזונדער, אומעטיק פאַרבויגן אָן אַ זייט, און דער קאָפּ, דער קאָפּ אין גרויען אַרעסטאַנטן־היטל איז געווען פאַר־זיך אין דעם שטריק. אַקוראַט איז אָנגעקומען באַגינען־ליכט אויף דעם קאָפּ מיטן אָפענעם מויל. אין טונקעלן מויל אַריין.

די סאָלדאַטן זענען געשטאַנען מיט אויפגעריסענע אויגן, פון וועלכע עס האָבן אין גרויען באַגינען אַרויסגעקוקט גאַנצע דערפער, פון וועלכע זיי שטאַמען. איינער אַ סאָלדאַט איז גע־פאַלן אין חלשות, אַט אַ פּראָסטער סאָלדאַט אין האָריקן שינעל מיט אַ פּאָר פּויערשע גרויע אויגן — איז ער געפאַלן אין חלשות, געגלאָצט מיט די אויגן, און שוים איז אים אַרויפגעקומען אויפן פּנים.

אַ קאַלטער ווינטל האָט געיאָגט איבער דעם פייכטן גראָז פון גרויסן פעלד.

— לויטן זאַקאָן דאַרף ער הענגען אַ האַלבע שעה צייט...— האָט דער פּראָקוראָר באַפוילן.

איז ער געהאָנגען.

נאָכדעם האָט מען אים אַראָפּגענומען פון דער תּליה און אַריינגעוואָרפן אין צוגעגרייטן קבר.

און כדי עס זאָל קיין זכר נישט בלייבן, האָט מען גע־הייסן די זעלנער דורכמאַרשירן איבערן קבר ביז עס וועט קיין סימן נישט זיין.

שפּעטער, אַז אַלע האָבן אָפּמאַרשירט פון פעלד, זענען נאָר געבליבן די איבערגעטאָענע פּאָליציאַנטן און די פּריסטאַ־ווס. מען האָט געדאַרפט דעם הילצערנעם בריקל און די תּליה גופא צעזעגן אויף שטיקלעך, איבערפירן אויפן צווייטן זייט ווילייע און פאַרברענען.

האָבן זיך די עטלעכע מענטשן איצט באַגינען גע׳עסקט אַרום דעם און די גאָרדאָוואָיעס און פּריסטאַוועס האָבן נאָך אַלעמען געשמועסט צווישן זיך:

— אַן עולה, מען וואָלט אים דאַרפן טאָן זיין רעכט און

אים אָנטאָן דעם צוגעגרייטן לײוונט... — האָט איינער פון די גאָרדאָוואיצן געזאָגט.

— עך, דער זשידיוגא וועט זיך באַגיין אָן דעם אויך ...

בעת מען האט געגרוזעוועט דעם צעזעגענעם האָלץ אויפן פור, האָט זיך דער פריסטאַוו פון צווייטן אוטשאַסטאָק אָפּגערופן:

— אומזיסטע געלט... צו וואָס האט מען געדאַרפט דעם קאַטאָרזשניק, דעם תּלין, באַצאָלן אַ הונדערטער פאַר דער מלאכה? — איך וואָלט עס געטאָן אָן אַ פּרוטה...

אַז די אָנגעגרוזעוועטע פור מיט די צוויי פערד איז אָפּגעפאָרן, האָט זיך אפגערופן דער סטאַרשי-גאָרדאָוואָי רידערקאָ:

— קום, פעטיאַ, אין שענק אַריין...

— קום, לאָמיר עפּעס פאַרבייסן..

V

דער וכּוח האָט זיך נאָך מיט דעם נישט פאַרענדיקט. אין די בתּי-מדרשים האָט מען שפּעטער געקלעפּט אַזאַ קול־קורא:

„ווי קומען מיר, יידן, וואס זענען געגליכן צו אַ ווערמל, צו קריכן אין אַזעלכע זאַכן! ווי קומען מיר, וואס על פּי דעת ועל פּי שכל זענען מחויב מתפּלל צו זיין בשלומה של מלכות — ווען נישט זי, וואלט מען אונז שוין לאַנג איינגעשלונגען לע־בעדיקערהייט! מיט איין זאַך פלעגט אונזער יידישע אומה שטאַלצירן, אַז עס זענען נישטאָ ביי איר קיין מורדים במלכות און איצט ווילט איר צונעמען די מעלה אויך!"

אבער אין די ווערקשטאַטן, אין די פאַבריקן האָט מען געטיילט אַ געהיימע שריפט, אין וועלכער עס איז געווען געשריבן:

„ערע דעם געפאַלענעם אָפּפער! ערע דעם נייעם קרבן, וועלכן דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האט געבראַכט!... פון אונזערע געפאַלענע ביינער וועט זיך אַ גרויזאַמער ראַכע־נעמער אויפהויבן"..

די מחנה

I

עס איז דאָס פערטע יאָר — ערב דעם פינפטן, ווי אַן ערד־ציטערניש, וואָס טוט זיך אַ קוילער טויזנטער מייל אונטער דער ערד און שטעקט אַרויס דעם קאָפּ הייינט דאָ און אין אַ רגע אַרום — פאַר די ווייטע מיילן, אַזוי קוילערט זיך א גייע רוסלאַנד טיטאַניש אונטער דער אַלטער ראָססיאַ. —

נעכט, מאָדנע רוסלענדישע, גרויסע, פּחדימדיקע נעכט. אין די שלאָפצימערן פון די פּאָליצמייסטערס און גובערנאַטאָרן גייען אוס שוורצע שרעקן, וואָס פאַלן פון די פּיס. אין די גרויסע שענקן, וואו עס זיצן די פּריסטאַוועס און זשאַנדאַרן־פּאָלקאווניקעס און האַלטן אויף די קני נאַקעטע, גוישע, פּראַוואָסלאַוונע נקבות, רויכערט זיך די נבלה, דער פּגר פון אַן אַלטער ראָססיאַ.

און אַז עס גייט אין מיטן ווינטערדיקער נאַכט דער שוורצער איספּראַווניק איוואַן וואַסיליעוויטש קאָסאָלאַפּי אַ היים, זעט ער בפירוש, ווי עמיצער גייט מיט אַ רעוואָלווער אויף דער לבנה און אָט קנאַלט ער אין איר אַריין, און מאַכט אַ לאָך, און פון דער לאָך קוקט אַרויס דער שוורער גובערנאַטאָר, און ער שרייט צו אים, צו איוואַן וואַסיליעוויטש קאָסאָלאַפּי:

— אַ דו דוראַק... אַ דו באָלוואַן... אַ דו כאַבאַרניק...

און ער ציטערט, און ער שטאַמלט, און ער קען נישט

איינשטיין אויף די פיס און ער מאַכט „טשעסט" פאַר דעם גו־בערנאַטאָר אין דער לבנהדיקער לאָך און ער פאַרענטפערט זיך:

— וואַשע וויסאָקאָראָדיע... וואַשע.. וואַשע..

אויף סלאָבאָדע און אויף אָכאָטע און אויף זאַטישיע — אויף די הינטערשטעטישע גאַסן, דאָרטן, וואו אין קעלערן און אין בוידימס האָט געוואוינט די פראַצע און די הויל, דאָרט איז אומגעגאַנגען אזאַ גרויסע, בשורהדיקע געהיימעניס — כאָטש נעם אָט און שלינג עס אויף, פאַרכליניע זיך מיט דעם. ס'האָרץ און האַנט האָט זיך געריסן דער טייוול ווייס צו וואָס: —

— אָך, דו ברודער, וועסט נאָך זען...

און פון ערגעץ ווייט, פון ווייטער מדינה, פון געלן ים, פון מאַנדזשוריען, פון פאָרט־אַרטור האָבן זיך געקוילערט אַהער די כוואַליעס פון רוסלאַנדס חרפה, פון די פאַרברענטע פעסטונ־גען, פון די אונטערגעגאַנגענע שיפן. פון די חוכא־ואיטלולאדיקע, לעפּישע אַרמייען, וועלכע לויפן פאַרשוויצטע, אַנטלויפן מיט אַזעלכע פאַרשוויצטע קאָלדרעס אויף די פלייצעס, מיט אַ גענע־ראַל, וואָס ווערט אָן די הויזן, פאַראויס: —

— „אָטסטופּאַיעם"...

איז דעמאָלסט פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג אין דווינסקער וואַלד.

II

עס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזאַ גרויסע פאַרזאַמ־לונג. עס קומען אַלץ נייע און נייע מחנות. דער פּאַראָל איז געווען:

— מאַנדזורסקאָע...

האָט מען געדאַרפט ענטפערן:

— סיביר...

דעמאָלסט האָט מען געקענט ווייטער גיין.

די פאַרזאַמלונג איז געווען אין אַלטן וואַלד, עס איז שוין געווען אַזאַ גרויסער עולם, אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס עס

הויבט זיך גאַר באַלד אָן א גרויסער יום-טוב. מען איז געווען אומגעדולדיק. מען האָט געוואַרט, באַלד־באַלד הויבט זיך אָן. באַלד וועט עס זיין.

עס איז שוין געוואָרן אַזוי פול אין וואַלד, אַז די פאַטרולן האָבן באַקומען אַ אָנזאָג:

— מער נישט. שיקן די נייע צוריק. —

האָבן זיך די פאַטרולן געלעגט אין גראָז. איצט וועלן זיי נאָר קוקן, צי עס קומען נישט זיי —

— די שונאים, די הינט...

הגם עס האָט זיך אַזוי געוואָלט זיין אויף דער פאַרזאַמלונג. מען האָט אַזוי געוואָלט הערן דעם „אָראַטאָר". —

— אַ קלייניקייט זיין רעדן...

איצט האָט בונים געמאַכט אָרדענונג:

— די פרויען צעזעצן זיך אין קרייזן אויף דער ערד... די מענער שטייען אַרום זיי... איין קרייז... אָט אַזוי... באַלד אַ צווייטער קרייז... און אַז מען וועט זאָגן: „אַראָפּזעצן", זאָלן אַלע מענער זיך אויך אַראָפּזעצן אויף דער ערד... קיינער רירט זיך שוין נישט פון דאַנען אָן אַ באַפעל...

פון דעם איז געוואָרן נאָך מער ערנסטער און שטרענגער אין אַלטן וואַלד. —

עס האָט נאָך קיינער נישט גערעדט. עס איז אָבער געווען אַ שטילקייט, ווי אין וואַלד וואָלט קיין לעבעדיקער נפש נישט געווען. מען האָט איר דאָ, צווישן די צוויי טויזנט מענטשן, געהערט די דאָזיקע שטילקייט. מען האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט. —

איצט האָט דער ערשטער קרייז, וועלכער איז געזעסן אַרום און אַרום צונויפגעטוליעט און אַרומגענומען, אָנגעהויבן צו זינגען:

טראָגט אַרויס
די פאָנע די רויטע...

עס איז געווען מער ווי אַ תפילה. עס איז געווען, ווי אַ פאַרצויבערונג.

וואו איז מען דאָ?

— און וואָס וועט דאָ זיין? —

פון הינטערן בערגל, פון צווישן די בוימער, האָבן זיך באַוויזן מענטשן. דער עולם האָט אַ ציטער געטאָן. מען האָט נישט גוט געזען און מען האָט נישט געוואוסט, ווער עס גייט אַהער. קיינער האָט זיך אָבער נישט גערירט.

דאָס איז געגאַנגען אַ גרופּע אַרבעטער. דאָס איז געווען דער „באָיעוואָי אָטריאַד". זיי זענען געווען אַ מאָן דרייסיק. אַלע באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן. און אַלע אַזוי מיט די רע־וואָלווערן אין די הענט, פאָראויס, איז מען געגאַנגען פון בערגל אַראָפּ אַהער. —

אַ כוואַליע פון שטאָלץ, פון גבורה און שטרענגע פרייד האָט זיך אַ קוילער געטאָן אַהערצו. מען האָט זיך אָנגעכאַפּט איינע אָן די אַנדערע און עס האָבן זיך די ביינער געפרייט.

די באַוואָפנטע מחנה איז נישט געגאַנגען אַליין. זיי זע־נען געגאַנגען מיט אַ פאַנאַנדערגעוויקלטע רויטע פאָן. אָט אַזוי אָפן, אָן מורא, גלייך גייען זיי און רינגלען אַרום די רויטע פאָן מיט די דרייסיק רעוואָלווערן אין די דרייסיק הענט.

און באַלד זינגט דער גאַנצער צווייטויזנטיקער עולם זיי אַנטקעגן:

טראָגט אַרויס

די פאָנע די רויטע...

זיי זענען שוין צוגעקומען צו דער מאַסע. עמיץ האָט דער ערשטער אַראָפּגענומען דאָס היטל. אין דערזעלבער רגע, גלייך נאָך אים, האָבן עס געטאָן אַנדערטהאַלבן טויזנט מענטשן. און אין דער האַלבער רגע האָט אַ ווי געטאָן מיט אַזאַ קדושה און צויבער, און שוין זענען גרייט געווען צוויי טויזנט פּראָ־לעטאַריער אויף קדוש השם.

— טייבעלע, איך בין גרייט צו שטאַרבן אַצינד...

— דאָס לעבן אָוועקצוגעבן...

ביי דער פאָן איז געשטאַנען איינער, וואָס זעלטן־ווער האָט געוואוסט זיין נאָמען, ער איז געשטאַנען מיט אַ רעוואָל־

זיער אין האַנט און ער האָט צווישן געגעבן איבערן גאַנצן וואַלד:

— חברים! מיט בלוט וועט זיך באַגיסן יענער פון די צאַרישע משרתים, וועלכער וועט וואַגן מיט זיינע פאַרפלעקטע הענט זיך צוצורירן צו אונזער פאָן!..

III

— חברים און חברטעס!

אַזוי האָט אָנגעהויבן דער „אָראַטאָר". דאָס האַרץ הויבט אָן שטאַרק צו קלאַפּן, עס פאַרנעמט דעם אָטעם.

— איך ברענג אייך, יידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס, אַ גרוס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס.

מאָדנע, אויסטערלישע ווערטער אין דווינסקער אַלטן וואַלד:

— אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס.

ער רעדט. דער רעדנער רעדט לאַנג און עמיץ זאָל זיך עס אַ ריר טאָן פון אָרט. עפּעס רעדט ער פון דייטשן און פון פראַנצויזן, פון ענגלענדער און פון בעלגיער, פון רוסן און פון שווייצער.. —

אַ גרויסע וועלט. אַ סך מענטשן זענען דאָ אויף דער וועלט. אַ סך פעלקער. און מען איז דאָס מיט זיי אַלע צוזאַמען. מען איז נישט אַליין.

— האָט זשאָרעס געזאָגט...

— האָט בעבעל געענטפערט...

— און אַדלער פון ווין האָט צו זיי אַ רוף געטאָן: גענאָסן, הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן!

ווי איז מען דאָס נישט שטאָלץ פון דעם, וואָס אַלע זענען עס צוזאַמען. מיט אַלעמען רעדט דער „אָראַטאָר" אַזוי ווי מיט ברידער, מיט אייגענע מענטשן.

— און מיר, די יידישע אַרבעטער, האָבן אַזוי צו זיי געזאָגט...

מען זעט, אַז ער קומט שוין צום סוף. ער רעדט שוין

זייער הויך, ער בייזערט זיך, ער שרייט צו עמעצן, ער רופט ארויס אהערצו —

— א טויט די טיראַנען !..

— אורא !..

— נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט !

— אורא !..

זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַל !

— אורא !..

דער רעדנער האָט געענדיקט. ער האָט זיך אראָפּגעזעצט ביים אָפּגעהאַקטן בוים אויף דער ערד. אויף זיין אָרט שטייט שוין א צווייטער. אַזאַ נידעריקער, א דאַרער, א שוואַרצער. אָט האָט ער אָנגעהויבן ריידן. ניין, נישט ער רעדט, נאָר עפּעס זאָגט ער אָן, עפּעס דערציילט ער אַזאַ וואונדערלעכע מעשה.

— טאָ הערט זיך איין, ברידער און שוועסטער, די לעצטע פּאַסירונגען פון סיביר...

עס איז געהרגעט געוואָרן מאַטלאַכאָוו, עס איז אוועק פאַר דער צייט שאַך. מען האָט צעוואונדעט און פארפייניקט אַנדערע קעמפער.

אָך, סיביר, סיביר, סיבירער קאַטאָרגע, פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן !..

נו, איז ער נישט גערעכט ?

זענען עס נישט קיין הייליקע ווערטער ?

— גייט אין סיביר א שיף פון סרעדני קאָלימסק קיין ניזשני קאָלימסק. אין דאָרף איז געווען פאַרשיקט דער חבר איוואַן קאַלאַשניקאָוו, אַן אַרבעטער, א רעוואָלוציאָנער. ער האָט געוואוינט נישט ווייט פון טייך. אַז ער האָט געזען, ווי עס פאָרט די שיף, איז ער צוגעפאָרן צו איר מיט א שיפל, כדי געוואָר צו ווערן, צי איז נישטאָ פאַר אים מיט דער פאָסט קיין בריוו. שוין דריי חדשים, ווי די פאָסט איז נישט געווען...

איז אויפן שיף געווען דער זעמסקי זאַסעדאַטעל, האָט ער א שכורער געלאַכט און געשפּאָט פון דעם אומגליקלעכן פאַרשיקטן קאַלאַשניקאָוון. האָט עס אים פאַרדראָסן, וואָס צו

פאַרלירן האָט ער נישט געהאַט, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט אויפן שיף און עס איז דאָרט געוואָרן אַ געשלעג.

— לאַכן... לאַכן ווילסטו פון מיר?... ווער האָט דיר דער־לויבט... רעכט געגעבן!..

האָט דער זאַסעדאַטעל איוואַנאָוו, די עטלעכע קאָזאַקן און „פּאָסעלענצעס" — האָבן זיי געבונדן מיט שטריק קאַלאַשניקאָוו און אים כמעט ביז טויט דערשלאָגן, געטרעטן מיט די פיס, געשפּיגן אין פּנים אַריין, געפּאַטשט...

מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג.

איז דער קאַלאַשניקאָוו פון דעם צערודערט געוואָרן. עס האָט אין אים געברענט די באַליידיקונג און דער צער. אַזוי זענען אַוועק עטלעכע טעג.

גייען איינמאָל די צוויי פאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן יערגין און יאַנאָוויטש און באַגעגענען דעמזעלביקן קאַלאַשניקאָוו. ער גייט איינער אַליין מיט אַ ביקס.

— שלום עליכם, וואו גייסטו קאַלאַשניקאָוו?

— אַ ביסל אויף יאַגד... — האָט ער זיי פאַרמישט גע־ענטפערט. האָבן זיי זיך געזעגנט און אַוועק אין קעגנזייטיקע זייטן.

ווי נאָר יערגין און יאַנאָוויטש זענען אָפּגעגאַנגען עט־לעכע טריט האָבן זיי געהערט הינטער זיך שאָסן. זיי האָבן זיך אומגעקערט —

קאַלאַשניקאָוו איז געפאַלן אַ טויטער...

דאָס האָט ער זיך אַליין געשאָסן. זיי זענען באַלד צו אים צוגעלאָפן און זיי האָבן נאָך באַוויזן צו הערן פון אים דאָס לעצטע וואָרט פאַרן אומקום:

— שולדיק איז איוואַנאָוו אין מיין טויט...

ער איז געלעגן אַ טויטער און אַ פאַרהונגערטער — ער האָט שוין געהאַט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד נישט געגעסן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז יערגין געגאַנגען צו דער אַר־בעט, טראָגנדיק אויפן פּלייצע אָן אָנגעלאָדענעם ביקס, האָט ער באַגעגנט אויפן וועג דעם „זאַסעדאַטעל" איוואַנאָוו — אָט יענעם, וועלכער איז שולדיק געווען אין קאַלאַשניקאָווס טויט.

— די אָזוינער און אַזוינע... — האָט ער זיך צו אים אָפּגערופן — איצט וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען פאַר קאַלאשניקאָווו...

דער „זאַסעדאַטעל" איוואַנאָוו האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער —

איז געווען אויף דעם אומעטיקן און וויסטן סיבירער וועג אַ געראַנגל צווישן די צוויי מענטשן. זאַלבע דריט זענען זיי געווען — אַ „זאַסעדאַטעל", אַ רעוואָלוציאָנער און דער סיבירער סטעפּ... יאָ, און נאָך צוויי: אַ רעוואָלווער און אַ ביקס...

יערגין איז שטאַרקער געווען, פון דעם געראַנגל איז געפאַלן איוואַנאָוו אַ טויטער. איז אַוועק גלייך נאָך דעם יערגין צום איספּראַווניק, האָט אים אָפּגעגעבן זיין ביקס און דערקלערט:

— גאָספּאָדין איספּראַווניק, איך האָב געטויט דעם זאַסעדאַטעל איוואַנאָוו...

האָט מען אים אין קייטן אַוועקגעפירט קיין יאַקוטסק. דאָרט האָט מען אים געמשפּט און פאַרמשפּט אויף אייביקע קאַטאָרגע. —

אַזוי רעדט און דערציילט אָט יענער נידריקער און שוואַרצער און דאַרער, וואָס שטייט אויפן וואָרצל פון בוים.

אין אַלטן דווינסקער וואַלד קלינגען אָפּ די נעמען:

— קאַלאַ — ש — ני — קאָוו —

— אי —, וואַ — נאָ — וו — —

— יערגין — — יערגין...

און עס לייגט זיך אויס אַ וועג אַהינצו קיין סיביר —

און דוכט זיך, אַז אָט איז אַלץ אַזוי לעבעדיק פאַר די אויגן,

און דער רעדנער קומט שוין צום סוף:

לאָמיר, ברידער און שוועסטער, לאָמיר שווערן, לאָמיר געבן אַ הייליקע שבועה...

דער גרויסער עולם איז נישט הי, נישט אויף דער וועלט — מען הויבט אָן זינגען:

וואס זשע קלינגט איר, קירכן גלאָקן,
הערס זשע אויף, געגוג געשראָקן — —
אייערע טענער הייסן הענקער
צו מארטירן יעדן דענקער...
און טייל עולם זינגט:
צו מ אַ ר ש י ר ן יעדן דענקער...
און איינע פרעגט ביי דער אנדערער:
— ראָזאַ, ראזא, זאָג מיר וואו מאַרשירן, וואו?...
— וואס הייסט וואו — ענטפערט ראזא — קיין סיביר מארשירן, וואו דען?...
און מען זינגט מיט אַזאַ טעם און מען קען זיך אַלץ נישט אויסזינגען. —

IV

איצט האָט בונים ווידער געמאַכט אָרדנונג:

— אַלע זאָלן גיין צוזאַמען. נאָר צוזאַמען. טאָמער קומט אָן פּאָליציי, זאָלן זיין אַלע, ווי איין מענטש.

קיינער האָט נישט געהייסן, נאָר אין איין מינוט איז געוואָרן אַ טרעשטשעריי אין וואַלד. אַלע האָבן געבראָכן צווייגן פון די בוימער און שטיקער פון די קוסטעס. דאָס האָט מען זיך צוגעגרייט העלצער, שטעקנס אויפן וועג. ווי אַ זאַך זאָל זיך נישט מאַכן. טאָמער דאַרף מען זיך שלאָגן. —

עס איז שוין געוואָרן אוונט אין דווינסק. די לבנה איז שוין אַרויסגעקומען אויפן שאָסיי, וואָס האָט געפירט אין שטאָט אַריין. מען איז געגאַנגען געשלאָסן צוזאַמען, געדיכט און גיך. —

אין דעמדאָזיקן געאַרעמטן, געשלאָסענעם, שנעלן גאַנג פון די עטלעכע טויזנט מענטשן, אין דעם אימפּעט און קדושה פון דעמדאָזיקן גאַנג פון דער מחנה — אָט דאָס גיין אַנטקעגן עמיצן אַ גרויסן, אַ נישט־געזעענעם, אַ טיטאַן, אַנטקעגן איינעם מיט קייטן אין די הענט, איז געווען דער תמצית, דער תוך

פון דעם אלעמען, וואָס האט געדאַרפט קומען אין די טויערן פון דעם אומגעוויינלעכן לאַנד. —

— רוסלאַנדס רעוואָלוציע...

א מאָדנע מחנה יידן, יידן־בונדיסטן. געווען שוין א יידישע מחנה, וואָס לויפט פון איין שטאט אין דער צווייטער אונטער בייטשן פון גוים. געווען שוין א יידישע מחנה, וואָס קומט צום דווינסקער וואָסער ארויס צו תשליך. — וואס איז דאס פאר א נייע מחנה יידן, מיט די וואלד־שטעקנס אין די הענט, מיט א לבנה איבער זייערע אָנגעצונדענע קעפ. מיט א מזמור:

הימל און ערד זאָלן הערן,
עדות זאָלן זיין די ליכטיקע שטערן...

אָט איז מען שוין אריינגעקומען אין שטאט. מען קלאַפּט צו די געוועלבער. וואָס איז דאס?... ווער גייט עס?... — מען שטעקט ארויס די קעפּ פון די פענסטער. די ערשטע רייען האָבן אויסגעטאן די היטלען. נאָך זיי האבן עס געטאָן אלע אַנדערע. מען זינגט שוין אין סאַמע שטאט אריין:

וויכרי ווראזשדעבניע וועיוט נאַד נאַמי...

און אין מיטן זינגען שרייט מען אריין:

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

און עס הילכט אָפּ די מחנה:

— אורא!...

— נידער מיט דעם קאַפּיטאַליזם!

— אורא!...

— א טויט די הענקער!

— אורא!...

אָט דעם קליינעם און שוואַרצן און דאַרן רעדנער האָלט מען שוין אויף די אַקסלען. אָט רעדט ער איבער אַלעמענס קעפּ. פון וואַנען נעמט זיך צו אַזאַ דאַר מענטשל אַזאַ קול? —

— בירגער! אראָפּ די היטלען! דאָ גייען די יידישע פראָ־לעטאַריער!... ביז אונזער לעצטן טראָפּן בלוט וועלן מיר פאַרגיסן!.. פאַר פרייהייט!... פאַר גלייכהייט!... זאָל לעבן די רעוואָלוציע...

מען גייט שוין ווייטער. מען גייט ווידער געשלאָסן און שנעל.

— וואוהין גייט מען אַצינד?

קיינער ווייס נישט וואוהין מען גייט אַצינד. און צי דען איז עס נישט אַלץ איינס וואוהין מען גייט? — מען גייט דאָך איינגעמען די וועלט.

און זאָל שוין זיין, וואָס עס וועט זיין.

און דאָ טראָגן זיך שוין די ווידערהילכן פון די פערדי־שע קאַפּיטעס אויפן ברוק. דאָס לאָזט זיך מיליטער, וואָס דער פּאָליצמייסטער האָט אַרויסגערופן. באַלד־באַלד וועט מען זיך באַגעגענען.

מאַסע, שטיי!... צוזאַמען!... נישט גערירט זיך!...

עס זענען שוין איצט געשטאַנען צונויפגעשטיקט צוזאַמען דריי־פיר טויזנט מענטשן. אַזאַ הייליקער גליוועד האָט אַלעמען אַרומגענומען. קיינער רירט זיך נישט. געבליבן שטיין פאַרשטיי־נערט.

די פערדישע קאַפּיטעס זענען אויך שטיל געוואָרן. ווייזט אויס זיי זענען אויך שטיין געבליבן. זיי האָבן אויף עפּעס גע־וואַרט. צי מורא געהאַט?.. צי געוואַקלט זיך?.. —

אין יענעם שבתצווגאַכטס זענען געשטאַנען ביידע מחנות. איין מחנה אַנטקעגן דער אַנדערער. איבער איין מחנה האָט מען אויפגעהויבן אַ רויטע פאָן, וועלכער האָט געפלאַטערט אַזוי אַקוי־ראַט אונטער דער לבנה. —

— צוזאַמען!.. נישט גערירט זיך!..

ערגעץ אָן אַ זייט האָבן אַוועקגעריטן די זעלנער.

זלמנקע

א

זלמנקע איז אינגאנצן אלט געווען פערצן יאָר און ער איז שוין געווען אַ חבר פון „קליינעם בונד״.

דאָרט אין יענער שטאָט, אין באָברויסק, האָט דער „קליינער בונד״ געשפּילט א ראָלע. די קליינע בונדיסטן האָבן אפילו איינמאָל שבת פאַרנאַכט נקמה גענומען אין „פּעטרוש דעם מענטע״, דעם גאָרדאָוואָי, וועלכער איז געשטאַנען ביי די גרויסע געוועלבער. אַ גאַנצע מחנה איז אים באַפאַלן מיט שטעקנס, אָנגעשלאָגן, צוגעכאַפּט דאָס פּאָליצייסקע היטל, און געלאָזן אים שטיין אויפן מיטן גאַס אַ צעביילטן און מיט א בלויזן קאָפּ.

דאָס האָבן זיי געטאָן דערפאַר, ווייל מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער, פּעטרוש דער מענטע, באַפאַלן די בירזשע פון קליינעם בונד און געהרגעט צוויי יינגלעך מיט זיין שווערד מפות־רצח.

פון ד ע ר שטאָט איז זלמנקע געווען, פון באָברויסק. הגם זלמנקע איז אַלט געווען נישט מער, ווי פערצן יאָר, האָט ער שוין אָבער אַ סך פאַרשטאַנען. ער האָט שוין געוואוסט, וואָס מען וועט טאָן מיט דעם קייסער און וואָס מען וועט טאָן מיט די גבירים. אויסער דעם, וואָס ער האָט געוואוסט, האָט ער ליב געהאט צו טאָן, עפּעס אויפצוטאָן, און די גרויסע חברים האָבן אים שוין גוט געקענט:

— זלמן דער יאַט...

און ער איז שוין טאַקע געווען אַן אַרבעטער, אַן אמתר אַרבעטער. ער האָט געאַרבעט ביי אַ פלאַקסער, ביי אַ שטריק־דרייער. ער, זלמנקע, האָט געדרייט דאָם ראָד, ער האָט שוין אפילו געקענט, ווי דער גרויסער סאָבער־בער, ציען דעם פלאַקס, גיין הינטער־ווײַלעכס, הינטערווײַלעכס, ציען פון פאַרטוך אַרויס דעם פלאַקס, ביז עס ווערן אויסגעדרייט די שטריק.

זלמנקע האָט געוווסט, אז ער ווערט שוין עקספּלואַטירט, אַ ער אַרבעט פאַר דעם קאַפּיטאַל, ער אַרבעט פאַר דער בורזשואַזיע. —

דער קליינער בונד — דאָס איז געווען דאָס חיות, דאָס לעבן. ער איז געווען מיט דעם זייער פאַרנומען. עס האָט זיך אים געוואָלט גיין אָט גלייך אין פייער אַריין. זאָל מען נאָר זאָגן וואוהין מען דאַרף עס גיין אין פייער אריין, אויף לעבן און אויף טויט. —

ער, זלמנקע, האָט אַליין געמאַכט דעם שטעמפּל פון דעם באַברויסקער קליינעם בונד און אים שטענדיק געהאַלטן אויסבאַהאַלטן. טאָמער פלעגט מען אים באַדאַרפן, פלעגט זיך דער פון האַלץ־אויסגעשניצטער שטעמפּל באַווייזן אין זלמנקעס הענט. און גלייך צוריק נעלם ווערן. ער האָט אויך געהאַט ביי זיך דעם רויטן טאַלאָן־ביכעלע, וואָס ער פלעגט אַרויסגעבן, בעת מען פלעגט איינצאָלן די דריי־קאָפּיקעס פאַר דעם קליינעם בונד.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַרן געלט האָט מען געטאָן צוויי זאַכן: איינמאָל האָט מען פאַר דעם געלט אַרויסגעגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע צו אַלע באַברויסקער קינדער „וועגן דער בורזשואַזיע און וועגן דעם קייסער". דאָס האָבן עטלעכע חברים צוזאַמען אָנגעשריבן. און אַ צווייט מאָל האָט מען איינגעשאַפט אַ היפּש ביסל נאַהייקעס פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

דאָס מוז מען האָבן. דאָס האָבן אַלע פאַרשטאַנען. גע־וועפר מוז זיין גרייט.

שבת, אַז זלמנקע מיט דעם שוואַרצן היטל מיט דעם אויס־געבויגענעם דאַשעק האָט צייט געהאַט, פלעגט ער ליב האָבן

גיין צום באַן, צום וואָקזאַל. ער האָט ליב געהאַט צו קוק, אויף די באַנען, אויף די לאָקאָמאָטיוון. אָט ווי זיי פליען אָן שיפן, שיקען, בלאָזן, פייפן, בלייבן שטיין, רוקן זיך, גייען אַוועק און לאָזן זיך פונאַנדער — אַז מען זעט שוין נישט זייער טאַטן.

ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו זיין אַ לאָקאָמאָטיוו־פירער. אָט ווען מען לאָזט דאָס אים אַרויף אויבן ביי די רעדלעך, און ער זאָל אַ דריי טאָן, און דער לאָקאָמאָטיוו זאָל מאַכן אַ ויברח. —

אָבער נישט נאָר צוליב דעם האָט ער ליב געהאַט צו גיין צום וואָקזאַל, צו די באַנען. עס איז געווען נאָך אַ סיבה, וועלכער ער האָט אַליין קלאָר נישט געוווּסט און נישט פאַרשטאַנען, נאָר דעם טעם פון איר האָט ער אין זיינע אברים געשפירט.

דאָס איז געווען טאַקע עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז שווער צו דערקלערן. דער וואָקזאַל מיט די באַנען איז זייער אַ וויכטיקע זאַך. אויב עס וועט עפּעס אויסערגעוויינלעכס פאַרקומען, וועט עס זיין דאָרטן. אָט דאָרטן ביי די רעלסן, ביי די לאָקאָמאָטיוון. צי עס וועט קומען דער קייסער, צי עס וועט קומען אַ רעדנער, צי מען וועט עפּעס מיט אַ רויטער פאָן אַראָפּקומען. —

האָט ער ליב געהאַט צו גיין שבת צום וואָקזאַל און קוקן אויף די באַנען, אויף די לאָקאָמאָטיוון, אויף די מענטשן, וואָס קומען אַראָפּ — פרעמדע, וויכטיקע מענטשן, מיט טשעמאָדאַנעס, מיט רענצלעך, דאָס איז די בורזשואַזיע, עס קומען אַראָפּ אָפיצירן, אַמאָל גענעראַלן, דאָס זענען די מענטשן פון קייסער. ווער ווייס, ווער עס זענען עס אָט די מענטשן מיט די אָנגעשטעלטע קאָלנערס, מיט די קאַפּעלושן — ווער ווייסט ?...

II

דאָס מאָל האָט זיך זלמנקע גאָר אומגעריכט דערוואַרט.

מיט עטלעכע מינוט פריער האָט ער עס דערשפירט. היינט איז עפּעס נישט אַזוי איינפאַך אויפן וואָקזאַל.

פריער האָט ער געזען בענטשיקן אויפן וואָקזאַל. בענטשיקן אײנצער אַליין. זלמנקע ווייס, ווער ער איז בענטשיק. ער ווייס, אַז בענטשיק איז אַ סטאָלער, ער אַרבעט ביי די מעבל אויפן מאַרק, ביי יצחק משהן דעם סטאָלער אין דער פאַבריק. יאָ, אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. בענטשיקן קען מען אויף דער בירושע. זלמנקע ווייס, אַז בענטשיק איז אַ בונדיסט, און נישט סתם קיין בונדיסט, אומעטום:

— בענטשיק... בענטשיק... בענטשיק...

זלמנקע ווייס נאָך עפּעס וועגן בענטשיקן, נאָר דאָס טאָר מען פאַרן מויל נישט ברענגען. ער האָט עס אַליין געהערט. אַט יענע מעשה מיטן „שפּיק". זלמנקע ווייס אַלץ. אַ מכּה וועט עמיצער ביי אים וויסן. דרייט ער זיך אַרום בענטשיק אויפן וואָקזאַל, וואָס טוט ער דאָ? — קיינמאָל קומט ער נישט. מוז דאָך עפּעס זיין, אַז בענטשיק איז דאָ היינט געקומען.

אין מיטן דערינגען פּייוו, איז אויך דאָ. וואָס טוט דאָ פּייוול? און וואָס טוען זיי דאָ ביידע? —

פּייוול דער הויכער. און זיי גייען נישט ביידע צוזאַמען. אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך גאָרנישט קענען איינער דעם אַנדערן.

פּייוול דער הויכער און בענטשיק — איצט ווייס שוין זלמנקע זיכער, אַז היינט איז ,ייער אַ וויכטיקער טאָג. —

— אפשר הויבט זיך דאָס אָן?...

און איצט, אין דער רגע, איז דאָס געשען. אַזוי ווי דער גאַנצער וואָקזאַל מיט די באַנען, מיט די מענטשן, וואָלט זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

עס איז געוואָרן אַ בהלה, אַ לויפעריי, אַ געשריי.

און מען זעט נישט פון וואַנען, און מען ווייסט נישט פון וואַנען, און מען ווייס נישט ווער, נאָר:

— טאַך — טאַראַראַך — טאַ — טאַך... טאַך...

מען שיסט. מען שיסט איינמאָל און נאָכאַמאָל. עמיצער אין פּאָליציי־מונדיר האָט אַ הויב־געטאָן די הענט אין דער לופטן און זיך אַ בראַזג געטאָן אָן דער ערד. —

מען לויפט. מען יאָגט. מען שרייט:

— כאַפּט אים!... כאַפּט!...

און אַלץ, וואָס אין זלמנקען, האָט זיך איצט אַ שטעל געטאָן שטייף אויף די פיס. איצטער איז עס געשען, ער ווייס אַלץ. ער פאַרשטייט. איצטער דאַרף עס עפּעס טאָן. —

און אין איין הונדערטל סעקונדע איז דאָס אין אים קלאָר געוואָרן:

— צר וועט ראַטעווען בענטשיקן...

ער, זלמנקע, וועט אָנהויבן לויפן. מען וועט דאָך נישט זען, ווער עס לויפט, וועט מען זיך אָנהויבן נאָך אים יאָגן, וועט מען אים כאַפּן, דערווייל וועט זיך בענטשיק ראַטעווען.

— ער וועט אים ראַטעווען...

און ער האָט אין דעם הונדערטל סעקונדע דערשפּירט, אַז אייגנטלעך האָט ער עס געשאָסן, ער, זלמנקע. אָט פילט ער עס, אַז ער האָט געשאָסן, אַלץ איינס, ווי ער —

און ער האָט אָנגעהויבן לויפן איבערן וואָקזאַל.

און גלייך האָט ער דערשפּירט, אַז מען לויפט הינטער אים. ער האָט נישט געוואוסט, ווער עס לויפט נאָך אים — צי לויפט עס בענטשיק, צי לויפט עס פּייווקע, צי לויפן עס גאָר־דאָוואָיען, פּריסטאַוועס, זשאַנדאַרמען... ער איז געלאָפן. מען האָט זיך נאָך אים געיאָגט. האָט ער הנאה געהאַט פון לויפן. עס האָבן אין אים שוין געברענט זיינע פּערצן יאָר צוזאַמען מיט די הענט און פיס און לייב און לעבן.

ביז מען האָט אים געפּאַקט.

עפּעס אַ גרויסע, שווערע, סאַפּנדיקע האַנט האָט אים געהאַלטן פאַרן קאָלנער. עמיצער האָט געכמאַלעט איבערן קאָפּ.

— האָסטו געשאָסן?... אַ... דו?...

— יאָ... איך... — האָט זלמנקע געענטפערט.

אַרום און אַרום איז שוואַרץ פון עולם, מען קוקט אים אָן און מען קוקט אים אַרום. עפּעס גלויבט זיך נישט, אַז ער דאָס יינגל, איז עס דער שיסער.

— זאָג, דו?... אַ, דו?... האָסטו געשאָסן?...

— יאָ, איך... — ענטפערט ער צוריק.

גלויבט זיך ווידער נישט. נאָר גיי הייגט ווייס, גיי פאַר־שטיי. איינגיכן וועלן שוין שטיינער פון ברוק שיסן.

וועט דאָך אפילו אזא יינגל נישט אויסטראַכטן וועגן זיך אליין אזא זאַך.

און ער שטייט אַן צרומגענומענער, עס רודערן אין אים אלע אברים, די קינדערשע, קלוגע שוואַרצע אויגן קוקן אויף דעם ע.ם מענטשן און פארלירן זיך. ענטפערט ער נאָכאַמאָל.

— איך...

און ער קוקט אַרויפצו. ער זוכט עפעס, ער זוכט עמיצן נאָר ער אליינער אליין ווייסט, וואָס ער זוכט.

שטיל, ארום זעט מען גאָרנישט.

גוט אַזוי. —

ער האָט געהערט צווישן עולם, אַז עס רעדט זיך וועגן אַ דערשאָסענעם פריסטאַוו. איז ער דערפון געוועזן צופרידן, וואָס ער ווייסט שוין וועמען מען האָט געשאָסן.

דערווייל איז עפעס אָנגעלאָפן אַ גרויסער גוי, אָנגעלאָפן גלייך, אים דערלאַנגט איבער דער קינדערשער צורה און צע־יושעט — פון נאָז איז בעגאַנגען בלוט.

האָט ער זיך געפילט נאָך וויכטיקער און נאָך ערנסטער.

און דרייסטער. —

— יאָ, איך, איך האָב געשאָסן...

נו, איז נישט געוועזן קיין ברירה. האָט מען אים אָפּגע־פירט אין דער באָברויסקער טורמע.

III

אַז מען האָט אים געבראַכט צו נאַטשאַלסטווא אָן אַ היטל, אַ צעשלאָגענעם, מיט אַ צעפליקטן לאַץ און אין מיטן דעם אלעמען — אַ פּאָר גרויסע, קלוגע אויגן... האָט זיך איצט אָנ־געהויבן דער עיקר.

— דו האָסט געשאָסן אויפן פריסטאַוו?...

— ניין... — האָט ער געענטפערט.

האָבן די גאָרדאָוואָיען, וואָס האָבן אים אַהער געבראַכט, זיך אַרומגעקוקט צעמראָטשעטע.

— זאָג דעם אמת... — האָט אים איינער אַ הויכער מיט נאָך, דוכט זיך, גרעסערע פון אים אַליין שטיוול, דערלאַנגט איבער דער צורה. — מאַך נישט קיין „קרוטשעלקעס"...

— איך האָב נישט געשאָסן... — האָט זלמנקע זיינס געענטפערט.

און כאָטש באַגראָב זיך פון עגמת־נפש. גיי ווייס, יאָ, צי נישט. גיי דערגיי אַ טאָלק.

— נו, מען וועט שוין זיך פונאַנדערקלויבן... — האָט דער וויכטיקסטער פון דער נאַטשאַלסטווא געזאָגט און געהייסן דערוויילף זלמנקן אַריינזעצן אין טורמע.

איז ער אָפּגעזעסן עטלעכע וואָכן. זלמנקע האָט זיך געהאַלטן, ווי אַ לייט. ער האָט נישט געדאגהט, און אפילו ווייניק איז אים אָנגעגאַנגען, ווען מען וועט אים אַרויסלאָזן.

פון שטאָט האָט מען אים אַריינגעשיקט עסן. חברה האָט אים געשריבן אַ קוויטל:

— ז׳מן, דו ביזט אַ יאַט...

אָבער מען האָט געזען, אַז עס איז נישט קיין תכלית אים צו האַלטן אין דער באָברויסקער טורמע. דער פּראָקוראָר האָט געהייסן מען זאָל אים אַריבערשיקן אין גובערניע אַריין — מינסקער טורמע.

האָט מען ז׳מנקן געשיקט מיטן עטאַפּ, מיט אַ גאַנצער פּאַרטיע אַרעסטאַנטן.

אַז ער איז געזעסן אין וואַגאָן, וואָס איז געפאָרן פון באָברויסק קיין מינסק, האָט ער די גאַנצע צייט גערעדט מיט איינעם אַ אַרעסטאַנט, וואָס האָט געהאַט אַ בלאָנד בערדל, אַז מען זאָל נעמען אָט אַזוי פון צוג אַרויס און מען זאָל אַוועק, וווּהין די אויגן טראָגן:

— „ויברח"...

נאָר יענער האָט אַלץ געזאָגט, אַז באַלד־באַלד, מען דאַרף

נאָך אונטערוואַרטן אַ ווײַלע, ביז מען איז אַזוי אַרײַנגעקומען אין מינסק.

פֿאַרפֿאַלן. פֿירט מען אין מינסקער טורמע אַרײַן, און זלמנקע האָט גאָרנישט געפֿילט בײַ זיך, אַז ער זאָל נאָך זײַן אַ קלײנער ייִנגל.

פֿרעגט בײַ אים דער אויספֿאָרשער אין די גלאַנציקע קנעפּ און גרויסע געדיכטע וואָנסעס.

— אַז דו האָסט נישט געשאָסן, הלמאַי ביסטו געלאָפֿן?

— איך האָב זיך דערשראָקן, בין איך געלאָפֿן... — ענטפֿערט זלמנקע און טוט נישט קײן צאַפּל מיטן אויג.

— מסתּמא האָט דיך דער שיסער צוגערעדט זאָלסט אַזוי טאָן, זאָג זשע ווער האָט דאָס דיר געהײסן?..

— איך ווײס נישט, וואָס איר רעדט...

— געדענק, זאָג בעסער דעם אמת, מען וועט זיך נעמען צו דיר...

— טו פֿירט מיך אויף דער תּליה, אַז איר ווילט... — האָט זלמנקע געענטפֿערט האַלב אויף ייִדיש און האַלב אויף גויִש.

איז ווידער נישט געווען קײן ברירה און מען האָט אים אַרײַנגעזעצט אין מינסקער טורמע.

IV

זלמנקע איז געוואָרן דער ליבלינג פֿון דער גאַנצער מינסקער טורמע. מען האָט אים נישט געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט אין קאַמער, פֿלעגט ער אומגײן פֿון קאַמער צו קאַמער, שלאָפֿן אײן נאַכט אין אײן אָרט, אַ צווײטע נאַכט אין אַ צווײט אָרט, אומשטיפֿן, אומקאָמאַנדעווען, זיך אַרײַנמישן אין די רײד פֿון די עלטערע. —

— אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט, וואָס האָט געמאַכט אַ דרײפֿאָלגרײַכן אַטענטאַט...

באַזונדערס האָבן אים ליב געהאַט די קרימינעלע אַרעסטאַנטן, זײ האָבן זיך נישט געקענט פֿון אים אָפּלויבן. אַלע מאָל פֿלעגט אים אַן אַנדערער אַ כאַפּ טאָן אין די הענט און

אַ וואָרף טאָן אין דער לופטן. בשעת מען פלעגט זיצן אַרום טאָפּ יויך מיט ביינער, פלעגט מען שטענדיק צווישן אַריינגעמען זלמענקען. איינער אָן עלטערער אַרעסטאַנט מיט אַ באָרד, ווי אַ פּאָליטירט ברעטל, פלעגט אַלע מאָל זיך צו אים אָפּרופן:

— נו, בראַט, דערציילן נאָך אַמאָל, ווי דו האָסט עס נע־מאַכט.

און ער פלעגט איבערררייסן זלמנקעס דערציילונג פּאַטשנ־דיק אויפן איבערן פּלייצע:

— נו, ביסט אַ יאַט... ביסט אַ כוואַט... הלואי גיט מיר גאָט אַזאַ זונדל, ווי דו...

זעקס חדשים איז זלמנקע אָפּגעזעסן אין מינסקער טורמע, און ווער ווייס, ווי לאַנג ער וואָלט נאָך אַזוי אָװעקגעזעסן, ווען נישט די געשיכטע מיט גנעסיען.

קאָליאַ האָט פון ווילנע צוגעשיקט די פּאַלשע דאָקומענטן פאַר גנעסיען, די פלומרשטע טעלעגראַמע פון ווילנער פּראָקו־ראָר מיט דער קויציע פאַר גנעסיען — אַלץ, ווי חבר קאָלי האָט עס אָפּגעאַרבעט.

פּאַרנאַכט האָט מען געדאַרפט שוין גנעסיען אַרויסלאָזן.

גנעסיע האָט געהאַט אין טורמע פון די לאַנגע חדשים זיצן אַ גאַנצע ווירטשאַפט, וואָס דורך פאַרשיידענע באַמיונגען האָט זי עס געהאַט פאַר דער צייט אַריינגענומען צו זיך. איצט האָט מען עס אַלץ געדאַרפט אַרויסטראָגן.

מען האָט איר דערלויבט אַלץ איינפּאַקן אין אַ קויש, און אַ פאַרמאַכטן קאָרב און אַרויסטראָגן.

נו, — האָט זי שוין פאַר איינוועגס אין קאָרב אויך אַריינ־געפּאַקט זלמנקען. עס וואָלט אַזוי לייכט נישט דורכגעגאַנגען, ווען איין נאַדזיראַטעל, וואָלט נישט זיין קיין אייגענער מענטש.

גנעסיע האָט נישט געוואָלט אָן זלמנקען זיך רירן. אָן אים גייט זי נישט. מען האָט איר אפילו אָפּגערעדט, אָבער זי האָט נישט געוואָלט אפילו הערן די עצות, וואָס מען האָט איר גע־געבן און די טענות, וועלכע מען האָט צו איר געהאַט.

— זלמן, אין קאָרב אַריין!...

אים איז עס זייער געפעלן געוואָרן, און וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן פּאַקן?

— ממילא, וועלן זיי מיך פירן אויף דער תליה...

און אַזוי אין גנעסיעס קאָרב האָט מען אים אַרויסגע־טראָגן פון טורמע־הויף. הינטער דעם קאָרב איז געגאַנגען גנע־סיע, וועלכע האָט געמוזט תיכּף ווערן אומלעגאַל, ווייל איר אַרויסקומען פון טורמע איז אויך געווען אַן אַרויסגנבענען זיך מיט נאָכגעמאַכטע דאָקומענטן, וועגן וואָס מען וועט זיך באַלד באַפּן. —

עס איז דורך בשלום. זלאַטקע איז געוואָרן אַן אומלעגאַ־לער מענטש.

זינגט אַ מענטש פון קאַמער

1

עס איז געווען אַ פרייטיק פון אַ יולי־טאָג.

אין טורמע־קאַנצעלאַריע איז אָנגעקומען פון פּראָקוראָר דער באַשולדיקונג־אַקט פאַר דעם אַרעסטאַנט סידאָרטשיק. מען מען האָט אים אַפילו נישט אַראָפּגערופן אין קאַנצעלאַריע. דער נאַדזיראַטעל האָט אַריינגעטראָגן דעם באַשולדיקונג־אַקט צו אים אין צימער און אים געהייסן אונטערשרייבן די קבלה.

סידאָרטשיק האָט זיך אַפילו נישט אויפגעהויבן פון אָרט. ער האָט נאָר אויסגעצויגן זיין האַנט אין גרויען אַרבל, וועלכע האָט עפּעס, אַרויסגעשטעקטערייד, אויסגעזען לאַנג און אויסגעדאַרט, ווי אַ האַלז פון פויגל, און אָנגעוויזן אויפן רויטן טישל, אויף וועלכן עס זענען געלעגן ברעקלעך פון שוואַרצן, אויסגעטריקנט ברויט.

— לייג אַוועק, אַז דו ווילסט...

— שטיי אויף, שרייב זיך אונטער... איך קען נישט אָן דעם געבן...

— דאַרף מען נישט... — האָט סידאָרטשיק געזאָגט, נישט וועלנדיק קיין זאַך אונטערשרייבן.

האָט דער נאַדזיראַטעל גישט געהאַט קיין ברירה, האָט געלאָזט ליגן אויף טישל די לאַנגע בויגנס פּאַפּיר מיט די בלויע אותיות פון דער שרייב־מאַשין און זיך אָפּגערופן:

— איך וועל מעלדן אין קאַנצעלאַריע...

אויף דעם האָט אים סידאָרטשיק, אַט דער צוואַנציק־יאָרי־קער מענטש מיטן דינעם קאָפּ מיט די בלאָנדע ברעמען מיט די פּוכקע ווענסלעך, מיט די גיכע, שנעל זיך אויפעפענדיקע און זיך צומאַכנדיקע אויגן, גאָרנישט געענטפערט.

מער נישט די אויגן זענען אינעווייניק אומגעלאָפן, ווי בלויע קאַנאַריקעס, הונגעריקע, אין שטייגל.

סידאָרטשיק האָט זיך אויפגעהויבן, צו צום טישל און גע־לייענט איינציקע ווערטער פון דער ערשטער זייטל פון באַשול־דיקונג־אַקט:

— פּאַראַגראַף... פּונקט... פּריסטאַוו... פעלד־געריכט...

וואָס איז דען דער אונטערשייד?

אַזוי שטייענדיק ביי דער קאַרטע האָט ער אָן אַ וועלכן עס איז באַזונדער געפיל, סתם אַזוי אין דער וועלט אריין, צע־ריסן די בויגנס פּאַפּיר אויף שטיקלעך, צעריסן לאַנגזאַם, און די שטיקלעך ארויסגעוואָרפן פון פענסטער.

און איצט איז געוואָרן צעריסן אַ יונג, צוואַנציק־יאָריקעס לעבן. אַ לעבן, וואָס וועט שוין מער נישט זיין. און עס איז געקומען אַזאַ געאיידלטע און געאומעטיקטע רו, וועלכע גייט שוין זייער לאַנג אליין אויף דער וועלט פון די צייטן פון עשרה הרוגי מלכות.

קיין גרויסער זינגער איז סידארטשיק נישט געווען. ער האָט גאָר געהאַט אַזאַ שטימע, ווי עס האָבן פּשוטע און ער־לעכע מענטשן פון פאָלק, האָט ער נאָכדעם אין יענעם פּרייטיק אליין אָוועקגעזונגען אשר אַ האלבע שעה.

II

סידארטשיק איז געווען פון דער זעלבסטשוץ אין זשיטאָ־מירער פּאָגראָם.

דער טשאַד און דער רויך פון די צאַריש - יידישע פּאָ־גראָמען איז אויסגעגאַנגען פון גאַנצן תחום. עפּעס אַזוי ווי ערב

אַ גרויסן, צערקוועדיקן זוטאג האט געסמאַליעט מיט יידישן ביין, ווי מיט ביינער פון געשאָכטענע קעלבער. אַן אומגליק, ווי אַ פערדישע פּאַדלע, וועלכע מען פירט אויף אַ באַלעגאַלישן, דראַנגאָוון וואָגן, איז געלעגן אויסגעשפּרייט מיט אַן אָראָפּגע־האָנגענער קאָפּ, מיט גרויסע, געשטאָרבענע פיס, באַגאָסן מיט אַ גרין־גאַליקן שוים. אין די יידישע, בראָכעדיקע נעכט האָבן זיך אומגעקייקלט אָפּגעשניטענע, פּאַרבלוטיקטע קעפּ, איבער וועלכע האָבן געסוויסטשעט מיט בייטשן ווייטע פרעמדע פירשטן און קייזערינס אין ווייסע הענטשקעס:

— „ביי זשידאוו...״

אויף די ווענט פון שטאָט האָט מען אין סאמע מיטן טאָג געקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס און קיינער האָט נישט געזען ווער און ווי אַזוי. איז דאָרטן געשטאַנען אַזוי געשריבן:

„בירגער! גרייט זיך צו באַגעגענען די פּאָגראָמשטשיקעס, ווי דאָס פּאַסט פּאַר קעמפער. געדענקט, אַז מען האָט באַשלאָסן פונאַנדערצושטעלן דעם חיל אַזוי, אַז ער זאָל אונז שטערן זיך פּאַרטיידיקן. באַהאָפּנט זיך מיט אַלץ, וואָס איר קענט. קיין איינציקער זאָל נישט בלייבן אומבאוואָפנט. יעדער ערלעכער מענטש, יעדער פּאַר וועמען די פרייהייט איז טייער, מוז אויס־שטיין קעגן די פינסטערע פיינט פון פאָלק און זיין פרייהייט.

זאָלן אַלע אויפטוער און פירער פון פּאָגראָם באַשראָפט ווערן, ווי זיי האָבן עס פאַרדינט. פון דעם פּאָגראָם זאָל ווערן אַן אויפשטאַנד. נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! נידער מיט די צאַרישע כוליגאַנען! עס לעבע די רעוואָלוציע! עס לעבע דער סאָציאַליזם״.

און מען האָט אָרגאַניזירט די זעלבסטשוץ.

די זעלבסטשוץ איז געווען צעטיילט אויף צווייען:

נ יי נ צ י ק חברים האָבן געהערט צו דער „קאַמף־דרוזשי־נע״ דאָס זענען געווען די חברים צו גיין אויפן סאַמע רעכטן פייער. ביז פיר הונדערט חברים האָבן געהערט צו די אָטראַדן פון פאַרטיידיקונג.

און אַז מיט אַן אָוונט פריער האָבן זיך עטלעכע פון די

אַרבעטער „סאָמאָאָבאָראָנצעס“, שוין מיט די רעוואָלווערן אין די קעשענעס, זיך אַריינגעכאַפּט אין בית־מדרש, ווייל גראָדע איז דער פריסטאַוו קויאַראָוו פאַרביי דאָס קרומע געסל, האָבן די יידן מיט דרך־ארץ מיט אַזעלכע דערשלאָגענע און אומגליקלעכע אויגן, ווי זקנים ביי פטירה, זיך אָפּגערופן שטיל

— לאָזט זיי צו... פאַרשטעלט זיי...

און דער „זיי“ איז אַזוי געזאָגט געוואָרן — אַזאַ ווייטער, אומבאַקאַנטער „זיי“, וועלכע זענען דאָך אייגענע יידישע קינדער.

— לאָזט זיי.. פאַרשטעלט זיי...

און עס האָבן די עלטערע יידן זייער געוואָלט, אַז „זיי“ זאָלן קדושה זאָגן. מען האָט מעריב געדאַוונט.

ממילא, ווילן זיי נישט, איז נישט.

— זאָל גאָט אויף זיי רחמנות האָבן...

דער צווייטער צד איז אויך אָרגאַניזירט געווען. די שוואַרצע „פּאָגראָם־מאה“ איז געפירט געוואָרן פון פריסטאַוו קויאַראָוו, פון געהילף־פריסטאַוו יאַראַצקי, פון עלטסטן פּאָליציאַנט אַלעקסאַנדראָוו און פון עטלעכע ציוויל־איבערגעטאָענע זשאַנדאַרן. זיי האָבן זיך וואָכן כסדר געגרייט, זיי האָבן אויך געגרייט די סאָלדאַטן צו דעם פּאָגראָם. —

די כאַליאַסטרעס האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויף די גאַסן. אָנגעהויבן האָט מען מיט דעם אָרימען שטאָט־טייל „פּאָדוואַל“ אזאַ מען איז אַריבער אין אַנדערע גאַסן. בראש פון די כאַליבסטרעס זענען געגאַנגען פּאָליציאַנטן מיט שטעקענעס און האָבן געבראָכן די פענסטער, אויפגעריסן די געוועלבער און געוויזן וואו צו שיסן.—

די שיסעריי האָט זיך געהערט איבער דער גאַנצער שטאָט. מענטשנס לעבן איז געוואָרן אימגליקלעך, שוואַרצע קריעה. אַן אור־אַלט, אומגליקלעך, פינסטער יידיש לעבן איז צעשראָקענע־רייד אַראָפּ אונטער דער ערד. מנהגים, מאָראַלן, וועלכע זענען מיט געוואַלד אויפגעצויגן געוואָרן אין הונדערטער יאָרן, זענען צעבראָכן געוואָרן, ווי עס ווערן צעבראָכן ערדענע טעפּ. די צעפלעטע, געטויטע, פאַרבלוטיקע, וועלכע זענען געלעגן אויסגע־

אויגן, אוועקגעוואָרפענע אויף מיטן די גאַסן, זענען געווען די מתנות, וואָס פאַרשאָלטענע האָבן געשיקט צו דעם בורא־עולם;

— נאַ...

און די דריי מענטשן אויף קיעווער גאַס, דער צעשטופּל־טער סאָלדאט, דער שוואַרצער גאָרדאָוואָי מיטן שטעקן, דער שכּורער כוליגאַן אָן דעם היטל, וועלכע זענען געזעסן און גע־שטאַנען אַריבערגעבויגן איבער דעם טויטן יידן מיט דעם שוואַרצן, קורצן בעדל, איבער דעם יידן ברוך־משה, און געזוכט אין זיי־נע קעשענעס, זיי זענען געווען דער דענקמאָל פון יענעם פאַר־שאָלטענעם אַפּריל־טאָג.

די זעלבסטשוץ איז געגאַנגען אויף קדוש־השם. און דער־הויפּט איז געווען די מסירת־נפש אין יענעם אויף דער נאַכט.

די כאַליאַסטרעס האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע. מען איז אַרומגערינגלט געוואָרן און צוריק אַרומגערינגלט. מען האָט זיך געראַנגלט מיט רעוואָלווערן, מיט מעסערס, מיט נאַהיי־קעס און מיט שטיינער. —

דאָס אייגן לעבן איז אַוועק, אוועק נישט אָנצוזען מער, ווי עס גייט אַוועק אַ קינד דיינס פון דער וועלט און לאָזט דיר איינער אַליין. גרויסע, הפקרדיקע און הייליקע יתומים האָבן דאָ דאָס לעבן זייערס אַוועקגעגעבן באַנאַכט אויף די שטיינער, ביי די סלופּעס פון די פינסטערע לאַמטערנעס.

די געפעכטן זענען געגאַנגען אויף דריי פלעצער: אויפן פּאדאל, אופן פּלאַץ און אין די דערבייאיקע גאַסן, די זעלבסט־שוץ פלעגט צומאָל אַרויסשטופּן די כוליגיאַנעס פון דער אָדער יענער גאַס, צעזייען זיי מיט אַ שיסעריי, נאָר באַלד פלעגן זיי זיך אומקערן צוריק פאַרשכורטע, דולע פון בלוט און פון רויב, און פון טויט... —

דאָס אומגליק האָט געברענט אויף פּאדאל, דאָרכן ווו עס האָבן געוואוינט אַלע יידישע אָרימעלייט. אין דער משוגענער וויי־סעניש פון אויפגעפליקטע קישענס זענען אומגעלאָפן כוליגאַנעס און אפילו איבערגעביסן די גאָרגלען פון יידישע ווייבער. —

אין אַ זעלבסטשוץ־גרופּע אויף פּאָדאָל איז געווען סידאַר־טשיק. אַ גאַנצן אָוונט און באַכדעם כּמעט אַ גאַנצע נאַכט האָט די דאָזיקע גרופּע פאַרטיידיקט דעם אַריינגאַנג אין אַ שמאָלער אָרימער געסל. צוויי טויטע זענען שוין געלעגן ביים סאַמע אַריינגאַנג אין גאַס. די טויטע שומרים ביים נ'ער.

מיט אַ וואונדערלעכן מוט האָבן אַ צענדליק יידישע אַר־בעטער פאַרטיידיקט מיט אַ נישט גלויבלעכער עקשנות די דריי־סיק יידישע, אומגליקלעכע היימען, דוכט זיך, אַז אַזעלכע הויכע ברידער זענען דאָ אומגעלאָפן איבער דעם געסל, גאָר נישט זיי צו דערקענען. אַזעלכע הויכע, העכער פון די נידעריקע דעכער, העכער איבער די קוימנס. די אַלטע יידן, וועמענס ביינער האָבן געציטערט, וועמענס צעשראָקענע ליפּן האָבן שוין ווידוי אָפּגע־זאָגט, האָבן געהערט די אומלויפנדיקע יידישע קינדער איבערן געסל, האָבן, ווי תהלים, געשעפּטשעט:

— רבונו של עולם, פאַרלאָז זיי נישט... זיי זענען מקדש דיין נאָמען...

און דעמאָלסט בשעת הינטער און אַרום די ווענט פון קליינעם בית־מדרשל איז געגאַנגען אין מיטן די נאַכט די שי־סעריי און בונדיסטן האָבן זיך זאַלבע־נאַנט געלאָזט מיט די רעוואָלווערן אין פייער אַריין, אָט גלייך אַהינצו אַנטקעגן, און עס איז געווען ביי זיי, אָט אַזוי לויפנדיק, אַ געפּיל, ווי מען וואָלט זיך לאָזן מיט אַזאַ נישט־הינער באַגייסטערונג אין כּף־הקל, — אָט דעמאָלט זענען געזעסן צוויי זקנים אין בית־מדרשל און זיי האָבן אַזוי געשמועסט:

— מ'זאָגט, אַז דער רב פון שאַטי, ר' ש,מה, האָט גע־שריבן אין שטאָט אַריין אַ בריוו אום שבת, אַז אין שאַט' גרייט זיך אויף אַ פּאָגראָם... אַז דער זעמסקער סודיאַ מיט די פּויערים גרייטן זיך מיט קאָסעס, השם יצילנו... אַז דער סטאַ־ראָסטאַ פון וואָלאָסט איז געקומען צום רב און דערציילט... זענען אַלע מבולבל... שרייבט ער אפילו אים שבת דער רב אין שטאָט אַריין...

— עס קען נישט זיין, אז אום שבת... — זאָגט דער צווייטער ייד.

— אז איך זאָג דיר... ר׳ שלמה... אום שבת...

און דעמאָלסט האָט זיך אַריינגעריסן אין געסל דער פּריסטאַוו קויאַראָוו, אָפּגעשטופּט די גרופּע מיט דעם חבר סידאָרטשיק.—

די צוויי יידן האָבן שוין מער קיינמאָל קיין וכוח נישט געפירט. סיידן אפשר אויף יענער וועלט

II

און עס דאַרף דאָ דערציילט ווערן. —

אין דער זעלביקער צייט זענען עס געפאַלן די בונדיסטישע ברידער, וועלכע האָבן געאיילט צו הילף דער זעלבסטשוץ פון זשיטאָמיר. זיי זענען געפאַלן אין טראָיאַנאָוו, אין דאָרף, אויפן וועג פון טשודנאָוו קיין זשיטאָמיר.

אין דער זע,ביקער נאַכט, ווען סודאַרשטיק האָט שוין מער קיין קוילן ניט געהאַט אין זיין רעוואָלווער, דעמאָלסט, ווען אַ גאַנצע יידישע געסל האָט אזוי שוואַרץ און אומגליקלעך געשריען פון אַלע טירן און אַלע פענסטער.

ווייל מער ווי שרייען האָט זי ניט געקענט. — און אין דעם דאָזיקן שרייען פון אויסגעקרומטן און אומגליקלעכן געסל אין מיטן דער נאַכט איז געווען אַזאַ הייליק געזאַנג ווען קדוש השם, וואָס קיינער האָט נישט געהערט און קיינער האָט נישט געוואוסט —

דעמאָלסט איז סידאָרטשיק געלעגן אויף דער ערד און געריסן שטיינער פון ברוק.

אין דער זעלבער צייט זענען צווישן די טשידנאָווער בונדיסטן געלעגן צופעליק אַרומגענומען אויף דעם טראָיאַנאָווער פעלד דריי נישט צעשיידטע חברים.

איינער איז געווען וואָלאָדיאַ. ניין, נישט וואָלאָדיאַ, נאָר איסאַק. ניין, נישט איסאַק, נאָר יאַשאַ. ניין, נישט יאַשאַ — נאָר יעקב בראָדסקי. פאַרשידן האָט דער דאָזיקער געהייסן אין

די פאַרשידענע שטעט. ער האָט געאַרבעט אין בערדיטשעוו, אין זשיטאָמיר, אין האָמעל. געשטאַמט האָט ער פון טשודנאָוו. און ווייל ער איז קראַנק געוואָרן, איז ער געקומען אַביסל געזונט צו ווערן. אַ ברודער אַ היציקער, אַ פלאַמיקער, דאָס איינציקע, וואָס פון אים איז געבליבן, איז אַ פאַרצייכעניש פון אַ פאָר ווערטער, וועלכע ער פלעגט שטענדיק זאָגן: „וויפיל וואָלט איך אַוועקגעגעבן, אום צו קענען כאָטש איין רגע איבערלעבן אויף די באַריקאַדן! און דאָרט קען מען שוין שטאַרבן...״

דער צווייטער איז געווען דער חבר זשולי. ניין, נישט זשולי, נאָר עזריאל, „עזריאל פליישער״, וועלכער איז אַלט געווען נאָר זיבעצן יאָר. מען האָט אים שוין גערופן דער „טעאָרעטיק״. אַ פנים האָט ער געהאַט אַ קליינס, אַ דאַרס, אויגן אַראָפּגעלאָזענע, האָר ייִנגל־קורצע און שוואַרצע, אַ קאָפּ אַ ביסל אַן אויסגעבויגענס, ליפּן פאַרביסענע, פאַרעקשנטע. און ער איז שוין אַ סך עלטער געווען פון זיינע יאָרן.

און דער דריטער איז געווען דער חבר פיניע, אָדער פנחס, אָדער פנחס האָרוויץ, וועלכער איז אויך אַלט געווען נאָר צוואַנציק יאָר און פאַר זיינע צוויי צענדליק יאָרן זיך אָנגעליטן אַ סך נויט און דחקות און געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע פון בערדיטשעווער בונד. —

האָר האָט ער געהאַט שאַטיגע, אַ מויל אַן אָפענע, אויגן גרויסע, אַ הויט אַ ווייסע, און פון אים איז שטיל געלאָפן אַן אימפעט, ווי עס יאָגט זיך אַראָפּ אַ שטראָמיק וואַסער פון אַ באַרג. —

זענען זיי געלעגן זאַלבע דריט אַרומגענומענע און דערשאָכטענע אויף טראָיאַנאָווער פעלד.

דעמאָלסט, בשעת דער חבר סידאָרטשיק האָט געריסן אַ שטיין פון ברוק.

IV

נו, קערן מיר זיך אום צום אָנהויב פון דער געשיכטע. דער חבר סידאָרטשיק האָט דערשאָסן דעם אָרגאַניזאַטאָר

פון פאַגראַם, דעם פּריסטאַוו קויאַראָוו. דערשאָסן אויף טויט. געשאָסן און געטראָפן.

האָט מען אים דערפאַר אַריינגעזעצט אין טורמע. פרייטאָג האָט מען אים געגעבן דעם באַשולדיקונגס־אַקט. שבת דאַרף זיין דאָס געריכט.

אַ פעלד־מיליטער־געריכט. –

און סידאָרטשיק האָט אַ פּשוטע שטימע און זינגט אַליין פון זיין קאַמער אַרויס.

— וועגן וואָס זינגט אַזאַ סידאָרטשיק אין אַזאַ טאָג? —

און זיין דאָזיקן זינגען אין נאָך באַשערט געווען אָפּצוטאָן אַ שליחות.

מיט אַ טאָג פריער וואָלט עס קיינער נישט גלויבן, אָבער היינט איז דאָס געשען.

אַז די אַרעסטאַנטן האָבן אים געהערט אַזוי זינגען און געוואָר געוואָרן פון די נאַדזיראַטעלעס, אַז נאָך היינט פירט מען אים אָפּ צום פעלד־קריגס-געריכט, האָבן זיי זיך אויפגעבונטעוועט, די קרימינעלע אַרעסטאַנטן:

— ניין! זיין ווילן נישט, זיי וועלן נישט לאָזן היינט אַרויספירן סידאָרטשיקן פון טורמע צום פעלד־געריכט.

זאָל מען אים משפטן אין אַן איינפאַך געריכט.

און אויב נישט, קערן זיי איבער די טורמע מיטן קאָפּ אַראָפּ.

און זיי האָבן לאַנג נישט געוואַרט. כאָדאָרז֞ם גייט די זשיטאָמיר טורמע. מען ברעכט די טירן, די ווענט, די שויבן. אַלע זענען שוין אויף די קאָרידאָרן. זיי לאָזן נישט אַריין די וואַך. מען ראַנגלט זיך, מען ווערט זיך קעגן די וועכטער. די צוויי הונדערט קרימינעלע אַרעסטאַנטן ווייסן שוין אַליין נישט, וואָס און ווער עס בונטעוועט אין זיי — זייער אומגליק, זייער מענטשלעכקייט, זייער הפקר, זייער פאַרלאָרנקייט, זייער קראַנק בלוט:

— ניין!... טויטע וועלן מיר דאָ אַלע ליגן!...

— אים פירט מען נישט...

— אַ העלזעלע האָט זיך אײַך. בעסטיעס, פֿאַרגלוסט, אַ תּליהלע...

— קאַרג האָט איר, מערזאַוצעס...

— הינטישע זין...

די טורמע־נאַטשאַלסטוואָ האָט אַרויסגערופֿן חיל. דאָס מי־ליטער האָט מורא געהאַט אַרײַנצוגיין אינעווייניק אין די קאַ־מערן, האָט מען אַרומגערינגלט די טורמע, ווי אַ פֿרעמדע פֿעסטונג, און געשאָסן אינעווייניק אַרײַן, אין די פֿענסטער, דורך די קראַטעס. איין אַרעסטאַנט איז דערשאָסן געוואָרן און עטלע־כע האָט מען פֿאַרוווּנדעט. —

נו, האָט זיך באַוויזן בלוט, אַרעסטאַנטיש בלוט אויף די קאָרידאָרן, דאָס האָט געקענט איינס פֿון די ביידע — אָדער איינשטילן אונטערטעניק די אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן, ווי הכנעהדיקע הינט, אָדער, פֿאַרקערט, אויפֿבעסטיעווען זיי, אַז עס זאָל זיך דער קאָפּ נישט אַרויסזען. —

געשען איז דאָס צווייטע. פֿון טורמע האָט זיך דערהערט אַ וואָיעניש, אַ שרײַעניש. עס האָבן צוויי הונדערט אַרעסטאַנטן און קאַטאָרזשניקעס געליאַרעמט:

— גיט זיי אונז אַהער...

— סיידן איבער אונז...

— דעם יינגל וועלן מיר נישט אַרויסגעבן.

און איינער אַ געלער מיט אַ פּנים פֿול מיט גרויסע, ברייטע, צעגאָסענע זומער־שפּרענקעלעך, מיט אַ קורצן, דיקן און ברייט צעעפֿנטן נעזל, מיט אַ אײַנגעפֿאַלן מויל, ווי אַ קנייטש פֿון אַ פּילקע, אויפֿן מיטן פּנים, איוואַן טשוטשימיי — ער האָט אַ צעבראַשטשעטער מיט אַ געל באַוואַקסן מערדעריש האַרץ, מיט נאַקעטע, האָריקע, עשו׳דיקע הענט געשטאַנען ביים סאַמע טיר פֿון קאָרידאָר —

— נו, וועלן מיר נאָר זען, ברידערל...

דער משפּט איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף מאָנטאָג.

V

– האָסט געהרגעט דעם פריסטאַוו קויאַראָוו? – האָט מען סידאָרטשיקן געפרעגט.

– יאָ, איך האָב אים געהרגעט.

– קענסטו דערקלערן די סיבה פון דיין מאָרד?...

– איך קאָן... פאַרוואָס נישט?.. איר ווייסט עס אַליין... מאַכט אייך נישט תמעוואַטע... צי האָט ע ר אָרגאַניזירט דעם זשיטאָמירער פאָגראָם, צי נישט?..

אַז מען האָט אים מודיע געווען, אַז ער איז פאַרמשפּט צו דער תליה, האָט סידאָרטשיק אָנגעקוקט דעם פאָרזיצער פון געריכט, אַט יענעם נידעריקן, אַלטן מענטשן מיטן גרוי בערדל און מיטן שווערדל ביים זייט, אים אָנגעקוקט, און זיך צו אים אָפּגערופן:

– איך האָב אויף אייך רחמנות, גענעראַל...

אַכט אַזייגער אין אָוונט איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון זעקס הונדערט אַרבעטער אויפן קווער פון בערדיטשעווער און טשודנאָווער גאַס. נאָכדעם איז מען אַזוי אַוועק צו דער טורמע, וווּ עס איז געזעסן ס י ד אָ ר ט ש י ק און געוואַרט אויף דער תליה. פון דער דעמאָנסטראַציע האָט מען עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן און אויך עטלעכע מאָל אויסגערופן צו די פענסטער פון דער טורמע, אויסגערופן צום חבר סידאָרטשיק.

פון דאָרט האָט מען געענטפערט, מען האָט אָנגעהויבן ברעכן די שויבן. עס איז זיך אָנגעלאָפן די פאָליציי.

אַז עס איז שטיל געוואָרן און קיינער איז שוין אַרום טורמע נישט געווען, האָט מען געהערט סידאָרטשיקן זינגען פון קאַמער אַרויס. –

איידער ער איז אַוועק מיטן שטריק אויפן האַלז.

אַוועק איז ער באַגינען.

אינהאַלט:

	זייט
פֿלדע וועט אויסגיין	7
פֿאַמער גיב איך אַרויס	20
חיים איז אוועק צו דער תּליה	33
זיי זענען געגאַנגען צום גובערנאַטאָר.	42
ליובע די ליכטיקע	59
אין טלית שבת אין דער פֿרי	72
שיס, נעם דיך דער טייוול	82
דריי	90
אָנרופֿן מיין נאָמען וויל איך נישט	100
פֿאַניע גובערנאַטאָר, אין רוסלאַנד איז אַ רעוואָלוציע . .	108
אירע עטלעכע בריוו	119
די ערשטע מלחמה	126
דער היסטאָרישער וכּוח	132
די מחנה	144
זלמנקע	153
יונגט אַ מענטש פֿון קאַמער	164